STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02703

ALE VERK

Mendele Mokher Sefarim

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאג
מענדעלע
ווארשע

אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר־ספרים

(ש. י. אבראמאָוויץ)

אַכטער באַנד

נײַע פערבעסערטע אויסגאַבע

פערלאַג: געזעלשאַפט „צענטראַל“, וואַרשא, נאָוואָליפּקי 7

1928

אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר-ספרים

(ש. י. אבראַמאָוויץ)

שבת'דיגע זמירות

פערטייטשט אין שירים און גוט פערקלעהרט,
בכדי איטליכער יוד בעזונדער
זאָל פערשטעהן זייער טייערן ווערט,
ווי שעהן זיי זענען א גאָטס וואונדער.

פֶּרֶק שִׁירָה

פערטייטשט אין שירים

פערלאג „מענדעלע", ווארשא

1928

Copyright by S. Sreberk NEW-YORK U. S. A. 1927

Printed in Poland

Zakł. Graf. „Stereotyp" Warszawa Nowolipki 7.

שבת'דיגע זמירות

שבת׳דיגע זמירות

פרק שירה

די „שבת׳דיגע זמירות״ („זמירות ישראל״) און דער „פרק שירה״ זענען פערעפענטליכט געװאָרען דורך מענדעלע מוכר ספרים אין יאָהר 1875 אין זשיטאָמיר, אין איין צייט מיט דעם בוך „יודעל״.

די „זמירות ישראל״ זענען דאַן געװען געדרוקט מיט אזא מין קעפּעל: „זמירות ישראל לליל שבת ולמוצאי שבת. שבת׳דיגע זמירות, פערטייטש אין שירים און גוט דערקלערט, בכדי איטליכער יוד בעזונדער זאָל פערשטעהן זייער טהייערען װערט, װי שעהן זיי זענען א גאָטס װאונדער״. אין זיינע ביאָגראַפישע נאָטיצען („רשימות לתולדתי״, סאָקאָלאָװ׳ס ספר־הזכרון״ 1889) דערקלעהרט מענדעלע: „די סבה, װאָס האָט מיך געבראַכט איבערצוזעצען די זמירות איז אַזעלכע: איך האָב געזעהן די תפלות אין סידור „קרבן מנחה״ פאַר יודישע טעכטער, און די איבערזעצונג איז אָהן א טעם און אָהן א ריח, מען קען עס אין מויל נישט נעמען. דעריבער האָב איך בעשלאָסען, אז ס׳איז געקומען די צייט צו טהון פאַר אונזערע שװעסטער, די יודישע טעכטער און פאַר די פּראָסטע מענשען אונזערע, און זיי אונטערטראָגען א מתנה אויף א ריינער שפּראַך. װאָרום אויך זיי האָבען אַזאַ האַרץ װי מיר, װאָס לעכצט צו גאָט׳ס זיסע װערטער און מיר קענען זיי נישט פּטר׳ן פון דעם און זיי פערמיידען פון גוטס, פון װיסען און פון מוסר און דאָס אַלץ בעהאַלטען נאָר פאַר אַ קליין ביסעל יחידי־סגולה. און אויב אונזערע הייליגע עלטערען האָבען איבערגעזעצט די תורה אויף דער שפּראַך פון פאָלק, און אונזערע תנאים האָבען פאַר זיי בעשטימט טאָלמאַטשער, כדי דעם המון צו געבען צו פערשטעהן גאָט׳ס רייד, פאַרװאָס זשע זאָלען אויך מיר נישט געהן אין זייערע װעגען צו געבען חכמה און מוסר צו די קינדער פון הייליגען פאָלק אויף דער שפּראַך, װאָס זיי פערשטעהען, און פאַרװאָס זאָלען אויך מיר נישט זאָרגען פאַר אונזערע

טעכטער און פאר'ן גאַנצען המון און פערטיידען פון זיי די גוטע מתנות און שעהנע אוצרות, וואָס געפונען זיך אין אונזערע תפלות און זיי לאָזען ארומבלאָנקען אויף די פינסטערע וועגען, זיך צו פערנעמען מיט נאַרישקייטען און פוסטע מעשיות, וואָס פערנאַרישען, און מיר זאָלען נאָר אין זינען האָבען נאָר אַ קליינעם טהייל פון אונזער פאָלק?! צי זעגען דען נישט אַלע יודען הייליג און צווישען זיי רוהט ניט גאָט?" „מיט די זמירות—זאָגט ווייטער מענדעלע — האָב איך אָנגעהויבען די הייליגע אַרבייט אַלס אַ פּרוב, דערנאָך האָב איך איבערגעזעצט דעם ספר תהלים אין פערזען, ער געפינט זיך ביי מיר אין כתב־יד".

דער „פרק־שירה" איז געדרוקט געוועען מיט פאָלגענדיגען טראַדיציאָנעלען העברעאישען טעקסט אויפ'ן שער־בלאַט: „פרק שירה, מתורגם ללשון יהודית בשירים חרוזים ושקולים ע"מ י"א תנועות, עם פתיחה כתובה בלה"ק על דבר פרק שירה זה, ועם פירוש טוב־טעם, הנותן טעם לשבח ומפרש על פי חכמת הטבע ועל פי דברי חכמינו ז"ל כל מאמר מאומרי שירה בענינו. יראו ישרים וישמחו ומכבדי רז"ל יבואו אל גן־נעול זה במפתח אשר נתתי לפניהם ויתענגו לראות מה גדלו מעשי חכמינו, מאד עמקו מחשבותיהם מאת ש. י. אברמויץ". אין דעם מליצה'דיגען לשון־קודש ווערט דאַ געזאָגט, אַז דער „פרק־שירה" איז איבערגעזעצט אין יודיש, אין פערזען לויט'ן משקל פון י"א תנועות מיט אַן אַריינפיהר, וואָס איז געשריבען אין לשון־קודש וועגען דער פרק־שירה און מיט אַ גוטען בעטעמטען פירוש, וואָס גיעט צו פערשטעהן על פי חכמת הטבע די רייד פון אונזערע חכמים ז"ל. מענדעלע גיעט צו אין זיינע ביאָגראַפישע נאָטיצען, אַז ס'טהוט איהם לייד, — ער האָט געהאָט בדעה אַרויסצוגעבען אַ נייעם „קרבן־מנחה", אָבער צוליעב פערשיעדענע סבות נישט בעוויזען צו טהון עס."

דיביידע ווערק—וואָס זענען איצט אַ שעהן ביסעל פערעלטערט— זענען אינטערעסאַנט דערמיט, וואָס זיי זענען געשריבען אין אַ ריינעם פאָלקסטימליכען יודיש. אין „פרק שירה" האָבען מיר אַ רייה שעהן־געפאַסטע פאַבעלן פון דעם לעבען פון די חיות, מיט אָריגינעלע, גאַנץ יודישליכע בעצייכענונגען און כאַראַקטעריסטיקעס.

ג. מ.

סֵדֶר לֵיל שַׁבָּת.

שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם מַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת מַלְאֲכֵי עֶלְיוֹן מִמֶּלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא ג״פ:

בּוֹאֲכֶם לְשָׁלוֹם מַלְאֲכֵי הַשָּׁלוֹם מַלְאֲכֵי עֶלְיוֹן מִמֶּלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא ג״פ:

בָּרְכוּנִי לְשָׁלוֹם מַלְאֲכֵי הַשָּׁלוֹם מַלְאֲכֵי עֶלְיוֹן מִמֶּלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא ג״פ:

זַייט גֶעגְרִיסְט, גֶעשִׁיקְטֶע מִיר מַלְאָכִים,
אִיהר גָאט׳ס דִינֶער, אִין מַיין רוּה,
פוּנ׳ם מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים
הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא.

קוּמְט מִיט פְרֵידֶען, פְרֵידְלִיכֶע מַלְאָכִים,
אִיהר גָאט׳ס דִינֶער, אִין מַיין רוּה.
פוּנ׳ם מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים,
הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא.

בֶּענְשְׁט מִיט פְרֵייד מִיךְ, פְרִידְלִיכֶע מַלְאָכִים,
אִיהר גָאטְס דִינֶער, אִין מַיין רוּה.
פוּנ׳ם מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים,
הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא.

צֵאתְכֶם לְשָׁלוֹם מַלְאֲכֵי הַשָּׁלוֹם מַלְאֲכֵי עֶלְיוֹן מִמֶּלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא ג״פ:

כִּי מַלְאָכָיו יְצַוֶּה לָּךְ לִשְׁמָרְךָ בְּכָל דְּרָכֶיךָ.
יְיָ יִשְׁמָר צֵאתְךָ וּבֹאֲךָ מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם:

רִבּוֹן כָּל הָעוֹלָמִים אֲדוֹן כָּל הַנְּשָׁמוֹת אֲדוֹן הַשָּׁלוֹם מֶלֶךְ אַבִּיר מֶלֶךְ בָּרוּךְ מֶלֶךְ גָּדוֹל מֶלֶךְ דּוֹבֵר שָׁלוֹם מֶלֶךְ הָדוּר מֶלֶךְ וָתִיק מֶלֶךְ זָךְ מֶלֶךְ חֵי הָעוֹלָמִים

און גֵעהן בְּשָׁלוֹם זָאלְט אִיהר, פְרֵידְלִיכֶע מַלְאָכִים,
אִיהר גֶעשִׁיקְטֶע אִין מַיין רוּה,
פוּנֶ׳ם כֶּלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים,
הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא.
דֶען עֶר בֶּעפֶעהלט מַלְאָכִים זַיינֶע
צוּהִיטֶען דִיךְ אִין אַלֶע וֶועגֶען דַיינֶע,
וואוּ קֶעהרֶען און וֶוענְדֶען דוּ וֶועסט זִיךְ נָאר,
וֶועט שְׁטַארק דִיךְ גָאט הִיטֶען אוֹיף לַאנְגֶע יָאהר.
רבון פוּן אַלֶע וֶועלְטֶען, אָ, דוּ הַאר,
פוּן שָׁלוֹם, אַלֶע נְשָׁמוֹת דוּ דֶער שַׂר.
שְׁטַארְקֶער מֶלֶךְ, גְרוֹיסֶער און גֶעלוֹיבְּטֶער אוּמֶעטוּם,
פְרֵידְלִיךְ און בֶּעשֶׁעהנְט מִיט כָּבוֹד און מִיט רוּהם,
בִּיסְט אַ מֶלֶךְ זֶעהר אַ גוּטֶער, זֶעהר אַ רֵיינֶער,
לֶעבֶּען אִין דִי וֶועלְטֶען גִיסְט דוּ נָאר אֵיינֶער.
מֶעכְטִיג בִּיסְט דוּ גָאר אַ שְׁרֶעק
און אַ בַּעַל־רַחֲמִים אָהן אַ עֶק.

מֶלֶךְ טוֹב וּמֵטִיב מֶלֶךְ יָחִיד וּמְיוּחָד מֶלֶךְ כַּבִּיר מֶלֶךְ
לוֹבֵשׁ רַחֲמִים מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים מֶלֶךְ נִשְׂגָּב מֶלֶךְ
סוֹמֵךְ נוֹפְלִים מֶלֶךְ עוֹשֶׂה מַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית מֶלֶךְ פּוֹדֶה
וּמַצִּיל מֶלֶךְ צַח וְאָדוֹם מֶלֶךְ קָדוֹשׁ מֶלֶךְ רָם וְנִשָּׂא
מֶלֶךְ שׁוֹמֵעַ תְּפִלָּה מֶלֶךְ תְּמִים דַּרְכּוֹ. מוֹדֶה אֲנִי לְפָנֶיךָ יְיָ
אֱלֹהַי וֵאלֹהֵי אֲבוֹתַי עַל כָּל הַחֶסֶד אֲשֶׁר עָשִׂיתָ עִמָּדִי וַאֲשֶׁר
אַתָּה עָתִיד לַעֲשׂוֹת עִמִּי וְעִם כָּל בְּנֵי בֵיתִי וְעִם כָּל

דוּ מֶלֶךְ אִיבֶּער מְלָכִים, גְרוֹיסֶער פַּארְנֶעהם,
וָואס שְׁטִיצְט גֶעפַּאלֶענֶע, דִי וָואס אִין דֶער קְלֶעהם,
וָואס ווירְקְט אוּן שַׁאפְט,
דֶערְלֵייזְט מִיט קְרַאפְט,
וָואס אִין דִי הוֹיכֶע הִימְלֶען אִיז דַיין רוּה,
אוּן יֶעדֶע תְּפִלָּה הֶערְסְט דוּ יאה גוּט צוּ,
וָואס דַיין הַנְהָגָה, דַיין וֶועג,
אִיז רִיכְטִיג אָהְן אַ בְּרֶעג,–
דִיר, גָאט מַיינֶער אוּן פוּן מַיינֶע פֶעטֶער, דִיר
דַאנְק אִיךְ פַארְ'ן גְנָאד, וָואס דוּ גֶעטְהָאן הָאסְט מִיר,
אוּן וָואס דוּ בִיסְט נָאךְ בְּרֵייט צוּטָאן אַלֶע צֵייט
מִיט מִיר, מִיט מַיין גֶעזִינְד אוּן מִיט אַלֶע לַייט.
אוּן גֶעבֶּענְשְׁט זֶענֶען דִי מַלְאָכִים דַיינֶע,
וָואס טְהוּן דַיין ווילֶען, דִי הֵיילִיגֶע, פַיינֶע,
הֶער פוּן שָׁלוֹם, וָואס דֶער שָׁלוֹם אִיז דַיינֶער,
בֶּענְשׁ מִיךְ מִיט שָׁלוֹם, בֶּענְשׁ מִיךְ, אַ גָאט מַיינֶער

בְּרִיּוֹתֶיךָ בְּנֵי בְרִיתִי. וּבְרוּכִים הֵם מַלְאָכֶיךָ הַקְּדוֹשִׁים וְהַטְּהוֹרִים שֶׁעֹשִׂים רְצוֹנֶךָ. אֲדוֹן הַשָּׁלוֹם מֶלֶךְ שֶׁהַשָּׁלוֹם שֶׁלּוֹ בָּרְכֵנִי בַּשָּׁלוֹם וְתִפְקוֹד אוֹתִי וְאֶת כָּל בְּנֵי בֵיתִי וְכָל עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל לְחַיִּים טוֹבִים וּלְשָׁלוֹם: מֶלֶךְ עֶלְיוֹן עַל כָּל צְבָא מָרוֹם. יוֹצְרֵנוּ יוֹצֵר כָּל מַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית. אֲחַלֶּה פָּנֶיךָ הַמְּאִירִים שֶׁתְּזַכֶּה אוֹתִי וְאֶת כָּל בְּנֵי בֵיתִי לִמְצֹא חֵן וְשֵׂכֶל טוֹב בְּעֵינֶיךָ וּבְעֵינֵי כָל בְּנֵי

זָאלְסט מִיךְ אִי מַיין גֶעזִינְד און אַלֶע אִידֶען
גֶעדַאכְטֶען צוּ אַ גוּט לֶעבֶּען און פְרִידֶען.
דוּ הֶעכְסְטֶער מֶלֶךְ אִיבֶּער הִימֶעל אַ סַךְ,
אוּנְזֶער בַּאשֶׁעפֶער, מַייסְטֶער פוּן יֶעדֶער זַאךְ,
אִיךְ בֶּעט דַיין לִיכְטִיגֶען פָּנִים דֶעם שַׁיינֶעם
זַיי מְזַכֶּה מִיךְ מִיט מַיין גֶעזִינד אִינְאֵיינֶעם,
צוּגֶעפִינֶען חֵן און גְלִיק בַּיי דִיר, גָאט גוּטֶער,
אִי בַּיי אַלֶע לַייט פוּן אֵיין פָּאטֶער און מוּטֶער,
בַּיי דִי מֶענְשֶׁענְס קִינְדֶער, אוּמוּת אַלֶערְלֵיי,
וָואס פוּן אָדָם און פוּן חַוָּה שְׁטַאמֶען זֵיי,
אִין אִיטְלִיכֶענְס אוֹיגֶען חֵן צוּגֶעפִינֶען,
מִיר זָאלֶען גוּט אִי פְרוּם זַיין און דִיךְ דִינֶען,
דוּ זָאלְסט אוּנְז אַלֶע, לִיבֶּער גָאט, מְזַכֶּה זַיין,
שַׁבָּתִים צוּ־צוּנֶעהמֶען אֶרֶענְטְלִיךְ, פַיין,
מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה און נַחַת אִין דֶעם גֶעזִינְד,
אִין עוֹשֶׁר, אִין כָּבוֹד אִי מִיט וֶועניג זִינְד,

אָדָם וְחַוָּה וּבְעֵינֵי כָּל רוֹאֵינוּ לַעֲבוֹדָתֶךָ וְזַכֵּנוּ לְקַבֵּל
שַׁבָּתוֹת מִתּוֹךְ רוֹב שִׂמְחָה וּמִתּוֹךְ עוֹשֶׁר וְכָבוֹד וּמִתּוֹךְ
מִעוּט עֲוֹנוֹת וְהָסֵר מִמֶּנִּי וּמִכָּל בְּנֵי בֵיתִי וּמִכָּל עַמְּךָ
בֵּית יִשְׂרָאֵל כָּל מִינֵי חוֹלִי וְכָל מִינֵי מַדְוֶה וְכָל מִינֵי
דַלּוּת וַעֲנִיּוּת וְאֶבְיוֹנוּת וְתֵן בָּנוּ יֵצֶר טוֹב לְעָבְדְךָ בֶּאֱמֶת
וּבְיִרְאָה וּבְאַהֲבָה וְנִהְיֶה מְכֻבָּדִים בְּעֵינֶיךָ וּבְעֵינֵי כָּל
רוֹאֵינוּ כִּי אַתָּה הוּא מֶלֶךְ הַכָּבוֹד כִּי לְךָ נָאֶה כִּי לְךָ

דערווייטער פון מיר אי פון מיינע הויזלייט
און פון גאר דיין פאלק יִשְׂרָאֵל אלע צייט,
כָּל א מִינֵי קראנקהייטען אי ווינד און וויי,
דַלּוּת, ארעמקייט, פוּרְעָנִיּוֹת אלערליי,
און גיב אין אונזער הארץ א גוטען ווילען
דיך צודינען טריי מיט אלע געפיהלען,
בּיי דיר געאכט זיין לאמיר האבען דאס גליק
און ביי אלע וואס גיבען אויף אונז א בליק;
דען דער מֶלֶךְ פון כָּבוֹד ביסט דו אליין,
דיר שטעהט אזעלכס אן, דיר פאסט עס שיין.
דיך קייניג איבער אלע קייניגען בעט איך,
געבּיט דיינע מַלְאָכִים, וואס דינען דיך,
די דינער פונ׳ם אויבערשטען די טרייע,
זיי זאלען צו מיר גנעדיג זיין גוט־מְחַיֶה,
און זאלען מיך דא בענשען, גיב זיי א זאג,
ביים קומען אין מיין הויז דעם היילינען טאג;

יאה: אָנָּא מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים צַוֵּה לְמַלְאָכֶיךָ מַלְאֲכֵי
הַשָּׁרֵת מְשָׁרְתֵי עֶלְיוֹן שֶׁיִּפְקְדוּנִי בְּרַחֲמִים וִיבָרְכוּנִי בְּבוֹאָם
לְבֵיתִי בְּיוֹם קָדְשֵׁנוּ כִּי הִדְלַקְתִּי נֵרוֹתַי וְהִצַּעְתִּי מִטָּתִי
וְהֶחֱלַפְתִּי שִׂמְלוֹתַי לִכְבוֹד יוֹם הַשַּׁבָּת וּבָאתִי לְבֵיתְךָ
לְהַפִּיל תְּחִנָּתִי לְפָנֶיךָ שֶׁתַּעֲבִיר אַנְחָתִי וְאָעִיד אֲשֶׁר
בָּרָאתָ בְּשִׁשָּׁה יָמִים כָּל הַיְצוּר. וְאֶשְׁנֶה וַאֲשַׁלֵּשׁ עוֹד
לְהָעִיד עַל כּוֹסִי בְּתוֹךְ שִׂמְחָתִי כַּאֲשֶׁר צִוִּיתַנִי לְזָכְרוֹ

דָעְן מַיינֶע לִיכְט בְּרֶענֶען לִיכְטִיג אוֹיפֶ'ן טִישׁ
אוּן מַיין בֶּעטֶעל אִיז אוֹיסְגֶעבֶּעט מְחַיֶה פְּרִישׁ,
אוּן הָאבּ לְכָבוֹד שַׁבָּת דִי קְלֵיידֶער מַיינֶע
פַארְבִּיטֶען אוֹיף שֵׁיינֶע, רֵיינֶע אוּן פַיינֶע,
אוּן בִּין גֶעגַאנְגֶען בֶּעטֶען אִין שׁוּל צוּ דִיר
דוּ זָאלְסְט פַארְטְרַייבֶּען מַיינֶע זָארְגֶען פוּן מִיר,
אוּן הָאבּ אִין מַיין גֶעבֶּעט עֵדוּת גֶעזָאגְט דָארְט,
אַז אִין זֶעקְס טֶעג בֶּעשַׁאפְסְט דוּ מִיט דַיין וָוארְט
דִי אַלֶע בֶּעשֶׁעפְנִישׁ, וָואס גָאר אָהן אַ צָאהל,
אִיךְ וֶועל עָס נָאךְ צוּם צְוֵוייטֶען אוּן דְרִיטֶען מָאל
עֵדוּת זָאגֶען בַּיים קִדוּשׁ אוֹיף אַ כּוֹסֶע
לוּסְטִיג-פְרֵעהלִיךְ מִיט אַ שִׂמְחָה אַ גְרוֹיסֶע,
וִוי דוּ הָאסְט מִיר גֶעבָּאטֶען אִין דֶער תּוֹרָה
זִיךְ אָנְטָאן תַּעֲנוּג מִיט מַיין נְשָׁמָה יְתֵרָה,
וָואס דַיין לִיבֶּער נָאמֶען הָאט מִיר גֶעגֶעבֶּען
דֶעם שַׁבָּת צוּ הִיטֶען, אִין אִיהם צוּלֶעבֶּען,

וּלְהִתְעַנֵּג בְּיֶתֶר נְשָׁמָתִי אֲשֶׁר נָתַתָּ בִּי. בּוֹ אֶשְׁבּוֹת
כַּאֲשֶׁר צִוִּיתַנִי לְשָׁרְתֶךָ וְכֵן אַגִּיד גְּדֻלָּתְךָ בְּרִנָּה.
וְשִׁוִּיתִי יְיָ לִקְרָאתִי שֶׁתְּרַחֲמֵנִי עוֹד בְּגָלוּתִי לְגָאֳלֵנִי
לְעוֹרֵר לִבִּי לְאַהֲבָתֶךָ וְאָז אֶשְׁמוֹר פִּקּוּדֶיךָ וְחֻקֶּיךָ
בְּלִי עֶצֶב וְאֶתְפַּלֵּל כַּדָּת כָּרָאוּי וּכְנָכוֹן: מַלְאֲכֵי הַשָּׁלוֹם
בּוֹאֲכֶם לְשָׁלוֹם. בָּרְכוּנִי לְשָׁלוֹם. וְאִמְרוּ בָּרוּךְ לְשֻׁלְחָנִי
הֶעָרוּךְ וְצֵאתְכֶם לְשָׁלוֹם מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם אָמֵן סֶלָה:

אין דעם שבת וועל איך מיר רוה געפינען,
ווי דו האסט מיר געבאטען דיך צודינען,
און אזוי וועל איך זיכער טאקי טאן אויך
צוזאגען דיין גרויסקייט מיט געזאנג הויך;
און גאט בעט איך: א, דערבארעם זיך, דערלייז,
בעפריי מיך פון צרות און פון אל-דאס-בייז,
דערוועק מיין הארץ דיך ליב צוהאבען, מיין גא
דענסמאל היט איך אהן טרויער דיינע געבאט,
און מיין געבעט וועט זיין מיט געפיהל ריין, שארף,
אזוי ווי עס געהער, אזוי ווי מען דארף.
א, איהר הייליגע מלאכים פון פרידען,
פריד זאל אייער קומען זיין צו אונז אידען,
בענשט מיך מיט שלום און זאגט אייער ברכה
צו מיין טיש וואס פיין געגרייט מיט השגחה,
אייער אוועקגאנג מיט פריד אין גאטס נאמען
פון איצט ביז אייביג אמן סלה אמן:

אֵשֶׁת חַיִל מִי יִמְצָא וְרָחוֹק מִפְּנִינִים מִכְרָהּ: בָּטַח
בָּהּ לֵב בַּעְלָהּ וְשָׁלָל לֹא יֶחְסָר: גְּמָלַתְהוּ טוֹב וְלֹא
רָע כֹּל יְמֵי חַיֶּיהָ: דָּרְשָׁה צֶמֶר וּפִשְׁתִּים וַתַּעַשׂ בְּחֵפֶץ
כַּפֶּיהָ: הָיְתָה כָּאֳנִיּוֹת סוֹחֵר מִמֶּרְחָק תָּבִיא לַחְמָהּ:
וַתָּקָם בְּעוֹד לַיְלָה וַתִּתֵּן טֶרֶף לְבֵיתָהּ וְחֹק לְנַעֲרֹתֶיהָ:
זָמְמָה שָׂדֶה וַתִּקָּחֵהוּ מִפְּרִי כַפֶּיהָ נָטְעָה כָּרֶם: חָגְרָה בְעוֹז
מָתְנֶיהָ וַתְּאַמֵּץ זְרוֹעֹתֶיהָ: טָעֲמָה כִּי טוֹב סַחְרָהּ לֹא

אשת חיל אַיין אֵשֶׁת חַיִל אִיז אַזֶעלְטֶענֶע זַאךְ,
זִי אִיז נִישְׁט צוּקוֹיפֶען פַאר פֶּערֶעל אַ סַךְ.
פַארלָאזֶען מֶעג דֶעם מַאנס הַארץ זִיךְ אוֹיף אִיהר גאר
דָאם פַארמֶעגֶען וֶוערד נִישְׁט גֶעמִינֶערט אַ הָאר.
נָאר גוּטֶס אַלֵיין וֶועט זִי תָּמִיד אִיהם גֶעבֶּען,
קַיין בֵּייז, קַיין שְׁלֶעכטֶס קַיינְמָאל אִין אִיהר גַאנץ לֶעבֶּען.
זוּכט וָואל אִי פְלַאקס וִוי מֶעגְלִיךְ צוּגֶעפִינֶען,
מִיט לוּסְט נֶעהמֶען זִיךְ אִיהְרֶע הֶענד צוּם שְׁפִּינֶען.
זִי אִיז גְלַייךְ צוּ הַאנְדֶעלס-שִׁיפֶען אִין יַם דָארט,
וָואס בְּרֵיינְגֶען אָן בְּרוֹיט עֶרְגֶיץ פוּן אַ וַוייט אָרט.
אִין דְרוֹיסֶען אִיז נָאךְ נַאכְט, שְׁטֵעהט זִי אוֹיף גֶעשְׁווִינְד
אוּן גִיט אַרוֹים שְׁפַּייז אוֹיף אִיהר גַאנץ הוֹיזְגֶעזִינְד.
טְהֵיילט יֶעדֶען זַיין אַרבֵּייט אוֹים אֵייגֶענְהֶענְדִיג,
אוּן אִיהרֶע דִינְסְטֶען זֵייעֶר אַרבֵּייט שְׁטֶענְדִיג.
דֵיינְקְט אַרוּם אַ פֶעלְד אוּן קוֹיפְט עֶס טַאקִי שׁוֹין,
פְלַאנְצְט אַ וַויינְגָארְטֶען פַאר אִיהר פַארְדִינְסְט, אִיהר לוֹין.

יִכְבֶּה בַלַּיְלָה נֵרָהּ׃ יָדֶיהָ שִׁלְּחָה בַכִּישׁוֹר וְכַפֶּיהָ תָּמְכוּ
פָלֶךְ׃ כַּפָּהּ פָּרְשָׂה לֶעָנִי וְיָדֶיהָ שִׁלְּחָה לָאֶבְיוֹן׃ לֹא
תִירָא לְבֵיתָהּ מִשָּׁלֶג כִּי כָל בֵּיתָהּ לָבֻשׁ שָׁנִים׃ מַרְבַדִּים
עָשְׂתָה לָּהּ שֵׁשׁ וְאַרְגָּמָן לְבוּשָׁהּ׃ נוֹדָע בַּשְּׁעָרִים בַּעְלָהּ
בְּשִׁבְתּוֹ עִם זִקְנֵי אָרֶץ׃ סָדִין עָשְׂתָה וַתִּמְכֹּר וַחֲגוֹר
נָתְנָה לַכְּנַעֲנִי׃ עֹז וְהָדָר לְבוּשָׁהּ וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן׃
פִּיהָ פָּתְחָה בְחָכְמָה וְתוֹרַת חֶסֶד עַל לְשׁוֹנָהּ׃ צוֹפִיָּה

זי פארגארטעלט זיך שטארק אויף דאס ניי,
און איהרע הענד ארבייטען ווידער געטריי.
זי פיהלט ווי איהר געשעפט איז גוט אי טייער,
אי ביי דער נאכט פארלעשט זי ניט איהר פייער.
איהרע פינגער שטרעקט זי צו דער פריאלקע אויס,
איהר האנד האלט די שפינדעל און שפינט דארויס.
איהר האנד, וואס דערלאנגט צום ארמען אין דער נויט,
איהרע פינגער, וואס גיבען דעם אביון ברויט.
זי האט נישט מורא איהר געזינד זאל קאלט זיין,
בעקליידט, בענייט איז איהר הויזגעזינד פיין.
מאכט זיך בעטגעוואנד, אנצוקוקען א פרייד,
פיינע לייווענט און פורפורוואל איז איהר קלייד;
איהר מאן שיינט אומעטום מיט די קליידער זיינע,
בשעת ער זיצט צווישען גרויסע לייט פיינע.
שלייער מאכט זי זיך און לאזט אנדערע נאך אפ.
פון גארטלען גיט זי נאך דעם סוחר אראפ.

הֲלִיכוֹת בֵּיתָהּ וְלֶחֶם עַצְלוּת לֹא תֹאכֵל׃ קָמוּ בָנֶיהָ
וַיְאַשְּׁרוּהָ בַּעְלָהּ וַיְהַלְלָהּ׃ רַבּוֹת בָּנוֹת עָשׂוּ חָיִל וְאַתְּ עָלִית
עַל כֻּלָּנָה׃ שֶׁקֶר הַחֵן וְהֶבֶל הַיֹּפִי אִשָּׁה יִרְאַת יְיָ הִיא
תִתְהַלָּל׃ תְּנוּ לָהּ מִפְּרִי יָדֶיהָ וִיהַלְלוּהָ בַשְּׁעָרִים מַעֲשֶׂיהָ׃

דער מלבוש איהרער איז אַ שטאַרק אַ שיין, קלאָהר
לאַכט פּוּנ׳ם לעצטען טאָג איבער הונדערט יאָהר.
עפענט מיט חכמה איהר מויל, רעדט קלוג אַלסדינג,
אַ לערנוּנג פוּן חסד ליגט איהר אויף דער צינג.
זי קוקט אויף דער פיהרונג אין הויז אַלע צייט,
און ברויט אומזיסט עסט זי ניט ווי פוילע לייט.
איהרע קינדער לויבען זי אין אַלע ערטער,
איהר מאַן־ער ריהמט זי מיט אַזעלכע ווערטער:
„פיל ווייבער האָבען פאַרדינט און גרויס דריבער
דו אָבער גערהסט זיי אַלע ווייט אַריבער,
פאַלש איז דער חן, נאַריש פוּן שיינקייט דער רוהם,
בעריהמט איז נאָר אַ ווייב, וואָס איז גוט אַ פרום.
גיט איהר פוּן די פרוּכט מאַכי פוּן איהרע הענט,
איהרע מעשים לויבען און מאַכען זי בעקענט.“

זְמִירוֹת לֵיל שַׁבָּת

זה הזמר מיוסד מן חרוז שני הלאה על פי איב, ובחרוז הראשון חתם המחבר שמו בר״ת שנוית של ג׳ חלקי החרוז, שהם. מקדש, שומר, הרבה, ר״ת משה.

כָּל מְקַדֵּשׁ שְׁבִיעִי כָּרָאוּי לוֹ. כָּל שׁוֹמֵר שַׁבָּת כַּדָּת מֵחַלְּלוֹ. שְׂכָרוֹ הַרְבֵּה מְאֹד עַל פִּי פָעֳלוֹ. אִישׁ עַל מַחֲנֵהוּ וְאִישׁ עַל דִּגְלוֹ: אוֹהֲבֵי יְיָ הַמְחַכִּים בְּבִנְיַן אֲרִיאֵל. בְּיוֹם הַשַּׁבָּת שִׂישׂוּ וְשִׂמְחוּ כִּמְקַבְּלֵי מַתַּן נַחֲלִיאֵל א). גַּם שְׂאוּ יְדֵיכֶם קֹדֶשׁ וְאִמְרוּ לָאֵל. בָּרוּךְ

כל מקדש וֶוער עֶס הַאלט דֶעם זִיבֶּעטֶען טָאג הֵיילִיג פֵיין,
וֶוער שַׁבָּת הִיט כְּדִין, אִיהם נִישׁט מְחַלֵּל צוּ זַיין,
וֶוערד בֶּעלוֹינְט כְּפִי זַיין וֶוערק מִיט דֶער פוּלֶער הַאנד
יֶעדֶער כְּפִי זַיין גְרַאד אוּן יֶעדֶער כְּפִי זַיין שְׁטַאנְד.
אוהבי דִי וָואס הָאבֶּען גָאט לִיבּ אוּן אִיהם גֶעטְרֵיי,
הָאפֶען וֶועהן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ שְׁפָּאגֶעל נַיי,
פְרֵייט זִיךְ, קֶוועלט שַׁבָּת קוֹדֶשׁ נָאר אַ מוֹרָא,
גְלַייךְ וֶועלכֶע וָואס מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה,

א) השבת הוא שקולה כנגד שאר כל מצוות התורה במס׳ סנהדרין בכמה מקומות,

יְיָ אֲשֶׁר נָתַן מְנוּחָה לְעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל: דּוֹרְשֵׁי יְיָ זֶרַע
אַבְרָהָם אוֹהֲבוֹ. הַמְאַחֲרִים לָצֵאת מִן הַשַּׁבָּת וּמְמַהֲרִים
לָבֹא. וּשְׂמֵחִים לְשָׁמְרוֹ וּלְעָרֵב עֵרוּבוֹ. זֶה הַיּוֹם עָשָׂה
יְיָ נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה בוֹ: זִכְרוּ תּוֹרַת משֶׁה בְּמִצְוַת שַׁבָּת
גְּרוּסָה. חֲרוּתָה לַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי כְּכַלָּה בֵּין רֵעוֹתֶיהָ
מְשֻׁבָּצָה[א]). טְהוֹרִים יִירָשׁוּהָ וִיקַדְּשׁוּהָ בְּמַאֲמַר כָּל אֲשֶׁר
עָשָׂה. וַיְכַל אֱלֹהִים בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי מְלַאכְתּוֹ אֲשֶׁר עָשָׂה:
יוֹם קָדוֹשׁ הוּא מִבּוֹאוֹ וְעַד צֵאתוֹ. כָּל זֶרַע יַעֲקֹב יְכַבְּדוּהוּ

הייבּט אײַרע הענט אויף, לויבּט גאָט מיט לײַב און װײל,
װאָס האָט געגעבּען רוּה זײַן פֿאָלק יִשְׂרָאֵל.
דורשי אַבְרָהָם׳ס קינדער, װאָס פֿאַרשעמען גאָט מיט מִיה,
פֿאַרציה דעם שַׁבָּת שפּעט, נעהמען איהם צו פֿריה,
היטען גערן איהם, זײַן עֵרוּב מיט נאָך זאַכען,
דעם טאָג גיט גאָט, לאָם מיר זיך לוסטיג מאַכען
זכרו געדײַנקט תּוֹרַת משֶׁה, פֿון שַׁבָּת דאָס געבּאָט,
שײַנט װי אַ כַּלָּה צװישען די מִצְוֹת פֿון גאָט,
דאָס רײַנע פֿאָלק נעהמט, האַלט עס הײליג, נישט גרינג,
אויפֿ׳ן בּעפֿעהל פֿון דעם װאָס האָט געמאַכט אַלע דינג־
פֿון גאָט, װאָס האָט געמאַכט פֿאַרטיג און פֿאַרלענדט
אין דעם זיבּעטען טאָג דאָס װערק פֿון זײַנע הענט.
יום הײליג איז דער טאָג פֿון אָנהייבּ בּיז ער געהט הין,
בּײַ יַעֲקֹב׳ס קינדער געאַכט כְּפִי גאָט׳ס װאָרט, זײַן דין,
רוהען אין איהם, עסען־טרינקען צופֿרידען,
גאַנץ יִשְׂרָאֵל מאַכען איהם, אַלע אידען:

כִּדְבַר הַמֶּלֶךְ וְדָתוֹ. לָנוּחַ בּוֹ וְלִשְׂמוֹחַ בְּתַעֲנוּג אָכוֹל
וְשָׁתוֹ. כָּל עֲדַת יִשְׂרָאֵל יַעֲשׂוּ אוֹתוֹ: מְשׁוֹךְ חַסְדְּךָ לְיוֹדְעֶיךָ
אֵל קַנֹּא וְנוֹקֵם. נוֹטְרֵי לַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי זָכוֹר וְשָׁמוֹר לְהָקֵם.
שַׂמְּחֵם בְּבִנְיַן שָׁלֵם בְּאוֹר פָּנֶיךָ תַּבְהִיקֵם. יִרְוְיוּן מִדֶּשֶׁן
בֵּיתֶךָ וְנַחַל עֲדָנֶיךָ תַשְׁקֵם: עֲזוֹר לַשּׁוֹבְתִים בַּשְּׁבִיעִי
בֶּחָרִישׁ וּבַקָּצִיר עוֹלָמִים. פּוֹסְעִים בּוֹ פְּסִיעָה קְטַנָּה.
סוֹעֲדִים בּוֹ לְבָרֵךְ שָׁלֹשׁ פְּעָמִים. צִדְקָתָם תַּצְהִיר כְּאוֹר

משוך צִיה, גערעכטער גאָט, דײַן חֶסֶד אויף לאַנגער צײַט
צו די וואָס קענען דיך, דײַנע טרײַע לײַט,
די וואָס האַרען צום זיבעטן טאָג און ווילען
דאָס געבאָט „זָכוֹר וְשָׁמוֹר" צודערפילען,
מיט דעם הייליג געבײַ דערפרײַ זיי אינאײנעם,
דערלײַכט זיי מיט דײַן ליכטיג פָּנִים דעם שײנעם,
לאָז פעטע עסענס פון דײַן הויז זיי געניסען
און זיי אנטרינקען פון דײַן טײַך דעם זיסען.
עזור העלף די וואָס רוה'ן דעם זיבעטן טאָג, טוען נִיט,
שטענדיג אין דער צײַט פון אַקערען און שנִיט,
געהן פּאַמעליך נישט מיד צוועוערען דערבײַ,
עסען אין איהם, כְּדֵי צובענטשען, סְעוּדוֹת דְרַײַ,
לאָז שײַנען, פונקעלען זייער גערעכטיגקייט,
ווי פון די ערשטע זיבען טעג דאָס לעכטיגקײַט,
גאָט פון די יִשְׂרָאֵל, וואָס האָט געטרײַ ליב,
גאָט פון די יִשְׂרָאֵל, אײביגע הילף גיב.

שִׁבְעַת הַיָּמִים. יְיָ אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל אַהֲבַת תָּמִים. יְיָ אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל תְּשׁוּעַת עוֹלָמִים:

זה הזמר חברו משה וחותם שמו בני ראשי התרוזים הראשונים: מנוחה, שמו, וזוא.

מְנוּחָה וְשִׂמְחָה אוֹר לַיְּהוּדִים. יוֹם שַׁבָּתוֹן יוֹם מַחֲמַדִּים. שׁוֹמְרָיו וְזוֹכְרָיו הֵמָּה מְעִידִים. כִּי לְשִׁשָּׁה כֹּל בְּרוּאִים וְעוֹמְדִים: שְׁמֵי שָׁמַיִם אֶרֶץ וְיַמִּים. כָּל צְבָא מָרוֹם גְּבוֹהִים וְרָמִים. תַּנִּין וְאָדָם וְחַיַּת רְאֵמִים. כִּי בְּיָהּ יְיָ צוּר עוֹלָמִים: הוּא אֲשֶׁר דִּבֶּר לְעַם סְגֻלָּתוֹ. שָׁמוֹר לְקַדְּשׁוֹ מִבֹּאוֹ וְעַד צֵאתוֹ. שַׁבַּת קֹדֶשׁ יוֹם חֶמְדָּתוֹ. כִּי בוֹ שָׁבַת אֵל מִכָּל מְלַאכְתּוֹ: בְּמִצְוַת שַׁבָּת אֵל יַחֲלִיצָךְ.

מנוחה רוּה און פְרֵייד, אַ לִיכְטִיגקַייט צוּ דִי אִידֶען,
אִיז דֶער לִיבֶּער שַׁבָּת, דֶער טָאג פוּן פְרִידֶען,
עֵדוּת זָאגט דֶער וָואס הַאלְט אִיהם נִיְשְׁט פַאר גְרִינְג,
אַז אִין זֶעקס טֶעג אִיז בֶּעשַׁאפֶען אַלְדִינְג:
שמי דִי הִימֶעל, דִי עֶרד, דִי יַמִּים און טַייכֶען,
דָאס גַאנְצֶע גֶעשְׁלִידֶער אוֹיבֶען דֶעסְגְלַייכֶען,
דֶער פִישׁ, דֶער מֶענְשׁ, דֶער רֶאֵם, וָואס אִיז גָאר זֶעלְטֶען,
אַז גָאט עֶר אִיז מַייסְטֶער פוּן אַלֶע וֶועלְטֶען
הוא עֶר, וָואס הָאט צוּ זַיין לִיבּ פָאלְק גֶערֶעדְט גַאנְץ לַאנְג,
הַאלְט אִיהם הֵיילִיג פוּנ'ם קוּמֶען בִּיזְן אַוועקגַאנְג,
דֶעם שַׁבָּת קֹדֶשׁ זַיין טָאג, וָואס מְחַיֶּה גוּט,
דֶען פוּן זַיין גַאנְץ וֶוערְק הָאט גָאט אִין אִיהם גֶערוּהט.
במצות פַאר דֶעם שַׁבָּת־הִיטֶען גִיט דִיר גָאט חִיּוּת,
רוּף צוּ אִיהם, וֶועט עֶר דִיךְ שְׁטַארְקֶען אָהן שִׁיהוּת.

קוּם קְרָא אֵלָיו יָחִישׁ לְאַמְּצָךְ. נִשְׁמַת כָּל חַי וְגַם נַעֲרִיצָךְ א). אֱכוֹל בְּשִׂמְחָה כִּי כְבָר רָצָךְ: בְּמִשְׁנֶה לֶחֶם וְקִדּוּשׁ רַבָּה. בְּרֹב מַטְעַמִּים וְרוּחַ נְדִיבָה. יִזְכּוּ לְרַב טוּב הַמִּתְעַנְּגִים בָּהּ. בְּבִיאַת גּוֹאֵל לְחַיֵּי עוֹלָם הַבָּא: ב)

זה הזמר חברו מחם והסימן מתחיל מהחרוז השני: מערב, נחלת, חפציך, מעין.

מַה יְּדִידוּת מְנוּחָתֵךְ אַתְּ שַׁבָּת הַמַּלְכָּה. בְּכֵן נָרוּץ

פוּן בֶּעשֶׁעפְנִישׁ דִי זַייל, אוֹיךְ דַיין קְרַאפְט אִיז עֶר,
עֶם מִיט פְרֵייד, עֶר הָאט שׁוֹין אִין דִיר אַ בֶּעגֶעהר.
במשנה מִיט דִי פָּאר חַלּוֹת, דֶעם גְרוֹיסֶען קִידּוּשׁ דֶערְמִיט,
מִיט פִיל גֶעשְׁמַאקֶע שְׁפַּייז אוּן אַ פְרַייעַ גֶעמִיט,
וֶועלֶען דִי, וָואס מְהוּעֶן זִיךְ אִין אִיהם וואויל נָאר פַּיין,
צוּ אַ סַךְ גוּטֶס אוּן גְרוֹיס וואוילְטִיג זוֹכֶה זַיין,
בַּיים קוּמֶען פוּנֶם דֶערלֵייזֶער אַ מָאל,
אוֹיךְ צוּ עוֹלָם הַבָּא גָאר אָהן אַ צָאהל.

מה ידידות אַךְ, וִוי לִיב אִיז דִי רוּה דַיינֶע,
דוּ פְּרִינְצֶעסִין שַׁבָּת פַּיינֶע,
דְרוּם דִיר אֶקֶעגֶען לוֹיפֶען מִיר אַלֶע,
קוּם, מִיר בֶּעטֶען, קוּם, גֶעקְרֵיינְטֶע כַּלָּה.

א) תיבת נעריצך שבתוך הזמר אין לה שחר כלל. ואין ספק שצ״ל מַעֲרִיצָךְ ע״ד הכתוב והוא מַעֲרִצְכֶם (ישעיה ח׳ י״ג) ת״י והוא תוקפכון: ב) כל השומר שבת ומכבדה ומענגה כפי כחו כבר מפורש בקבלה שכרו בעולם הזה יותר על השכר הצפון לעולם הבא, מיטוני הלכות שבת פ״ל מ״י ובמסכתא שבת קי״ח. ודוק בתרגומי:

לקראתך באי כלה נסוכה א). לבוש בגדי חמודות
להדליק נר בברכה. והכל כל העבודות לא תעשו
מלאכה. להתענג בתענוגים ברבורים ושליו ודגים:
מערב מזמינים כל מיני מטעמים. מבעוד יום מוכנים
תרנגולים מפטמים. ולערוך בו כמה מינים. שתות
יינות מבשמים. ותפנוקי מעדנים. בכל שלש פעמים:

מען טהוט זיך אן אין א שיין קלייד,
מען צינדט אן, בענשט ליכט מיט גרויס פרייד.
פון אלע געשעפטען איין עק,
און די ארבייט לייגט מען אוועק,
תענוג זיך אנצוטאן ביים טיש,
מיט קאפהינער, עופות און פיש.
מערב פון נעכטען אלערליי שפייז ברייט,
פון דער פרי פעטע הינער גרייט,
מען גרייט אן מיני זאכען פיל,
זעהר גוטען וויין וויפיל מען וויל
געשמאקע שפייז און נאשעריי,
אויף די סעודות אלע דריי.
תענוג זיך אנצוטאן ביים טיש,
מיט קאפהינער, עופות און פיש.

א) חכמינו ז"ל קראו לשבת בתוארי הכבוד מלכה, כלה. ר' חנינא מיעטף וכו' אמר בואו ונצא לקראת שבת המלכה. ר' ינאי לבש מאניה ואמר בואי כלה בואי כלה (שבת קי"ט. א):

להתענג נחלת יעקב יירש בלי מצרים נחלה ב) ויכבדוהו
עשיר ורש ותזכו לגאולה. ג) יום שבת אם תשמורו
והייתם לי סגולה, ששת ימים תעבדו ובשביעי נגילה:
להתענג חפציך אסורים וגם לחשוב חשבונות. הרהורים
מותרים ולשדך הבנות. ד) ותינוק ללמדו ספר למנצח
בנגינות ה) ולהגות באמרי שפר בכל פנות ומחנות:

נחלת יעקב׳ס ארבטהיי׳. האט מען דערפא,
איין ארב אהן א גרעניץ צום שכר.
אכטען דעם שבת ארם און רייך,
זענט איהר די גאולה זוכה גלייך;
שבת אויב איהר וועט היטען פיין,
וועט איהר גאטס א געליבט פאלק זיין;
זעקס טעג דורכאנאנד ארבייט, טהוט,
און דעם זיבטען טאג פרייט זיך, רוהט.
תענוג זיך אנצוטאן ביים טיש,
מיט קאפהינער, עופות און פיש.
חפציך האנדעל אין איהם דארף אויפהערען,
אויך קיין רעכענונג געפיהרט ווערען;

ב) כלשון הכתוב (ישעיה נח, י״ד): ג) אלמלי משמרין וכו׳ מיד נגאלין (שבת קיח, ב׳). ה) משדכין על התינוקות ליארס בשבת ועל התינוק ללמדו ספר וללמדו אומנות (שם) פירש רש״י שם ללמדו אומנות, דהא נמי מצוה היא, דכל מי שאינו מלמדו אומנות מלמדו ליסטות. והפייטן שנה פה לשון הגמרא וכתב למנצח בנגינות תחת ללמדו אומנות, ובלי ספק עשה זאת בעבור החרוז שהוא עולה יפה:

להתענג הלוכך תהא בנחת ו). ענג קרא לשבת. והשנה משבחה. כדת נפש משיבת. בכן נפשי לך ערגה ולנוח בחבת. כשושנים סוגה. בו ינוחו בן ובת: להתענג מעין עולם הבא יום שבת מנוחה. כל המתענגים בה יזכו

גלאט טראכטען אין די געהירען,
מעכטער שידוכים אויספיהרען,
ליינען, זינגען לערנען א קינד,
קוקען אין ספרים איז קיין זינד.
תענוג זיך אנצוטאן ביים טיש,
מיט קאפהינער, עופות און פיש.
הלוכך שטיל לאז זיין דיין גאנג, נישט געיאגט,
שבת איז רוה, האט גאט געזאגט,
דער שלאף איז מחיה גאר אנטיק,
דערקוויקט, גיט צו געזונט א שטיק,
מיין הארץ גלוסט צו דיר דאריבער,
רוהען אין דיר, שבת ליבער,
ווי עס רוהען זעהר צופרידען
מיט זייער געזינד די אידען.
תענוג זיך אנצוטאן ביים טיש,
מיט קאפהינער, עופות און פיש.
מעין טעם גן-עדן שבת די רוה,
די וואס ברייגען איהם אין תענוג צו

ו) שלא יהא הילוכך של שבת כהילוכך של חול (שבת קי"ג, א')

לְרֹב שִׂמְחָה. מֵחֶבְלֵי מָשִׁיחַ יוּצָּלוּ לִרְוָחָה. ז) פְּדוּתֵנוּ תַצְמִיחַ וְנָס יָגוֹן וַאֲנָחָה: להתענג

חתום שם המחבר מרדכי בר יצחק חזק.

מַה יָּפִית וּמַה נָּעַמְתְּ בְּתַעֲנוּגִים. אַתְּ שַׁבָּת מְשׂוֹשׂ נוּגִים: לָךְ בָּשָׂר וְגַם דָּגִים. נְכוֹנִים מִבְּעוֹד יוֹם: מֵעֶרֶב עַד עֶרֶב לֵב חָרֵדִים. בְּבֹא עִתֵּךְ עֵת דוֹדִים. גִּיל וְשָׂשׂוֹן לַיְּהוּדִים. לִמְצֹא פִּדְיוֹם: וְאַתְּ עֹנֶג לְהִתְעַנֵּג בְּמַמְתַּקִּים. בְּתַעֲנוּגוֹת בְּנֵי אָדָם. וְיַיִן כִּי יִתְאַדָּם. וּשְׁאָר מַשְׁקִים:

וועלען זוכה זיין צו פיל פרייד,
פריי ווערען פון ווייטיג, פון לייד:
אונזער הילף לאז שפראצען, אויפגעהן,
טרויער און זארג געשווינד פארגעהן.
תענוג זיך אנצוטאן ביים טיש,
מיט קאפהינער, עופות און פיש.

מה יפית אך ווי שיין און ווי ליב, א תענוג, כ'לעבען,
ביסט דו, שבת, פאר טרויריגע א לעבען,
פלייש און פיש איז ביי דיר דא ביידע גרייט,
פון נעכטיגען טאג דאס אלסדינג פארטיג ברייט.
מערב א מעת-לעת פרייעט זיך דאס הארץ ביי לייט,
ווען דיין זמן קומט, די זיסע ליבליכע צייט,

ז) (שבת קי"ח, א').

ראה וקדש ביום קדש. עלי יין זכרהו. ואם אין עלי
לחם בצע. בעין יפה לקדשו: שמרהו בהלכותיו
מעבודות. מאבות ותולדות. שיר לאל תן להודות.
זכר לקדשו: כל שומר יום שבת מחללו. מחוללו
מחול מעלו. ובא גואלו שמו שילה. יובל שי לו:
ידבר סימן טוב לך במן ואות דגל. סמבטיון

אַ פֿרייד, אַ שמחה איז אויף אַלע אידען,
ווערען פֿרײַ פֿון זאָרג, לוסטיג און צופֿרידען.
דו ביסט אַ פֿאַרגניגען, אַ תענוג פֿאַר זיי,
מיט גוטע שפּײַז, מיט וויין, משקה אַלערליי.
ראה וקדש מאַך קידוש אין דעם הייליגען טאָג גאָר פֿיין,
דערמאָהן איהם לוסטיג אויף אַ גוטעז כוס וויין,
וויין איז שענער, סײַדען אין אַ נויט,
אין ברירה, מאַך קידוש אויף חלה, אויף ברויט.
שמרהו זאָלסט איהם היטען אַלע זײַנע דינים,
נישט טאָן קיין אַרבייט, מלאכות אַלע מינים,
ניט אַזעלכע וואָס שווער, ניט קליינע וואָס גרינג,
נאָר אַ שבח צו גאָט גיב, לויב איהם און זינג.
כל שומר ווער שבת איז ניט מחלל, ווי דאָס געבאָט,
איהם ווערען פֿאַרגעבען זײַנע זינד פֿון גאָט,
אַז וועט קומען דער גואל, שילה דער האַר
וועט ער איהם ברײנגען אַ מתנה דערפֿאַר.
דבר סימן אַז דו, שבת, ביסט הייליג, איז דײַן בעווייז,
וואָס אין דיר איז ניט געפֿאַנגען מן דאָס שפּײַז,

הַמִּתְגַּלְגֵּל. בְּכָל יוֹם נַח בְּעֵם סֶגֶל: יִשְׁבְּתוּ וְיִשְׁקְטוּ א)
הַטּוֹרְחִים וְלֹא נָחִים עֲדֵי שֵׁשִׁי. וַתְּשַׁלְּחֵם לַחָפְשִׁי.
בִּגְדֵי שֵׁשׁ וְגַם מֶשִׁי. לִכְבוֹדֵךְ יַעֲשׂוּ. וַיֹּאמְרוּ בֹּאִי כַלָּה.
מַה תְּאַחֲרִי. הֵן שֻׁלְחָן וְגַם נֵרֵךְ. עֲרוּכִים כִּי בָא אוֹרֵךְ.

שענער װאַרפֿט אַלע טאָג סמבטיון דער טײַך,
און שבת רוהט ער שטיל, װי די ייִדען גלײַך,
װאָס אַרבײַטען, רוהען ניט די גאַנצע װאָך,
דעם זעקסטען טאָג בעפֿרײַסט דו זײ פֿונים יאָך,
לכבוד דיר טהוען זײ אָן שײנע בגדים,
קלײדער פֿון גוטען זײַדענשטאָף און פּאָרים.
ויאמרו דיר אַקעגען געהן זײ און זאָגען אַלע:
לאָז זיך ניט לאַנג בעטען, ס׳קאָציל קום כּלה,
אַט האָסט דו אַ טיש גרײט מיט גוטע געריכט,
אויך מחיה ליכטיג שײַנט און פֿינקעלט דײַן ליכט.
דו שײַנסט נאָך מעהר פֿונים מאָרגענשטערען שײַן,
אויף דיר שײַנט װי יענץ ליכט גאָט׳ס כּבוד אַלײן,
בשעת די פֿיער עקען װעלט אין יענעם טאָג,
װען הימעל און ערד בעשאַפֿט גאָט מיט זײַן זאָג,
האָט ער מיט זײַן טײַער ליכט בעלײַכט די װעלט,
אַז דער מענש אָבער האָט געזינדיגט, געפֿעהלט,
האָט גאָט דאָס ליכט געװאָלט פֿאַרבאָרגען געשװינד.

א) הרי נהר סמבטיון יוכיח, שמו״ר
ח. ב״ר פי״א.

קומי אורי: כבוד יי עליך כאור זרח. בעת יצר בלי
מורח. קצות מערב וגם מזרח. צפון וימין: עליונים
ותחתונים במאמרו. עלי תבל שם אורו. וכחטוא
יציר ליוצרו. בקשו להטמין. ואת חלית פני קונך
ולא נטמן. יום אחד למוצאיו ב) ואז נגנז ליראיו. יין
עסים ומן: יהי לזכרך ולשמרך וינצל מכל רע. וישכון
בצל עצי עדן. ושם אצל ישרים יתן: סעודותיו

ואת דו אבער בעטסט דיין באשעפער ווי א קינד,
האלט ער זיך דערמיט אויף, לייגט אפ אויף מארגען,
און שבת צו נאכט באלד דאס ליכט פארבארגען,
ער בעהאלט עס צו די פרומע זיינע דארט,
מיט דעם יין המשומר און מן אין איין ארט.
יין צו דעם וואס דערמאנט און היט דיך וועט עס זיין.
ער וועט בעשירעמט ווערען פון בייז, פון פיין,
רוהען אונטער די ביימער אין גן-עדן,
נעבען די צדיקים זיצען אין פריידען.
סעודותיו ווער שבת האט דריי סעודות נישט פארפעהלט,
ווי משה האט עס אין איין פסוק געשטעלט,
מיט דעם היום וואס ער שטעלט דריי מאל אריין,
דער בעגליקט אויב די דריי וועט ער מקיים זיין.

ב) מוסד על מה שאמרו ז"ל: אותה האורה שנברא בה העולם אדם הראשון עמד והביט בה מסוף העולם ועד סופו כיון שחטא אדם הראשון בקש לגנזה חלק כבוד לשבת וכו' כיון ששקעה חמה במוצאי שבת התחיל החושך. ב"ר פי"ב.

וְשַׁבְּתוֹתָיו אֲשֶׁר שֶׁלֶשׁ בְּאִישׁ עָנָיו בְּדָת פִּלֵּשׁ. בְּמִקְרָא הַד הַיּוֹם שְׁלֹשׁ. ג) רָמַז שְׁלָשְׁתָּן: יַעֲלֶה אִם שָׁלֹשׁ אֵלֶּה יַעֲשֶׂה לָהּ. מְחַבְּלִים וְגַם צִירִים יְצֻלּוּ בְּלִי מְצָרִים. יִירַשׁ נַחֲלָה: בְּרָכוֹת יַעֲטֶה מוֹרֶה בְּרֵאשִׁיתֶךָ. וְיֵשׁ תִּקְוָה לְאַחֲרִיתֶךָ וְשָׁבוּ בָנִים בְּצֵאתֶךָ. לְהַבְדִּיל יִשְּׂאוּ: כּוֹס רְוָיָה לְהַלֵּל יָהּ בְּשִׁיר וָרוֹן. בְּקוֹל נָעִים קְרָא בְּגָרוֹן. לְלַוֹּתֶךָ בְּנִין אַהֲרֹן ד) בְּשִׁיר יִקְרָאוּ: כְּבוֹד מְלָכִים וְכָל מְלָכִים לְלַוֹּתָם. הַפַּחוֹת וְהַסְּגָנִים. בְּשַׁבָּחוֹת

וועט נִיצוֹל וֶוערֶען פוּן וֵועהטִיג, פוּן צַעַר,
און אַ נַחֲלָה אָהן אַ בְּרֶעג אַרְבֶּען דֶערְפַאר.
ברכות מִיט אַ קִידוּשׁ, שַׁבָּת, אִיז דַיין הַתְחָלָה,
און דַיין אַוֶועקְגַאנג אִיז מִיט אַ הַבְדָּלָה,
אוֹיף אַ כּוֹס וַויין לוֹיבֶּען הוֹיךְ דִי אִידֶען,
דִיךְ אוֹיף אַרוֹים צוּבֶּעלֵייטֶען אִין פְרִידֶען,
זִינְגֶען זֵיי אֵלִיָהוּ'ם מִיט אַ זִיס קוֹל הוֹיךְ.
כבוד דֶער כָּבוֹד פוּן מְלָכִים, פִירְסְטֶען אִיז דָאךְ אוֹיךְ,
אַז אַלֶע פַיינֶע בְּרִיוֹת בֶּעלֵייטֶען זֵיי,
מִיט רַאצִיֶעס אִי מִיט נִגוּנִים אַלֶערְלֵיי,
אִי מִיט אַ גְרוֹיס אוֹרַא שְׁרַייֶען גָאר אַ שְׁרֶעק,
אַלֶע צַייט וֶוען זֵיי גֵעהן פוּן עֶרְגֶיץ אַוֶועק.

ג) רומז לשלש פעמים היום שנאמר בכתוב (שמות יו, כה) ויאמר משה אכלוהו היום כי שבת היום לה' היום לא תמצאוהו בשדה. ד) בנין אהרן, ר"ל בְּנֶכֶד ובן של אהרן, שהוא פנחס או אליהו:

וברננים. בכל עת צאתם: יצו חסדו קדוש יעקב.
ליל ויומם. ואז לוים על מקומם. ינצחו שיר אשר
זמם. בכל מיני זמר: עלי עולה אשר כפולה ביום
שבת. באהבת יום ברוב חבת. עם נצור כאישון
בת עין נשמר: מי יפאר גדל פאר המלכה. מנחה
אפים. הליכתה אלפים אמה ארכה: חי וקוף מך
בקוראי שמך. שמע עליון. ואל תחרש לרש ואביון.
וקבל ניב וגם הגיון. לבבו נשפל: מזון ארוחה. ליום

יצו לאז דער הייליגער, וואס ביי יעקב געאכט,
גאר בעווייזען אונז זיין חסד טאג און נאכט,
דענסמאל וועלען די לוים אויף זייער ארט,
שפילען אויף די כלים פון איטליכען סארט,
אויף דער טאפלער עולה שבת אין פייער,
פאר ליבשאפט צום טאג, וואס מען האלט איהם טייער,
היט דאס פאלק דערפאר אפ און פארגעס עס ניט,
ווי דאס שווארץ אפעלע פון אויג ווערד געהיט.
מי יפאר דער מלכה'ס שיינקייט איז נישט צודערציילען,
איהר שפייז טאפעל, איהר גאנג צווייטויזענט איילען.
חי ריכט-אויף, א, לעבעדיגער גאט, דעם וואס קומט אום,
וואס רופט צו דיין ליבען נאמען, וואס איז פרום,
הארך, אויבערשטער, די רייד, דאס געבעט פארנעהם,
זאלסט ניט שווייגען צום אביון, וואס אין דער קלעהם.
מזון דער ארמער וואס איהם פעהלט שפייז אויף שבת צום טיש,
לאז ער געהאלפען ווערען מיט ברויט, פלייש און פיש.

מנוחה. בעת יחסר. יוחן בכפת דג ובשר. ישב כשר.
בלי מחסר. לחמו נכפל: יום שביעי כמרועי. אני
קשבו. ברדת דגן שמים. בתת לחם יומים. איש
תחתיו שבו:

מחבר זה הזמר חתם שמו בראשי החרוזים: יום, הבשר, ואם,
גשום, תט, נפש, חקותיה, זה, קולי, ר״ת יהונתן חזק.

יום שבת קדש הוא. אשרי האיש שומרהו. ועל
היין זכרהו. ואל ישים אל לבו. הכים רק ואין בו.
ישמח וירוהו. ואם לוה. הצור יפרע את חובו:

זיצען ווי אשׂרדה, נישט ליידען קיין נויט,
לאז דעם זיבטען טאג זיין געטאפעלט זיין ברויט,
ווי משה׳ס רייד, וועלכע מען האט פארנומען,
דענסמאל ווען דער מן איז פון הימעל געקומען,
בשעת דעם ברויט געבען דענסמאל אויף צוויי טאג.
„זיצט יעדער אויף זיין ארט“, איז געווען זיין זאג.

יום שבת דער טאג פון שבת הייליג איז ער,
וואויל דעם וואס היט איהם ווי עם געהער.
און דערמאהנט איהם אין קידוש אויף וויין,
עם פאלט איהם גאר קיין געדאנק ניט איין,
אז דער בייטעל איז גאר ליידיג, לער,
נישטא אין איהם אי א שילינגער.
לאז ער זיך פרייען, עסען לרוב,
אויב ער בארגט, וועט גאט צאהלען זיין חוב.

הַבָּשָׂר יַיִן וְדָגִים. אַל יְחֻבַּר בְּתַעֲנוּנִים. וְאִם שָׁלֹשׁ
אֵלֶּה לְפָנָיו צְנוּעִים. זֶה יִהְיֶה שְׂכָרוֹ אֲשֶׁר חָפֵץ בִּיקָרוֹ.
יוֹסֵף חָצָה דָג. וּמָצָא מַרְגָּלִית בִּבְשָׂרוֹ א) וְאִם שֻׁלְחָן
כַּדָּת עָרוּךְ. וּמַלְאָךְ אֵל יַעֲנֶה בָּרוּךְ. זֶה יִהְיֶה וְזָמָן
אָרוּךְ. וְאוֹיְבָיו יִהְיוּ כְּדוֹמֶן. וּמַלְאָךְ רַע יַעֲנֶה אָמֵן.
בַּעַל בִּרְכוֹ יְסַפֵּר שִׁבְחוֹ. שְׁמוֹ יַעֲלֶה בְּטוּב שֶׁמֶן:

הבשר פְלֵייש, וַויין און פִיש וֶועט אִיהם נִיט פֶעהלֶען,
וֶועט עֶר דִי דְרַיי גֶערִיכְט צוּם טִישׁ שְׁטֶעלֶען,
דָאס וֶועט זַיין דֶער לוין זַיינֶער דֶערְפַאר,
פַאר טַייעֶר הַאלְטֶען שַׁבָּת דֶער שָׂכָר.
יוֹסֵף צוּשְׁפַּאלְט אַ פִיש, סְ׳אִיז גַאנְץ קְלָאר
און גֶעפִינְט אִין אִיהם אַ פֶערֶעל גָאר.

ואם אִיז דֶער טִישׁ גֶעגְרֵייט אָרֶענְטְלִיךְ־פַיין,
און גָאט׳ס מַלְאָךְ זָאגט: „זָאלְסְט גֶעבֶּענְשְׁט זַיין“,
וֶועט עֶם טַאקִי תָּמִיד זַיין וִוי הַיינְט,
וִוי מִיסְט וֶועלֶען וֶוערֶען זַיינֶע פַיינְט.
דֶער שְׁלֶעכְטֶער מַלְאָךְ עֶנְטְפֶערְט אָמֵן,
און וֶועט מוּזֶען לוֹיבֶּען זַיין נָאמֶען,
דֶער שֵׁם זַיינֶער וֶועט גֵעהן צְוִוישֶׁען לַייט,
אַזוֹי וִוי גוּטֶער אֵייל וָואס שְׁמֶעקְט וַוייט.

א) יוסף מוקיר שבי זבניה (דג) קרעיה אשכח ביה מרגניתא (שבת קי״ט א)

נָשִׁים נֵרוֹת תַּדְלִיקֶנָּה. וְחֹק נִדּוֹת תַּחֲזִיקֶנָּה. וְהַחַלּוֹת תַּפְרִיקֶנָּה: יַעַן בַּעֲדָן זְכוּתָן. יוֹם בָּא עֵת לֵידָתָן. וְאִם לֹא עָבְרוּ וְנִזְהָרוּ. אֲזַי קְרוֹבָה לֵידָתָן ב). תְּנוּ שֶׁבַח וְשִׁירָה. לָאֵל אֲשֶׁר שַׁבָּת בָּרָא. וְלָנוּ בוֹ נָתַן תּוֹרָה. קָרָא לְמֹשֶׁה מַתָּנָה. בְּבֵית גְּנָזַי הִיא טְמוּנָה. לֵךְ יָאֶתָה וְקַח אוֹתָהּ. תְּנָה לַעֲדַת מִי מָנָה: נֶפֶשׁ כִּי נֶאֱנָחָה. בָּא

נשים ווייבער אַזעלכע וואָס ליכט בענטשען,
און האַלטען זייער צייט ווי מענטשען,
וואָס זיי באַקען און נעהמען חלה,
דער זכות פון די דריי מצוות אַלע,
וועט זיי אָם ירצה השם בייאשטעהן,
אין דער רעכטער צייט ביים צוקינד געהן,
דערפאַר וואָס זיי היטען דאָס אַלסדינג,
וועלען זיי געווינען גיך און גרינג.
תנו גיט צו גאָט אַ שבח אַ פיינעם,
פאַר דעם הייליגען שבת זיינעם,
ער רופט און זאָגט צו משה אַ וואָרט:
„אַ מתנה ליגט אין מיין אוצר דאָרט,
שבת איז עס, פאַסט דיר שיין ווינדער,
נעהם גיב זי די יודישע קינדער".
נפש אז דאָס האַרץ וויינט, צרות טרעטען צו,
קומט דער שבת, קומט מנוחה אוי רוה,

ב) מדברי רז"ל בפרק במה מדליקין (שם ל"ב).

שַׁבָּת בָּא מְנוּחָה. גִּיל וְשָׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה: בֵּרְכוֹ וְקִדְּשׁוֹ
בְּמָן. מִלְּרֶדֶת לָעָם לֹא אַלְמָן. וְהַשַּׁבָּת נֶפֶשׁ מְשִׁיבַת. בְּכִפַּת
בַּר אֲשֶׁר טָמָן ג) חֻקּוֹתֶיהָ בְּמָרָה. נִצְטַוּוּ בְּאַזְהָרָה.
כַּהֲדָרִים בִּשְׂעָרָה תְּלוּיִם הִלְכוֹתֶיהָ. שׁוֹמְרֵי מִצְוֹתֶיהָ:
יִנְחֲלוּ לַיּוֹם שֶׁכֻּלּוֹ שַׁבָּת בִּצְבָאוֹתֶיהָ: זֶה הָאוֹת אֲשֶׁר
שָׂם אֵל. בֵּינוֹ וּבֵין בְּנֵי יִשְׂרָאֵל. וּבַשְּׁבִיעִי אֲשֶׁר הוֹאֵל:

לוּסְטִיגְקַייט קוּמְט, אַ שִׂמְחָה, אַ פְרֵייד,
מֶען פַארְגֶעסְט אַלֶע צָרוֹת אוּן לֵייד.
גָאט הָאט מִיט דֶעם מָן אִין יֶענֶער צַייט,
גֶעבֶּענְשְׁט, גֶעהֵיילִיגְט דֶעם טָאג בַּיי לַייט:
גֶעהֵיילִיגְט, דַארוּיף אִיז דָאס אַ בֶּעוַוייז:
אִין אִיהם אִיז נִיט גֶעגַאנְגֶען מָן, קַיין שְׁפַּייז,
גֶעבֶּענְשְׁט, וָואס פְרַייטִיג קוּמְט פַאר אִיהם אָן
מִיט אַ מָאל גַאנְצֶע צְוֵויי מֶעסְטְלִיךְ מָן.
חוקותיה הִיט מֶען פוּן שַׁבָּת דִי פִיל גֶעבָּאט,
בֶּעקוּמְט מֶען עוֹלָם הַבָּא פוּן גָאט.
זה דָאס אִיז דֶער צֵייכֶען פוּן גָאט דֶעם הֶער,
צְווִישֶׁען אִיהם אוּן יִשְׂרָאֵל שְׁטֵעהְט עֶר
אוּן דֶעם זִיבְּטֶען טָאג וָואס עֶר וִויל,
וַואס עֶר אִיז שְׁטַארְק הֵיילִיג, רוּהִיג שְׁטִיל.

ג) דברי הזמר מבוארים יותר בדרז״ל: רבי ישמעאל אומר ברכו במן וקדשו במן, ברכו במן, שכל ימות השבת היה יורד עומר בערב שבת שני עומרים, וקדשו במן, שלא ירד בו כל עיקר. (ב״ר פי״א) ותרגמתי לפי הדברים האו.

סמבטיון הנהר. שבכל יום רץ ונמהר. יוכיח כי מנוחה. תשיב למין אשר שואל ד) קולי קולות יחדלון בעת שירי יגדלון. כי כטל הם יזלון. ואל ישיגו גבולי. באורח שיר נפל חבלי. התקוששו ואל תשמשו בנזר שיר שפרה לי: התקוששו

סמבטיון דער טייך וואס לויפט זעהר גיך,
און שבת גאר פלוצלים שטעלט ער זיך,
בעווייזט, אז פון רוה איז ער א טאג,
דאס גיב דעם אפיקורוס א זאג.
קולי עס הערען אויף די קולות זיינע,
ווען איך זינג הויך די זמירות מיינע,
וואס גיסען זיך מחיה ווי טוי גלייך,
די שטארקע קולות פון יענעם טייך
שווייגען, ווענען ניט משיג גבול מיר,
אין דעם שטייגער פון זינגען מיין שיר.
האלט זיך איין, קיין רעש, קיין פיפס מעהר,
נעהמט ניט די קרוין פון שיר, וואס מיר געהער.

ד) רומז לכה שאמרו ז"ל: טורנוס רופוס הרשע שאל את ר' עקיבא, אמר מה יום מיומים (מאי שנא יומא דשבתא מכל יומא) א"ל הרי נהר סמבטיון יוכיח (ב"ר פי"

זה הזמר סימנו ישראל והוא ר׳ ישראל נאגארה והסימן מתחיל
בראשי החרוזים: יה, שבחין, רברבין, אלהא, למקדשך.

יָהּ רִבּוֹן עָלַם וְעָלְמַיָּא. אַנְתְּ הוּא מַלְכָּא מֶלֶךְ מַלְכַיָּא.
עוֹבַד גְּבוּרְתֵּךְ וְתִמְהַיָּא. שְׁפַר קֳדָמַי לְהַחֲוָיָא: יה
שְׁבָחִין אֲסַדֵּר צַפְרָא וְרַמְשָׁא. לָךְ אֱלָהָא קַדִּישָׁא.
דִּי בְרָא כָּל נַפְשָׁא. עִירִין קַדִּישִׁין וּבְנֵי אֱנָשָׁא.
חֵיוַת בְּרָא וְעוֹפֵי שְׁמַיָּא: יה
רַבְרְבִין עוֹבְדָךְ וְתַקִּיפִין, מָכִיךְ רָמַיָּא וְזָקִיף כְּפִיפִין,
לוּ יִחְיֶה גְּבַר שְׁנִין אַלְפִין, לָא יֵיעוֹל גְּבוּרְתֵּךְ
בְּחוּשְׁבְּנַיָּא: יה

יה רבון גָאט דֶער הֶער פון אֵייבִּיג-אֵייבִּיגֶער צייט
דו בִּיסְט אִיבֶּער מְלָכִים מֶלֶךְ בַּיי לַייט,
דַיינֶע גְרוֹיסֶע וֶוערק און וואונדֶערלִיכְקַייט,
זַיי דָא צוּדֶערְצֵעהלֶען גֶעפֶעלְט מִיר פַיין:
שבחין אִיךְ לוֹיב פְרִיהמָארְגֶענס, און אָוֶוענְט נישט מִינדער
צו דִיר, הֵיילִיגֶער גָאט, חִידוּשִׁים-ווּינְדֶער,
וָואס בֶּעשַׁאפֶען אִיטלִיכֶע זַאךְ בֶּעזוּנדֶער,
הֵיילִיגֶע מַלְאָכִים אִי מֶענְשֶׁענס-קִינְדֶער,
פון דִי חַיוֹת בִּיז דִי פֵייגֶעל אַרַיין.
רברבין גְרוֹיס, שְׁטַארק אִיז דַיינֶע וֶוערק בִּיז אוֹיף אַ הָאר,
דֶערְנִידְרִיגְסְט הוֹיכֶע, דֶערהוֹיכְסְט נִידְרִיגֶע גָאר.
וֶוען אַ מֶענש זָאל לֶעבֶּען טוֹיזֶענט יָאהר,
וֶועט דַיין וֶוערק בֶּערֶעכֶענֶען אִין שְׁטַאנד נִיט זַיין.

אָ לָהָא דִּי לֵיהּ יְקַר וּרְבוּתָא, פְּרוֹק יַת עָנָךְ מִפּוּם אַרְיְוָתָא, וְאַפֵּיק יַת עַמֵּהּ מִגּוֹ גָּלוּתָא, עַמֵּהּ דִּי בְחַרְתְּ מִכָּל אוּמַיָּא: יה

לְ מִקְדְּשָׁךְ תּוּב וּלְקוֹדֶשׁ קוּדְשִׁין, אֲתַר דִּי בֵיהּ יֶחֱדוּן רוּחִין וְנַפְשִׁין, וִיזַמְּרוּן לָךְ שִׁירִין וְרַחֲשִׁין, בִּירוּשְׁלֵם קַרְתָּא דְשׁוּפְרַיָּא: יה

צוּר מִשֶּׁלוֹ אָכַלְנוּ בָּרְכוּ אֱמוּנַי, שָׂבַעְנוּ וְהוֹתַרְנוּ כִּדְבַר יְיָ: הַזָּן אֶת עוֹלָמוֹ רוֹעֵנוּ אָבִינוּ, אָכַלְנוּ אֶת לַחְמוֹ

אלהא גָאט, וָואס כָּבוֹד אִיז דַיינס, שְׁטַארקַייט דֶערְבַּיי,
דַיין שָׁאף בַּיי לֵייבֶּען פוּנֶ'ם מוֹיל בֶּעפְרַיי,
לֵייז דַיין פָּאלק אוֹיס, אִין נֵייטֶען שְׁטֶעה זֵיי בַּיי,
דָאס אוֹיסְגֶעוֶועהלְטֶע פָאלְק דַיינְס, וָואס זֶעהר פַיין.
למקדשך צוּ דַיין בֵּית הַמִקְדָשׁ קֶעהר זִיךְ ווִידֶער,
צוּם אָרְט וָואס דָארט קְווֶעלְט אִי הַארץ אִי גְלִידֶער
אוּן זִינְגֶען וֶועט מֶען דִיר שֵׁיינֶע לִידֶער
אִין יְרוּשָׁלַיִם, אַ שְׁטָאדט גָאר אַ שֵׁיין,

צור משלו גָאט, פוּן זַיינס וָואס מִיר הָאבֶּען גֶעגֶעסֶען,
בֶּענְשְׁט, רַבּוֹתַי, פִּיל אִיהְרֶע זֶענט גְזֶעסֶען,
מִיר זֶענֶען זַאט דֶעם הַאלז אִרִיבֶּער,
אוּן לָאזֶען נָאךְ אוֹיפֶ'ן טִישׁ אִיבֶּער,
ווִי מַאכְי גֶעזָאגְט הָאט גָאט.
הזן דֶער וָואס עֶר שְׁפַּייזט דִי וֶועלְט זַיינֶע אַלֵיין,
אוּנְזֶער שְׁפַּייזֶער אִיז עֶר פוּן הִימֶעל דָארט

דָיֵינוּ שְׂפָתֵינוּ, עַל כֵּן נוֹדֶה לִשְׁמוֹ וּנְהַלְלוֹ בְּפִינוּ, אָמַרְנוּ וְעָנִינוּ אֵין קָדוֹשׁ כַּיְיָ: צור בְּשִׁיר וְקוֹל תּוֹדָה נְבָרֵךְ לֵאלֹהֵינוּ. עַל אֶרֶץ חֶמְדָּה טוֹבָה שֶׁהִנְחִיל לַאֲבוֹתֵינוּ. מָזוֹן וְצֵידָה הִשְׂבִּיעַ לְנַפְשֵׁנוּ. חַסְדּוֹ גָּבַר עָלֵינוּ וֶאֱמֶת יְיָ: צור רַחֵם בְּחַסְדְּךָ עַל עַמְּךָ צוּרֵנוּ: עַל צִיּוֹן מִשְׁכַּן

הָאבֶּען זַיין בְּרוֹיט גֶעגֶעסֶען גְרוֹיס אִי קְלֵיין,
און אוֹיךְ זַיין וַויין גֶעטְרוּנְקֶען, נִישְׁט גֶעשְׁפָּארְט.
דְרִיבֶּער לָאמִיר אִיהם אַלֶע דַאנְקֶען שֵׁיין,
און מִיט אוּנְזֶער מוֹיל אִיהם לוֹיבֶּען אוֹיפְ'ן אָרְט
מִיר זָאגֶען טַאקִי, עָנְטְפֶערֶען אַ וָוארְט:
קֵיינֶער אִיז הֵיילִיג וִוי גָאט.

גָאט פוּן זַיינֶם וָואס מִיר הָאבֶּען גֶעגֶעסֶען,
בֶּענְשְׁט, רַבּוֹתַי, פִיל אִיהְרֶע זֶענְט גְ'זֶעסֶען וכו'
בשיר מִיט אַ גְרוֹיס לוֹיבּ, מִיט גֶעזַאנְג און לִידֶער
לָאם מִיר לוֹיבֶּען אוּנְזֶער גָאט אוֹיף אַ קוֹל
פַאר דֶער גוּטֶער טַייעֶרֶער לַאנד, בְּרִידֶער,
וָואס עֶר הָאט אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערֶען גֶעאַרְבְּט אַ מָאל,
מִיט שְׁפַּייז און דֶערְנֶעהרוּנג פַאר דִי גְלִידֶער
הָאט עֶר אוּנז אָנגֶעזֶעטִיגְט מִיט-אַ-מָאל;
זַיינֶע גְנָאד זֶענֶען אוֹיף אוּנז אָהְן אַ צָאהל
און דִי גֶעטְרַייקַייט פוּן גָאט.
גָאט פוּן זַיינֶם וָואס מִיר הָאבֶּען גֶעגֶעסֶען,
בֶּענְשְׁט, רַבּוֹתַי. פִיל אִיהר זֶענְט גְ'זֶעסֶען וכו'
רחם דֶערְבַּארֶעם זִיךְ מִיט דַיין חֶסֶד גֶעשְׁווִינד

כְּבוֹדֶךָ זְבוּל בֵּית תִּפְאַרְתֵּנוּ. בֶּן דָּוִד עַבְדֶּךָ יָבֹא
וְיִגְאָלֵנוּ: רוּחַ אַפֵּינוּ מְשִׁיחַ יְיָ צור: יִבָּנֶה הַמִּקְדָּשׁ עִיר
צִיּוֹן תְּמַלֵּא. וְשָׁם נָשִׁיר שִׁיר חָדָשׁ וּבִרְנָנָה נַעֲלֶה.

אויף דײַן פָאלק, שְׁטַארְקֶער גָאט, און שְׁטֵיעה זַיי בַּיי,
אויף צִיוֹן, וואו דײַן כָּבוֹד זִיךְ גֶעפִינְט,
אויף דֶעם הֵיילִיג הויז, אוּנְזֶער שֵׁיין גֶעבַּיי,
יֶענֶער, דײַן גֶעטְרַײיעֶר קְנֶעכט דָוִדִ'ס קִינְד,
זָאל קוּמֶען און פון בֵּייז אונז מַאכֶען פְרַיי,
אוּנְזֶער חִיוּת, וָואס מִיר הָאבֶּען לִיבּ טְרַיי,
עֶר, דֶער גֶעוַואלְבְּטֶער פון גָאט.

גָאט, פון זַיינס וָואס מִיר הָאבֶּען גֶעגֶעסֶען,
בֶּענְשְׁט, רַבּוֹתַי, פִיל אִיהרֶע זֶענְט גְ'זֶעסֶען וכו'
יבנה זָאלְסְט בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אויף זַיין אָרְט,
דִי שְׁטָאדט צִיוֹן מִיט מֶענְשֶׁען דֶערְפִילֶען,
און זִינְגֶען אַ נַיי לִיד וֶועלֶען מִיר דָארט
מִיט אַ קַאפֶּעלֶע גֵעהן און צוּ שְׁפִּילֶען,
דֶער גוּטֶער הֵיילִיגֶער גָאט, וָואס הַאלט וָוארְט,
זָאל גֶעלוֹיבְּט וֶוערֶען מִיט אַלֶע גֶעפִיהלֶען,
אויף אַ גְרוֹיסֶען בֶּעכֶער וַויין אַ פִילֶען,
כְּפִי דִי בְּרָכָה אִיז פון גָאט.

גָאט, פון זַיינס וָואס מִיר הָאבֶּען גֶעגֶעסֶען,
בֶּענשט, רַבּוֹתַי, פִיל אִיהרֶע זֶענט גְ'זֶעסֶען,

הָרַחֲמָן הַנִּקְדָּשׁ יִתְבָּרֵךְ וְיִתְעַלֶּה. עַל כּוֹס יַיִן מָלֵא כְּבִרְכַּת יְיָ׃ צור

מִיר וֶוענֶען וַואס דֶעם הַאלְז אַרִיבֶּער,
אוּן לָאזֶען נָאךְ אוֹיף דֶעם טִישׁ אִיבֶּער
וִוי טַאקִי גֶעזָאגְט הָאט גָאט.

זְמִירוֹת לְיוֹם שַׁבָּת

זה הזמר עם המחבר (שמעון בר יצחק) והוא רבינו שמעון הג׳, שעשה כמה פיוטים וחתם שמו בראשי החרוזים מהחרוז השני: שבטי יה, מה יקר, עילם, וצפיר, נמגרתי, בבואו, ראותו. ואח״כ עשה חרוז אחד המתחיל: יצוה צור חסדו קְהלותיו, ר״ת יצחק והוא יסדו לתת שיר ושבח להשי״ת על שהוציאנו ממצרים והצילנו משונאי ה׳.

בָּרוּךְ אֲדֹנָי יוֹם יוֹם יַעֲמָס לָנוּ יֶשַׁע וּפִדְיוֹם
וּבִשְׁמוֹ נָגִיל כָּל הַיּוֹם. וּבִישׁוּעָתוֹ נָרִים רֹאשׁ עֶלְיוֹן.
כִּי הוּא מָעוֹז לַדָּל וּמַחְסֶה לָאֶבְיוֹן: שִׁבְטֵי יָהּ לְיִשְׂרָאֵל

ברוך גֶעלויבְּט און גֶעדַאנְקט איז גָאט טָאג־טֶעגְלִיךְ,
פַר לָאדט אונז אָן מִיט הִילְף מֶעהר ווי מֶעגְלִיךְ,
מִיט זַיין נָאמֶען אַלֶע טָאג פְרֵייעֶן זִיךְ מִיר,
און מִיט זַיין הִילְף הֵייבֶּען מִיר דֶעם קָאפּ אַפִיר;
דֶען עֶר אִיז אַ שְׁטַארְקַייט צוּ דֶעם אָרֶעמַאן,
אַ בֶּעשִׁיטְצוּנג צוּם אֶבְיוֹן אִין אִיהם פַארַאן,
שבטי גָאטס שְׁבָטִים זֶענֶען עֵדוּת פוּן אָנְהֵייבּ אָן
צוּ יִשְׂרָאֵל, ווי עֶר הָאט זֵיי גוּטס גֶעטָאן,
אִין זֵייעֶרֶע צָרוֹת אִיהם אוֹיךְ גֶעוֶוען שְׁלֶעכְט,
אַז זֵיי הָאבֶּען שְׁוֶוער גֶעאַרְבֵּייט, גֶעוֶוען קְנֶעכְט.

עֲדוּת. בְּצָרָתָם לוֹ צָר. בְּסִבְלוֹת וּבַעֲבָדוּת. בְּלַבְּנַת הַסַּפִּיר הֶרְאָם עֹז יְדִידוּת א) וְנִגְלָה לְהַעֲלוֹתָם מֵעֹמֶק בּוֹר וָדוּת. כִּי עִם יְיָ הַחֶסֶד וְהַרְבֵּה עִמּוֹ פְדוּת: מַה יָּקָר חַסְדּוֹ בְּצִלּוֹ לְגוֹנְנֵמוֹ. בְּגָלוּת בָּבֶלָה שֻׁלַּח לְמַעֲנֵמוֹ ב) לְהוֹרִיד בְּרִיחִים נִמְנָה בֵּינֵימוֹ. וַיִּתְּנֵם לְרַחֲמִים לִפְנֵי שׁוֹבֵימוֹ. כִּי לֹא יִטּוֹשׁ יְיָ אֶת עַמּוֹ בַּעֲבוּר הַגָּדוֹל

וַוייזְט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט זֵיי אִין אַ לִיכְטִיגֶען שַׁיין,
קוּמְט זֵיי אַרוֹיסְנֶעהְמֶען פוּן דֶער גְרוּבּ פוּן פַּיין;
דֶען בַּיי גָאט אִיז דָא גְנָאד, גוּטְסְקַייט אַלֶע מָאל,
אוֹיף אוֹיסְצוּלֵייזֶען פִיל וֶועגֶען אָהן צָאהל.
מה יקר וִוי וואוּנדֶער טַייעֶר אִיז זַיין גְנָאד, וָואס עֶר טְהוּט,
אִין שָׁאטֶען זַיינֶעם זֵיי צוּ בֶּעשִׁיטְצֶען גוּט,
זֵיי צוּלִיבּ גֵעהט עֶר אִין גָלוּת בָּבֶל דָארט,
אִין דִי שִׁפְלִיךְ צְווִישֶׁען זֵיי נֶעהְמְט עֶר אַיין אָרט,
רַחֲמָנוּת, לִיבְּשַׁאפְט לָאזט עֶר זֵיי דֶערְלַאנְגֶען
בַּיי יֶענֶע, וֶועלְכֶע הַאלְטֶען זֵיי גֶעפַאנְגֶען;
דֶען זַיין פָאלְק פַארְלָאזט גָאט נִישְׁט אוּמְטוּם
צוּ לִיבּ זַיין גְרוֹיסֶען נָאמֶען אוּן רוּהם:

א) זו גלוי שכינה בלבת אש מתוך הסנה בזמן שעבוד גלות מצרים, והפייטן הולך ומונה פה כל שעבודי עול מלכיות על הסדר:

ב) וזהו מה שאמרו ז״ל: כמה חביבין ישראל לפני הקב״ה, שבכל מקום שגלו שכינה עמהן, גלו למצרים שכינה עמהן, גלו לבבל שכינה עמהן וכו׳ (מגילה כ״ט).

שְׁמוֹ: עֵילָם שָׁת כִּסְאוֹ לְהַצִּיל יְדִידָיו ג) לְהַעֲבִיד מִשָּׁם
מָעֻזְּנֵי מוֹרְדָיו. מֵעֲבוּר בְּשֶׁלַח פָּדָה אֶת עֲבָדָיו. קֶרֶן
לְעַמּוֹ יָרִים תְּהִלָּה לְכָל חֲסִידָיו ד) כִּי אִם הוֹגָה וְרִחֵם
כְּרַחֲמָיו וּכְרוֹב חֲסָדָיו: וּצְפִיר הָעִזִּים הִגְדִּיל עֲצוּמָיו
ה) וְגַם חֲזוֹת אַרְבַּע עָלוּ לִמְרוֹמָיו ו) וּבְלִבָּם דִּמּוּ

עילם אִין עֵילָם דָארְט שְׁטֶעלט עֶר זַיין שְׁטוּל אַנִידֶער
מַצִּיל צוּ זַיין זַיינֶע גֶעלִיבְּטֶע ווִידֶער,
אוֹיסְצוּמַאכֶען דָארטֶען זַיינֶע פַּיינְדס תְּקִיפוֹת,
דֶערְלֵייזט זַיינֶע קְנֶעכט פוּנֶ'ם שְׁוֶוערד, פוּן רְדִיפוֹת,
דֶערהוֹיבְּט זַיין פָאלְקס הָארֶען, עֶס בֶּעקוּמְט אַ קְרַאפְט,
הָאט צוּ אַלֶע זַיינֶע פְרוּמֶע רוּהם פַארְשַׁאפְט;
דֶען אוֹיב עֶר מַאכְט טְרוֹיעֶרִיג-אוּמְטִיג אַ מָאל,
דֶערְבַּארְמְט עֶר זִיךְ מִיט זַיינֶע גְנָאד אָהן אַ צָאהל.
וצפיר אוּן דֶער צִיגֶענְבָּאק אִיז זֶעהר שְׁטַארק גֶעוָוארֶען,
עֶס ווַאקְסְט אִיהם אַרוֹיס אַ פִיעֶרְעֶנְדִיג הָארֶען,
הָאט זַיין גֶעלִיבְּט פָאלְק צוּ פַארדַארְבֶּען גֶעדַאכְט,
דוּרךְ דִי כֹּהֲנִים האט גָאט פוּן פַיינד תֵּל גֶעמַאכְט,

ג) עילם היא מדינה בפרס ועיר המלוכה שם היא שושן הבירה (דניאל ח׳ ב׳).

ד) הדברים האלו כרמזים למה שאירע לאבותינו בפרס בימי מרדכי ואסתר, אשר עברו אויביהם לשלוט בהם ונהפך הוא אשר שלטו המה בשונאיהם:

ה) והצפיר השעיר מלך יון (דניאל ח׳ כא׳):

ו) חזות ארבע. המה ד׳ מלכים שחלקו להם ארצות אלכסנדר מלך יון אחרי מותו (דניאל ח׳. ח׳) ועיין שם פירוש רבינו סעדיה גאון והראב״ע:

להשחית את רחומיו. על ידי כהניו מגר מתקוממיו ז)
חסדי יי כי לא תמנו כי לא כלו רחמיו: נסגרתי
לאדום ביד רעי מדני ח) שבכל יום ממלאים כרסם
מעדני. עזרתו עמי לסמוך את אדני. ולא נטשתני

דען די גנאד פון גאט האבען קיינמאל קיין עק,
דאס רחמנות זיינע קיינמאל נישט אוועק:
נסגרתי איך בין אריין אין אדום׳ס האנד, בייזע לייט,
וואס מיין גוטס פילט אן זייער בויך אלע צייט,
אי דארטען אויך איז מיט מיר די הילף זיינע,
אונטערצוהאלטען די פונדאמענטס מיינע,
אין אלע מיינע צייטען שטעהט ער מיר ביי,
דען גאט פארלאזט נישט, איז אויף אייביג געטריי.
בבואו פון אדום קומענדיג אין קליידער פון בלוט און רויט,
מאכט ער אין בצרה א שעכטונג, פעלשער דעם טויט,
זייער בלוט שפריצט, זיינע קליידער צופארבען,
מיט זיין גרויס קראפט לאזט ער די עלסטע שטארבען,
פארבלאזט זיי מיט זיין שטארקען אטעם געשווינד
אין דעם טאג ווען עס הייבט זיך אויף זיין שטורמווינד.

ז) רמז למה שאירע לאבותינו בימי מתתיהו כהן גדול חשמונאי כשעמד עליהם אנטיוכוס מלך יון:

ח) בני אדום הרעו לישראל בחרבן בית שני, ומלכות רומי היתה בתחלה רובם בני אדום. עיין רד״ק עובדיה א׳ א׳. ולשון הפייטן פה נסגרתי לאדום אפשר להשוות עם לשון הכתוב ואל תסגר שרידיו ביום צרה (עובדיה א י״ד) שהיו האדומים השרוים בארצם מסגירים הפלטים לבני הרד״ק שם בפסוק

כל ימי עדני. כי לא יזנח לעולם אדני: בבאו מאדום חמוץ בגדים ט) זבח לו בבצרה וטבח לו בבוגדים י) ויז נצחם מלבושיו להאדים. בכחו הגדול יבצור רוח נגידים. הגה ברוחו הקשה ביום קדים: ראותו כי כן אדומי העוצר. יחשוב לו בבצרה תקלוט בבצר. ומלאך כאדם בתוכה ינצר. ומזיד כשוגג במקלט יעצר יא) אהבו את יי כל חסידיו אמונים נוצר. יצוה צור חסדו קהלותיו לקבץ. מארבע

ראותו אדומ׳ס שר, זעהט ער, האט אזוי זיך גענארט:
בצרה היט ווי בצר דעם וואס דארט פארשפארט,
א מלאך ווי א מענש קען דארט בעשיצט ווערען,
און דער וואס בכיון ווי דער וואס אומגערען.
אלע זיינע פרומע, האט ליב גאט דעם הער,
די אלע איהם אמת געטריי היט ער:
יצוה גאט לאז גנאד טאן זיין עולם צופארקלייבען,
פון פיר זייטען וועלט צו איהם צונויפטרייבען,
אויף דעם העכסטען פון די בערג מאכען אונזער ארט,
מיט אונז קריק לאז דער פארזאמלער זיך קערען דארט,

יא, ורז״ל נסנרתי לטיטום ומחנהו שהיו מבני אדום ע״י יושבי ארץ אדום שהם אחים ורעים לישראל (עובדיה א׳ י״ י״ב והרבה מקומות). ולפ״ז יתכן לפרש נמי ביד כמו על יד. ומדני הוא מן אנשי ריב ומדון כלומר אנשי מצותי הרעים.

ט) ישעיה ס״ג מתחלת הפרשה ואילך: י) שם לד׳ ו׳:

יא) מיוסד על מה שאמרו ז״ל (מכות י״ב א׳) שלש טעיות עתיד שרו של

רוּחוֹת עָדָיו לְהִקָּבֵץ. וּבְהַר מְרוֹם הָרִים אִתָּנוּ לְהֵרָבֵץ.
וְאִתָּנוּ יָשׁוּב נִדָּחִים קוֹבֵץ. יָשִׁיב לֹא נֶאֱמַר כִּי אִם
וְשָׁב וְקִבֵּץ יב): בָּרוּךְ הוּא אֱלֹהֵינוּ אֲשֶׁר טוֹב גְּמָלָנוּ.
כְּרַחֲמָיו וּכְרוֹב חֲסָדָיו הִגְדִּיל לָנוּ. אֵלֶּה וְכָאֵלֶּה יוֹסֵף
עִמָּנוּ. לְהַגְדִּיל שְׁמוֹ הַגָּדוֹל הַגִּבּוֹר וְהַנּוֹרָא שֶׁנִּקְרָא עָלֵינוּ:
בָּרוּךְ הוּא אֱלֹהֵינוּ שֶׁבְּרָאָנוּ לִכְבוֹדוֹ. לְהַלְּלוֹ וּלְשַׁבְּחוֹ

ער קערט צוריק, שטעהט אין פסוק נישט געשריבען,
נאר אזוי: „ער קערט זיך קריק און האט פארקליבען״.
ברוך געלויבט אונזער גאט, וואס האט אונז גוטס געטאן,
כפי זיין רחמנות און גרויס גנאד פון לאנג אן,
אונז געלאזט גרויסע חידושים בעשעהרען,
נאך און נאך אזוי לאז ער ווייטער מעהרען,
צו דערהייבען זיין גרויסען נאמען נאך מעהר,
וואס אויף אונז גערופען געווארען איז ער
ברוך געלויבט אונזער גאט וואס בעשאפט אונז צו זיין רוהם,
צו ריהמען, צו דערציילען זיין גרויסקייט אומטום,

אדום לטעות, טועה שאינה קולטת אלא בצר (עיר מקלט בנחלת ראובן, דברים ד׳ מג׳) והוא גלה לבצרה (בירת אדום, ישעיה לד׳ ו׳. סג׳. א׳. עמוס א׳ י״ב. ובירמיה מט׳ יג׳. ואם הכתוב שם מח, כד׳, מיחס בצרה לעיר מואב הוא רק לפי שהיתה עומדת בגבול שתי האומות האלו ועברה לפעמים מיד זו ליד זו). טועה שאינה קולטת אלא שוגג והוא מזיד, היה טועה שאינה קולטת אלא אדם והוא מלאך:

יב) פסוק הוא (דברים ל׳, ג׳) ושב ה׳ אלהיך את שבותך ודרשו ז״ל, והשיב לא נאמר אלא ושב, מלמד שהקב״ה שב עמהן מבין הגליות (מגילה כ״ט א׳).

וּלְסַפֵּר הוֹדוֹ. מִכָּל אוֹם גָּבַר עָלֵינוּ חַסְדּוֹ. לָכֵן בְּכָל לֵב
וּבְכָל נֶפֶשׁ וּבְכָל מְאֹדוֹ. נַמְלִיכוֹ וּנְיַחֲדוֹ: שֶׁהַשָּׁלוֹם שֶׁלּוֹ
יָשִׂים עָלֵינוּ בְּרָכָה וְשָׁלוֹם, מִשְּׂמֹאל וּמִיָּמִין עַל יִשְׂרָאֵל
שָׁלוֹם. הָרַחֲמָן הוּא יְבָרֵךְ אֶת עַמּוֹ בַשָּׁלוֹם. וְיִזְכּוּ
לִרְאוֹת בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבְמִצְוֹת עַל
יִשְׂרָאֵל שָׁלוֹם. יוֹעֵץ אֵל גִּבּוֹר אֲבִי עַד שַׂר שָׁלוֹם:

מֶעהר פון אַנדֶערֶע טְהוּט עֶר אונז גְנָאד לִיבֶּער,
מִיט לַייבּ און זֵייל אֵיינְצִיגֶען מִיר אִיהם דְרִיבֶּער.
שהשלום גָאט וָואס זַיינס אִיז דֶער שָׁלוֹם, זַיינס דֶער פְּרִידֶען,
לָאז בְּרָכָה און שָׁלוֹם גֶעבֶּען אונז אִידֶען.
פון אַלֶע זַייטֶען אִי פון לִינְקס אִי פון רֶעכְטְס
לָאז אויף יִשְׂרָאֵל קוּמֶען שָׁלוֹם, קַיין שְׁלֶעכְטְס.
גָאט, וָואס הָאט רַחֲמָנוּת אויף אַלֶע מֶענְשֶׁען,
זָאל זַיין פָאלק מִיט שָׁלוֹם, מִיט פְּרִידֶען בֶּענְשֶׁען,
זָאלֶען זוֹכֶה זַיין זֶעהן קִינְדֶער און קִינְדְס קִינְדֶער,
וָואס אִין תּוֹרָה, מִצְוֹת זִיךְ עוֹסֵק גָאטס וִוינְדֶער
שָׁלוֹם אויף יִשְׂרָאֵל זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהְן,
אויךְ דֶערְהַארֶען יֶענֶעם וִוי עֶר קוּמְט צוּגֶעהְן.
יֶענֶעם, דֶעם יוֹעֵץ, דֶעם גִבּוֹר שְׁטַארְקֶען הַאר,
דֶעם פָאטֶער פון אֵייבִּיג, פון שָׁלוֹם דעם שַׂר.

זה הזמר שם המחבר ברוך חזק והתום סמו בראשי החרוזים:
ברוך, רוכב ואשרי, כל, המדת. זכור, ק״ש:

בָּרוּךְ אֵל עֶלְיוֹן אֲשֶׁר נָתַן מְנוּחָה. לְנַפְשֵׁנוּ פִּדְיוֹם
מִשֵּׁאת וַאֲנָחָה. וְהוּא יִדְרוֹשׁ לְצִיּוֹן עִיר הַנִּדָּחָה. עַד
אָנָה תּוּגְיוֹן נֶפֶשׁ נֶאֱנָחָה: הַשּׁוֹמֵר שַׁבָּת הַבֵּן עִם הַבַּת.
לָאֵל יֵרָצוּ כְּמִנְחָה עַל מַחֲבַת: רוֹכֵב בָּעֲרָבוֹת מֶלֶךְ
עוֹלָמִים. אֶת עַמּוֹ לִשְׁבּוֹת. אִזֵּן בַּנְּעִימִים: בְּמַאֲכָלֵי
עֲרֵבוֹת. בְּמִינֵי מַטְעַמִּים. בְּמַלְבּוּשֵׁי כָבוֹד זֶבַח מִשְׁפָּחָה:

ברוך גֶעלויבט דֶער אויבֶערְשְׁטֶער, וָואס הָאט רוה גֶעגֶעבֶּען,
אונז בֶּעפְרַייאונג פון זָארְג, פון אַ צוּשְׁנֶערט לֶעבֶּען,
וֶועט ציוֹן די פַארְווִיסְטֶע שְׁטָאדט בְּרֵיינְגֶען פְרֵייד,
בִּיז וַואנֶען עַגְמַת נֶפֶשׁ, צָרוֹת און לֵייד.
שַׁבָּת וֶוער עֶס הִיט מִיט דֶעם הויזְגֶעזִינד
אַ זוהן מִיט אַ טָאכְטֶער, אִיטְלִיכֶעם קִינד,

בַּיי גָאט גְלַייךְ ווִי אַ מִנְחָה אויף דִי זִינד.
רוכב דֶער וָואס אויבֶּען זִיצְט, דֶער אֵייבִּיגֶער מֶלֶךְ,
זַיין פָאלְק, הֵייסט עֶר, צוּהַאלְטֶען שַׁבָּת פְרֵיילֶעךְ
מִיט גֶעשְׁמַאקֶע שְׁפַּייז, לַאקֶעטְקֶעס אַפִּילֶע,
מִיט אַ שֵׁיין קְלֵייד, אַ פְרֵייד אִין דֶער פַאמִילֶע.
שַׁבָּת וֶוער עֶס הִיט מִיט דֶעם הויזְגֶעזִינד
אַ זוהן מִיט אַ טָאכְטֶער, אִיטְלִיכֶעם קִינד,
בַּיי גָאט גְלַייךְ ווִי אַ מִנְחָה אויף דִי זִינד.

השומר וְאַשְׁרֵי כָּל חוֹכֶה. לְתַשְׁלוּמֵי כֵּפֶל. מֵאֵת כֹּל סוֹכֶה שׁוֹכֵן בָּעֲרָפֶל. נַחֲלָה לוֹ יִזְכֶּה. בָּהָר וּבַשָּׁפֶל. נַחֲלָה וּמְנוּחָה כַּשֶּׁמֶשׁ לוֹ זָרְחָה: השומר כָּל שׁוֹמֵר שַׁבָּת כַּדָּת מֵחַלְּלוֹ. הֵן הֶכְשֵׁר חִבַּת קֹדֶשׁ גּוֹרָלוֹ. וְאִם יֵצֵא חוֹבַת הַיּוֹם אַשְׁרֵי לוֹ. אֶל אֵל אָדוֹן מְחוֹלְלוֹ. מִנְחָה הִיא שְׁלוּחָה: השומר חֶמְדַּת הַיָּמִים. קְרָאוֹ אֵלִי צוּר. וְאַשְׁרֵי לִתְמִימִים. אִם יִהְיֶה נָצוּר. כֶּתֶר הִלּוּמִים. עַל

ואשרי וואויל דֶעם וָואס הָאפְט צו וֶוערֶען טָאפֶּעל בֶּעלוינט
פוּן דֶעם וָואס קוּקט אַלְסְדִינג, הויך אִין הִימֶעל וואוינט,
וֶועט אויף בַּארְג, אִין טָאהל אִיהם אַיין אַרְב מְזֻכֶּה זַיין,
אַיין אַרְבּ, רוּה, גַאנץ קְלָאר וִוי דִי זוּן גִיט אִיהם שַׁיין.

שַׁבָּת וֶוער עֶס הִיט מִיט דֶעם הויזְגֶעזִינד
אַ זוּהן מִיט אַ טָאכְטֶער, אִיטְלִיכֶעם קִינד,
בַּיי גָאט גְלַייך וִוי אַ מִנְחָה אויף דִי זִינד.

שַׁבָּת וֶוער עֶס הִיט אָפּ כַּדִין, אִיהם נִישט פַארְשְׁטֶערט,
הָאט שׁוין דָאךְ צוּגֶעגְרֵייט זַיין לוין וָואס אִיהם גֶעהֶערְט,
הַאלְט עֶר דֶעם טָאג גֶעהֶערִיג קוּמט אִיהם אַ דַאנק,
צוּ גָאט זַיין בַּאשֶׁעפֶּער אִיז דָאס אַ גֶעשַׁאנק.

שַׁבָּת וֶוער עֶס הִיט מִיט דֶעם הויזְגֶעזִינד,
אַ זוּהן מִיט אַ טָאכְטֶער, אִיטְלִיכֶעם קִינד,
בַּיי גָאט גְלַייך וִוי אַ מִנְחָה אויף דִי זִינד.

חמדת דֶעם בֶּעסְטֶען, לִיבְּסְטֶען פוּן דִי טֶעג רוּפְט אִיהם גָאט,
וואויל דֶעם עוֹלָם אַז הִיט אִיהם וִוי דַאס גֶעבָּאט,

ראשָׁם יָצוּר. צוּר הָעוֹלָמִים. רוּחוֹ בָּם נָחָה: השומר זָכוֹר
אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ. קַרְנוֹ כִּי גָבְהָה. נֵזֶר עַל רֹאשׁוֹ.
עַל כֵּן יִתֵּן הָאָדָם לְנַפְשׁוֹ. עֹנֶג וְגַם שִׂמְחָה. בָּהֶם
לְמָשְׁחָה: השומר קֹדֶשׁ הִיא לָכֶם שַׁבָּת הַמַּלְכָּה. אֶל תּוֹךְ
בָּתֵּיכֶם לְהָנִיחַ בְּרָכָה בְּכָל מוֹשְׁבוֹתֵיכֶם. לֹא תַעֲשׂוּ

אַ קְרוֹין אוֹיף זֵייעֶר קָאפּ צִירט עֶר זֵיי גַאנץ פֵּיין,
דֶער הַאר פוּן וֶועלְטֶען וֶועט מִיט זֵיי צוּפְרִידֶען זַיין.
שַׁבָּת וֶוער עֶס הִיט מִיט דֶעם הויזְגֶעזִינד,
אַ זוּהן מִיט אַ טָאכְטֶער, אִיטְלִיכֶעם קִינד,
בַּיי גָאט גְלַייךְ ווִי אַ מִנְחָה אוֹיף דִי זִינד.

כור דֶעם טָאג שַׁבָּת צוּ הֵיילִיגֶען גֶעדֵיינק דִיר,
זַיין כָּבוֹד וָואס הוֹיךְ קוּמְט ווִי אַ קְרוֹין אַפִּיר;
דְרוּם לָאז אַ מֶענשׁ אַרַיינְנֶעהְמֶען אִין זִינֶען,
אִין תַּעֲנוּג, פְרֵייד דֶעם טָאג זִיךְ צוּגֶעפִינֶען.
שַׁבָּת וֶוער עֶס הִיט מִיט דֶעם הויזְגֶעזִינד,
אַ זוּהן מִיט טָאכְטֶער, אִיטְלִיכֶעם קִינד,
בַּיי גָאט גְלַייךְ ווִי אַ מִנְחָה אוֹיף דִי זִינד.

קודש הֵיילִיג זָאל דִי פְּרִינְצֶעסֶען שַׁבָּת זַיין אַייךְ,
אִין אַייעֶר הויז קוּמְט מִיט אִיהר דִי בְּרָכָה גְלַייךְ,
אִין אַיי'עֶרֶע עֶרְטֶער טְהוּט קֵיינֶער נִיט דָאס מִינְדְסְטֶע,
אַיי'עֶרֶע זִיהן אוּן טֶעכְטֶער, אַ קְנֶעכט, אוֹיךְ אַ דִינְסְט.
שַׁבָּת וֶוער עֶס הִיט מִיט דֶעם הויזְגֶעזִינד,

מְלָאכָה . בְּנֵיכֶם וּבְנוֹתֵיכֶם . עֶבֶד וְגַם שִׁפְחָה׃ השופר

זה הזמר חברו ישראל וחתם שמו בראשי החרוזים: יום. שבת. ראשון. אבול. לא.

יוֹם זֶה מְכֻבָּד מִכָּל יָמִים. כִּי בוֹ שָׁבַת צוּר עוֹלָמִים׃ שֵׁשֶׁת יָמִים תַּעֲשֶׂה מְלַאכְתֶּךָ. וְיוֹם הַשְּׁבִיעִי לֵאלֹהֶיךָ. שַׁבָּת לֹא תַעֲשֶׂה בוֹ מְלָאכָה. כִּי כֹל עָשָׂה שֵׁשֶׁת יָמִים׃ יום זה רִאשׁוֹן הוּא לְמִקְרָאֵי קֹדֶשׁ. יוֹם

אַ זוּהְן מִיט אַ טָאכְטֶער, אִיטְלִיכֶעס קִינד,
בַּיי גָאט גְלַייךְ וִוי אַ מִנְחָה אוֹיף דִי וִוינד.

יום דֶער טָאג אִיז מֶעהר פוּן אַלֶע טֶעג גֶעאַכְט,
דֶען אִין אִיהם רוּהט גָאט, וָואס דִי וֶועלט גֶעמַאכְט.
וֶעקס טֶעג אַרְבַּייט דִי מְלָאכָה, דָאס וֶוערק דַיין,
אוּן דֶער זִיבְּטֶער טָאג לָאז צוּ דַיין גָאט זַיין,
שַׁבָּת-אִין אִיהם לֵייג דִי אַרְבַּייט אַוֶועק,
דֶען אַלְמֶעכְטִיג הָאט עֶר גֶעמַאכְט אִין זֶעקס טֶעג.
דֶער טָאג וכו׳

ראשון פוּן יָמִים טוֹבִים אִיז עֶר דֶער עֶרְשְׁטֶער,
שַׁבָּת קוֹדֶשׁ-טָאג פוּן רוּה דֶער גְרֶעסְטֶער,
דְרוּם דַארְף יֶעדֶער קִידוּשׁ מַאכֶען אוֹיף וַויין,
אוֹיף צְוֵויי חַלוֹת הַמוֹצִיא מַאכֶען פַיין.
דער טאג וכו׳

שַׁבָּתוֹן יוֹם שַׁבַּת קֹדֶשׁ. עַל כֵּן כָּל אִישׁ בְּיֵינוֹ יְקַדֵּשׁ.
עַל שְׁתֵּי לֶחֶם יִבְצְעוּ תְמִימִים: יום זה אֱכוֹל מַשְׁמַנִּים
שְׁתֵה מַמְתַקִּים. כִּי אֵל יִתֵּן לְכָל בּוֹ דְבֵקִים. בֶּגֶד
לִלְבּוֹשׁ לֶחֶם חֻקִּים. בָּשָׂר וְדָגִים וְכָל מַטְעַמִּים: יום זה
לֹא תֶחְסַר כֹּל בּוֹ וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ. וּבֵרַכְתָּ אֶת יְיָ
אֱלֹהֶיךָ אֲשֶׁר אָהַבְתָּ. כִּי בֵרַכְךָ מִכָּל הָעַמִּים: יום זה
הַשָּׁמַיִם מְסַפְּרִים כְּבוֹדוֹ. וְגַם הָאָרֶץ מָלְאָה חַסְדּוֹ.

אכול עָס פֶעטֶע שְׁפַּייז, טְרִינק אויך מַשְׁקֶה דֶערְבַּיי,
דֶען גֶעבֶּען וֶועט גָאט דִי וָואס אִיהם גֶעטְרַייי,
אַ קְלֵייד אַנצוּטָאן, שְׁטֶענְדִיג בְּרוֹיט פַאר זַיי:
פְלֵייש, פִישׁ, גֶעשְׁמַאקֶע גֶערִיכְט אַלֶערְלֵיי.
דֶער טָאג וכו׳

לא לָאז דִיר אִין אִיהם נִיט פֶעהלֶען קַיין שׁוּם זַאךְ,
עָס גֶעזוּנְטֶערהַייט וִויפִיל דוּ ווִילְסְט אַ סַךְ,
אוּן בֶּענשׁ גָאט דַיינֶעם, וֶועלכֶען הָאסט גֶערֶען,
וָואס בֶּענשְׁט דִיךְ, לָאזט דִיר פִיל גוּטס בֶּעשֶׁעהֶרֶען.
דֶער טָאג וכו׳

השמים דִי הִימֶעל דֶערצֶעהלֶען זַיין כָּבוֹד, רוּהם,
אוֹיךְ דִי עֶרד אִיז פוֹל מִיט זַיין גְנָאד אוּמְטוּם,
זֶעהט, זַיין הַאנד מַאכט עָס אַלְמְדִינג וָואס פַאר אַייךְ.
דֶען עֶר אִיז דֶער מַייסְטֶער, זַיין וֶוערְק רִיכְטִיג גְלַייךְ.

רְאוּ כִּי כָל אֵלֶּה עָשְׂתָה יָדוֹ. כִּי הוּא הַצּוּר פָּעֳלוֹ
תָמִים: יום זה

זה הזמר חברו יהודה וחתום שמו בראשו החרוזים: יום, היום, ובאו, דבר, העם.

יוֹם שַׁבָּתוֹן אֵין לִשְׁכֹּחַ. זִכְרוֹ כְּרֵיחַ הַנִּיחוֹחַ. יוֹנָה מָצְאָה בוֹ מָנוֹחַ. וְשָׁם יָנוּחוּ יְגִיעֵי כֹחַ: הַיּוֹם נִכְבָּד לִבְנֵי אֱמוּנִים. זְהִירִים לְשָׁמְרוֹ אָבוֹת וּבָנִים. חָקוּק בִּשְׁנֵי לוּחוֹת אֲבָנִים. מֵרֹב אוֹנִים וְאַמִּיץ כֹּחַ: יונה

דֶער טָאג אִיז מֶעהר פוּן אַלֶע טֶעג גֶעאַכט,
דֶען אִין אִיהם רוּהט גָאט, וָואס דִי וֶועלְט גֶעמַאכט.

יום דֶער שַׁבָּת דַארף נִיט אַרוֵים פוּן מוֹחַ,
עֶר אִיז גֶעשְׁמַאק מְחַיֶה, גִיט צוּ כֹּחַ.
דִי טוֹיב גֶעפִינְט רוּה, אִין אִיהם רוּה זִיךְ פַארְשַׁאפְט *)
אִין אִיהם רוּהֶען דִי פוּן אַרְבֵּייט מִיד אָהן קְרַאפְט:

היום דֶער טָאג אִיז בַּיי יוּדֶען גֶעאַכְט זֶעהר שֵׁיין,
אִיהם הִיטֶען גַאנְץ שְׁטַארְק פוּן גְרוֹיס בִּיז קְלֵיין,
שְׁטֶעהט גֶעשְׁרִיבֶּען אוֹיף צְוֵוייא לוּחוֹת פוּן שְׁטֵיין,
פוּן דֶעם וָואס הָאט פִיל כֹּחַ אוּן שְׁטַארְקֶע קְרַאפְט.
דִי טוֹיב גֶעפִינְט רוּה, אִין אִיהם רוּה זִיךְ פַארְשַׁאפְט.
אִין אִיהם רוּהֶען דִי פוּן אַרְבֵּייט מִיד אָהן קְרַאפְט.

---

*) די טויב. היא כנסת ישראל שנמשלה ליונה.

וּבָאוּ כֻלָּם בִּבְרִית יַחַד. נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמַע אָמְרוּ כְּאֶחָד.
וּפָתְחוּ וְעָנוּ יְיָ אֶחָד. בָּרוּךְ הַנּוֹתֵן לַיָּעֵף כֹּחַ: יונה
דִּבֶּר בְּקָדְשׁוֹ בְּהַר הַמּוֹר. יוֹם הַשְּׁבִיעִי זָכוֹר וְשָׁמוֹר.
וְכָל פִּקּוּדָיו יַחַד לִגְמוֹר. חַזֵּק מָתְנַיִם וְאַמֵּץ כֹּחַ: יונה
הָעָם אֲשֶׁר נָע כַּצֹּאן טָעָה. יִזְכּוֹר לְפָקְדוֹ בְּרִית

באו אַלֶע אִין פַארְבִּינדונג דָארט קוּמֶען זַיי,
מִיר וֶועלֶען טָאן אוּן הֶערֶען״ אַיין גֶעשְׁרֵיי,
גָאט אִיז אֵיינֶער, אִיז קוֹלוֹת אַלֶערלֵיי,
גֶעלוֹיבּט אִיז דֶער וָואס דִי שְׁלַאפֶע גִיט עֶר קְרַאפְט.
דִי טוֹיבּ גֶעפִינְט רוּה, אִין אִיהם רוּה זִיךְ פַארְשַׁאפְט
אִין אִיהם רוּהֶען דִי פוּן אַרְבֵּייט מִיד אָהן קְרַאפְט.
דבר אוֹיף דֶעם בַּארג סִינַי אִיז אַרוֹים זַיין זאג:
גֶעדֵיינְק אוּן הִיט אָפּ דֶעם זִיבֶּעטֶען טָאג,
אַלֶע זַיינֶע גֶעזֶעצֶע טְרָאג אוֹיף זִיךְ, טְרָאג,
שְׁטַארְק זִיךְ עֶם צוּהִיטֶען אוּן גִיבּ דִיר צוּ קְרַאפְט.
דִי טוֹיבּ גֶעפִינְט רוּה, אִין אִיהם רוּה זִיךְ פַארְשַׁאפְט,
אִין אִיהם רוּהֶען דִי פוּן אַרְבֵּייט מִיד אָהן קְרַאפְט.
העם דֶעם פָאלק וָואס וִוי אַ בְּלִינְדֶע שָׁאף נַע וָנָד,
גֶעדֵיינְק דִי שְׁבוּעָה אִיהם צוּהֶעלְפֶען גְרָאד,
לָאז אִיהם נִישְׁט בֶּעגֶעגְנֶען קֵיין בֵּייז, קֵיין שָׁאד,
וִוי דַיין שְׁבוּעָה קֵיין מַבּוּל מֶעהר, הָאט אַ הַאפְט.
דִי טוֹיבּ גֶעפִינְט רוּה, אִין אִיהם רוּה זִיךְ פַארְשַׁאפְט,
אִין אִיהם רוּהֶען דִי פוּן אַרְבֵּייט מִיד אָהן קְרַאפְט.

וּשְׁבוּעָה. לְבַל יַעֲבָר בָּם מִקְרֶה רָעָה. כַּאֲשֶׁר נִשְׁבַּעְתָּ עַל מֵי נֹחַ. יונה :

זה הזמר חברו הראב״ע וחתם שמו אברהם בראשי החרוזים מהחרוז השני ואילך. אסור, בו. רשמו. הוא. מחל.

כִּי אֶשְׁמְרָה שַׁבָּת אֵל יִשְׁמְרֵנִי. אוֹת הִיא לְעוֹלְמֵי עַד בֵּינוֹ וּבֵינִי: אָסוּר מְצוֹא חֵפֶץ עֲשׂוֹת דְּרָכִים. גַּם מִלְּדַבֵּר בּוֹ דִּבְרֵי צְרָכִים. דִּבְרֵי סְחוֹרָה אַף דִּבְרֵי מְלָכִים. אֶהְגֶּה בְּתוֹרַת אֵל וּתְחַכְּמֵנִי: אות היא בּוֹ אֶמְצָא תָמִיד נֹפֶשׁ לְנַפְשִׁי. הִנֵּה לְדוֹר רִאשׁוֹן נָתַן קְדוֹשִׁי. מוֹפֵת בְּתֵת לֶחֶם מִשְׁנֶה בַּשִּׁשִּׁי. כָּכָה בְּכָל שִׁשִּׁי

כי הִיט איך דֶעם שַׁבָּת, בֶּעהִיט מִיךְ גָאט פוּן זַיין זַייט,
סְ'אִיז צְווִישֶׁען אִיהם אוּן מִיר אַ צֵייכֶען אַלֶע צַייט.
אסור מֶען טָאר נִיט הַאנדְלֶען אוּן קַיין רַייזֶען מַאכֶען,
אוֹיךְ נִיט שְׁמוּעֶסֶען אִין אִיהם גֶעשֶׁעפְט-זַאכֶען,
עִנְיָנִים פוּן פָּאלִיטִיקֶע, פוּן סְחוֹרָה,
ד פַארְטִיף מִ ׳ נָאר אִין לֶערְנֶען גָאטְס תּוֹרָה,
ז עֶס מַאכְט מִיךְ פַארְשְׁטֶענְדִיג אִי קוּנְצִיג גֶעשַׁייט
סְ'אִיז צְווִישֶׁען אִיהם אוּן מִיר אַ צֵייכֶען אַלֶע צַייט.
בּוֹ מְנוּחָה אִין אִיהם שְׁטֶענְדִיג גֶעפִין אִיךְ מִיר דָאךְ,
א מוֹפֵת גִיט מַיין גָאט צוּם עֶרְשְׁטֶען דוֹר נָאךְ,
אִין דֶער מִדְבָּר, אַז עֶר שְׁפַּייזְט זֵיי אִין דֶער נוֹיט,
דֶעם זֶעקסְטֶען טָאג גֶעגֶעבֶען אוֹיף צְווֵיי טָאג בְּרוֹיט,
אַזוֹי אַלֶע פְרַייטִיג אִיז טָאפֶּעל שְׁפַּייז בַּיי לַייט.
סְ'אִיז צְווִישֶׁען אִיהם אוּן מִיר אַ צֵייכֶען אַלֶע צַייט.

יַכְפִּיל מְזוֹנִי: אות היא רָשׁוּם בְּדַת הָאֵל חֹק אֶל סְגָנָיו. בּוֹ לַעֲרוֹךְ לֶחֶם פָּנִים לְפָנָיו א). גַּם לְהִתְעַנּוֹת בּוֹ עַל פִּי נְבוֹנָיו אָסוּר ב) לְבַד מִיּוֹם כִּפּוּר עֲוֹנִי: אות היא הוּא יוֹם מְכֻבָּד הוּא יוֹם תַּעֲנוּגִים. לֶחֶם וָיַיִן טוֹב בָּשָׂר וְדָגִים. הַמִּתְאַבְּלִים בּוֹ אָחוֹר נְסוֹגִים. כִּי יוֹם שְׂמָחוֹת הוּא וּתְשַׂמְּחֵנִי: אות היא מֵחֵל מְלָאכָה בּוֹ סוֹפוֹ לְהַכְרִית.

שום אין דער תּוֹרָה שְׁטֵעהט צוּ כֹּהֲנִים דָאס גֶעבָּאט,
לֵייגֶען אִין אִיהם לֶחֶם הַפָּנִים פַאר גָאט,
אוֹיךְ אִיז נָאךְ דִי חֲכָמִים דֶער דִין תּוֹרָה,
אַז פַאסטֶען אִין אִיהם אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵרָה,
חוּץ וֶוען יוֹם כִּפּוּר קוּמט אִין אִיהם אַ מָאל אוֹיס וַוייט.
סְ'אִיז צְווִישֶׁען אִיהם אוּן מִיר אַ צֵייכֶען אֵלֶע צַייט.
הוא גֶעאַכט אִיז דֶער טָאג, אַ טָאג פוּן פַארְגְנִיגֶען,
חַלָּה, וַויין, פְלֵייש, פִישׁ אִין אִיהם דָא צוּקְרִיגֶען,
דִי וָואס מְרוֹיעֶרְן, הַאלטֶען זִיךְ אִין אִיהם צוּרִיק,
דֶען אַ טָאג פוּן פְרֵייד אִיז עֶר, אַ טָאג פוּן גְלִיק,
אַ טָאג וָואס מִיךְ דֶערפְרֵייעֶן, אַט וָואס עֶר בֶּעטַייט,
סְ'אִיז צְווִישֶׁען אִיהם אוּן מִיר אַ צֵייכֶען אֵלֶע צַייט.
מחל וֶועֶר פַארשְׁטֶערט, הֵייבּט אִין אִיהם אַ מְלָאכָה אָן גָאר,
הָאט אַ שְׁלֶעכְטֶען סוֹף, אַפְּגֶעשְׁנִיטֶענֶע יאהר.

א) (ויקרא כ״ד ח׳):

ב) אסור להתענות ולזעוק בשבת. (מיימוני והוא בפ״ק דשבת):

על כן אכבם בו לבי כבורית. ואתפללה אל אל
ערבית ושחרית. מוסף וגם מנחה הוא יענני: אות היא

זה הזכר שם המחבר שלמה חזק וחתום בראשי
החרוזים: שמרו. לעמל. מהרו. הנה. חזק.

שמרו שבתותי. למען תינקו ושבעתם. מזיו.
ברכותי אל המנוחה כי באתם. ולוו עלי בני א) ועדנו

דרום וואס איך אין איהם ווי מיט זייף מיין הארץ ריין,
דאווען צו גאט מעריב און שחרית גאנץ שיין,
מוסף אי מנחה, ער ענטפערט מיר פון זיין זייט,
ס'איז צווישען איהם און מיר א צייכען אלע צייט.

שמרו היט מיינע שבתים שיין-פיין,
כדי איהר זאלט פון מיין גוטס זאט זיין,
ביים קומען אין אייער רוה דארט
אהין אין יענעם גוטען ארט,

אויף מיר, מיינע קינדער, לייט-בארגט,
עסט גוטע שפייז און נישט געזארגט,
און ברייינגט היינטיגען טאג גוט צו,
היינט איז צו גאט א טאג פון רוה.

א) מיוסד על מה שאמרו ז"ל. אמר להם הקב"ה לישראל בני לוו עלי
וקדשו קדושת היום והאמינו בי ואני פורע (ביצה ט"ו, ב).

מַעֲדָנַי. שַׁבָּת הַיּוֹם לַיָי: לְעָמֵל קִרְאוּ דְרוֹר. וְנָתַתִּי
אֶת בִּרְכָתִי. אִשָּׁה אֶל אֲחוֹתָהּ לִצְרוֹר. לְגַלּוֹת עַל
יוֹם שִׂמְחָתִי. בִּגְדֵי שֵׁשׁ עִם שָׁנִי. וְהִתְבּוֹנְנוּ מְזֻקָּנַי. שַׁבָּת
הַיּוֹם לַיָי: ולוו מַהֲרוּ אֶת הַמָּנֶה. לַעֲשׂוֹת אֶת דְּבַר
אֶסְתֵּר. וְחִשְּׁבוּ עִם הַקּוֹנֶה. לְשַׁלֵּם אָכוֹל וְהוֹתֵר. בִּטְחוּ

לעמל דֶעם מִידֶען בֶּעפְרַייט פוּן מְלָאכָה,
וֶועל דֶערפַאר גֶעבֶּען דִי בְּרָכָה,
אַיין פְרוֹי דֶער אַנְדֶערֶער צוּ לֵייד,
זִיךְ וַוייזֶען אִין טָאג פוּן מַיין פְרֵייד,
אִין זַיידֶענֶע קְלֵיידֶער שֵׁיינֶע.
פוּן אַלְטֶע לֶערֶענט אַייךְ, קְלֵיינֶע,
אוּן בְּרֵיינגט הַיינטִיגֶען טָאג גוּט צוּ,
הַיינט אִיז צוּ גָאט אַ טָאג פוּן רוּה.

אוֹיף מִיר, מַיינֶע קִינדֶער, לַייט-בָּארְגְט,
עֶסט גוּטֶע שְׁפַּייז אוּן נִישט גֶעזָארגט,
אוּן בְּרֵיינגט הַיינטִיגֶען טָאג גוּט צוּ,
הַיינט אִיז צוּ גָאט אַ טָאג פוּן רוּה.

מהרו אַיילְט דִי גָאבּ גֶעשְׁווִינד צוּטָאן,
ווִי אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה זָאגט אָן,
שְׁטֶעלט אוֹיפֶ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן גָאט דֶעם הֶער,
עֶר וֶועט בֶּעצָאהלֶען אַ סַךְ מֶעהר,
אִיהר מֶעגט, יוּדֶען, גַאנְץ זִיכֶער זַיין,
טְרִינקט דֶעם טַייעֶרְסְטֶען בֶּעסְטֶען וַויין,

כִּי אֱמוּנָי. וּשְׁתוּ יֵין מַשְׁמַנָּי. שַׁבָּת הַיּוֹם לַיְיָ: ולוו הִנֵּה
יוֹם גְּאֻלָּה יוֹם שַׁבָּת אִם תִּשְׁמְרוּ ב) וִהְיִיתֶם לִי סְגֻלָּה.
לִינוּ וְאַחַר תַּעֲבוֹרוּ. וְאָז תִּחְיוּ לְפָנַי. וּתְמַלְאוּ צְפוּנָי.

און בְּרֵיינגט הַיינְטִיגֶען טָאג גוט צוּ,
הַיינט אִיז צוּ גָאט אַ טָאג פוּן רוּה.
אוֹיף מִיר, מַיינֶע קִינדֶער, לַייט, בָּארגט
עֶסט גוּטֶע שְׁפַּייז און נִישט גֶעזָארגט,
און בְּרֵיינגט הַיינְטִיגֶען טָאג גוט צוּ,
הַיינט אִיז צוּ גָאט אַ טָאג פוּן רוּה.

הנה אַ טָאג פוּן דֶער גְאוּלָה אִיז עֶר,
שַׁבָּת אַז אִיהר הִיט ווִי עֶס גֶעהֶער,
אִיהר וֶועט מִיר אַ גֶעלִיבט פָאלק זַיין,
רוּהט און דֶערנָאךְ אִין וֶועג אַרַיין.
אִיהר וֶועט דֶערנְקָמָאל פַאר מִיר לֶעבֶען,
וֶועל דָאס בֶּעסְטֶע מַיינס אַייךְ גֶעבֶען.
און בְּרֵיינגט הַיינְטִיגֶען טָאג גוט צוּ,
הַיינט אִיז צוּ גָאט אַ טָאג פוּן רוּה
אוֹיף מִיר, מַיינֶע קִינדֶער, לַייט-בָּארגט,
עֶסט גוּטֶע שְׁפַּייז און נִישט גֶעזָארגט,
און בְּרֵיינגט הַיינְטִיגֶען טָאג גוט צוּ,
הַיינט אִיז צוּ גָאט אַ טָאג פוּן רוּה

ב) עיין לעיל בזמר ודידות ס

שבת היום ליי: ולוו חזק קריתי. אל אלהים עליון.
והשב את נותי. בשמחה ובהגיון. ישוררו שם רנני.
לויי וכהני. ואז תתענג על יי. שבת היום ליי: ולו

זה הזמר חברו דונש וחתם שמו בתחלת ד׳ חלקי החרות כמו בחרות
ראשון: דרור. וינצרכם. נעים. שבו

דרור יקרא לבן עם בת. וינצרכם כמו בבת. נעים

חזק שטארק, אויבערשטער, מיין שטאדט ווידער,
ברייננ אהין מיט פרייד, מיט לידער
לאזען זינגען געזאנג פיינע,
די לוים און כהנים מיינע,
דענסמאל וועט איהר פיל גוטס קריגען,
מיט גאט האט איהר גרויס פארגניגען,
און ברייננט היינטיגען טאג גוט צו,
היינט איז צו גאט א טאג פון רוה.
אויף מיר, מיינע קינדער, לייט, בארגט,
עסט גוטע שפייז און נישט געזארגט,
און בריינגט היינטיגען טאג גוט צו,
היינט איז צו גאט א טאג פון רוה.

דרור א זוהן, א טאכטער לאזט ער עטמען פריי
ווי דאס שווארצאפעלע היט ער אייך טריי,
איהר וועט נישט וויסען פון צרות און פלאג,
זיצט אייך און רוהט דעם שבתדיגען טאג.

שְׁמְכֶם וְלֹא יֻשְׁבַּת. שְׁבוּ וְנוּחוּ בְּיוֹם שַׁבָּת: דְּרוֹשׁ נָוִי
וְאוּלָמִי. וְאוֹת יֶשַׁע עֲשֵׂה עִמִּי. נְטַע שׂוֹרֵק בְּתוֹךְ כַּרְמִי.
שְׁעֵה שַׁוְעַת בְּנֵי עַמִּי: דְּרוֹךְ פּוּרָה בְּתוֹךְ בָּצְרָה וְגַם
בָּבֶל אֲשֶׁר גָּבְרָה. נְתוֹץ צָרַי בְּאַף וְעֶבְרָה. שְׁמַע קוֹלִי
בְּיוֹם אֶקְרָא: אֱלֹהִים תֵּן בַּמִּדְבָּר הָר. הֲדַס שִׁטָּה
בְּרוֹשׁ תִּדְהָר. וְלַמַּזְהִיר וְלַנִּזְהָר. שְׁלוֹמִים תֵּן כְּמֵי נָהָר.
הֲדוֹךְ קָמַי אֵל קַנָּא. בְּמוֹג לֵבָב וּבַמְּגִנָּה. וְנַרְחִיב פֶּה

דרוש רִיכְט אוֹיף גָאט דָאס הֵיילִיגֶע הוֹיז מַיינֶע,
טהו מִיט מִיר חֶסֶד, וַוייז דִי גְנָאד דַיינֶע,
דֶעם צְוַויג יַעֲקֹב פְלַאנְץ אִין וַויינְגָארְטֶען אַיין,
זַיין שְׁרַייעֶן לָאז דִיר אִין אוֹיעֶר אַרַיין.
דרוך כְּרֶעט אִין בָּצְרָה דֶעם קֶעלְטֶער, דִי הֵיידֶען,
אוֹיךְ בָּבֶל, וָואס אִיז שְׁטַארְק, טהו אָן לֵיידֶען,
מִיט כַּעַס, מִיט צָארֶען צוּשְׁטוֹים דָארְט זֵיי,
הֶער, וֶוען אִיךְ רוּף, דֶעם קוֹל פוּן מַיין גֶעשְׁרֵיי.
אלהים גִיבּ גָאט דִי צַייט, וֶוען אִין דֶער מִדְבָּר דָארְט
וֶועט וַואקְסֶען בֵּיימֶער פוּן אִיטְלִיכֶען כָּארְט,
צוּ דֶעם וָואס וָוארֶענְט שַׁבָּת, רוּהט, זִיצְט שְׁטִיל,
גִיבּ פְרִידֶען וִוי וַואסֶער פוּן אַ טַייךְ פִיל:
הדוך פַארְשְׁטוֹיס דִי הֵיידֶען, אָ, גָאט שְׁטַארְקֶער הַאר,
לָאזֶען זֵיי זִיךְ פוּקֶען, הָאבֶּען צַעַר,
מִיר וֶועלֶען עֶפְּנֶען אַ מוֹיל בְּרֵייט אוּן וַוייט,
אוּן זִינְגֶען, לוֹיבֶּען דִיךְ אִין יֶענֶער צַייט.

וּמַלְאָכָה. לְשׁוֹנֵנוּ לְךָ רִנָּה: דְּעֶה חָכְמָה לְנַפְשֶׁךָ. וְהִיא כֶּתֶר לְרֹאשֶׁךָ. נְצוֹר מִצְוַת קְדוֹשֶׁךָ. שְׁמוֹר שַׁבַּת קָדְשֶׁךָ:

זה הזמר חברו שמואל והתם שמו בראשי החרוזים: שבת. מעבור. ואם. אכול. לערוך:

שַׁבָּת הַיּוֹם לַיְיָ. מְאֹד צַהֲלוּ בְּרִנּוּנַי וְגַם הַרְבּוּ מַעֲדָנַי. אוֹתוֹ לִשְׁמוֹר בְּמִצְוַת יְיָ שבת היום לייי: מֵעֲבוֹר דֶּרֶךְ וּגְבוּלִים. מֵעֲשׂוֹת הַיּוֹם פְּעָלִים. לֶאֱכוֹל וְלִשְׁתּוֹת

דעה זוך חָכְמָה פַאר זִיךְ אוּן זַיי פַארְשְׁטֶענְדִיג,
זִי וֶועט אַ קְרוֹין צוּ דַיין קָאפּ זַיין שְׁטֶענְדִיג,
הִיט פוּן דַיין הֵיילִיגֶען גָאט דֶעם זָאג,
הִיט דֶעם שַׁבָּת, דַיין הֵיילִיגֶען טָאג.

שבת דֶער טָאג אִיז רוּהֶ, שַׁבָּת צוּ גָאט
זִינְגְט זְמִירוֹת אוֹיף אַ קוֹל זֶעהר הוֹיךְ,
גֶעשְׁמַאקֶע שְׁפַּייז אַ סַךְ עֶסְט אוֹיךְ,
זָאלסְט אִיהם הִיטֶען נָאךְ גָאטס גֶעבָּאט
דֶער טָאג אִיז רוּהֶ, שַׁבָּת צוּ גָאט.
מעבור נִישְׁט פָאהרֶען, גֶעהן אַרוּים פוּן תְּחוּם,
נִישְׁט טָאן הַיינְט קֵיין אַרְבַּייט אוּמְטוּם,
נָאר עֶסֶען, טְרִינְקֶען, לוּסְטִיג זַיין,
דֶערְבַּיי זְמִירוֹת זִינְגֶען גַאנְץ פַיין,
וֶוייל מַאכְט דֶעם טָאג פַאר אַ גֶעבָּאט,
דֶער טָאג אִיז רוּהֶ, שַׁבָּת צוּ גָאט.

בְּהִלּוּלִים. זֶה הַיּוֹם עָשָׂה יְיָ שבת היום לײ. וְאִם תִּשְׁמְרֶנּוּ יָהּ יִנְצָרְךָ כְּבָבַת. אַתָּה וּבִנְךָ וְגַם הַבַּת. וְקָרָאתָ עֹנֶג לַשַּׁבָּת. אָז תִּתְעַנַּג עַל יְיָ שבת היום לײ: אֱכוֹל מַשְׁמַנִּים וּמַעֲדַנִּים. וּמַטְעַמִּים הַרְבֵּה מִינִים. אֱגוֹזֵי פֶרֶךְ וְרִמּוֹנִים א) וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ וּבֵרַכְתָּ אֶת יְיָ שבת היום לײ: לַעֲרוֹךְ בַּשֻּׁלְחָן לֶחֶם חֲמוּדוֹת. לַעֲשׂוֹת הַיּוֹם שָׁלֹשׁ

ואם ווִי דָאס אַפִּ׳לֶע הִיט דִיךְ גָאט דֶער הֶער,
אױבּ דו הִיטְסט דֶעם טָאג ווִי עֶס גֶעהֶער,
דו, דַיין זוהן, דַיין טָאכְטֶער צוּגְלַייךְ,
אִיז דֶער שַׁבָּת אַ תַּעֲנוּג פון גָאט,
דֶער טָאג אִיז רוּה, שַׁבָּת צו גָאט.
אכול עֶס גוּטֶע שְׁפַּייז דָאס שֶׁעהנְסְט, דָאס בֶּעסְט,
אַלֶערְלֵיי גֶערִיכְט, פִיל דו קֶענְסְט,
דֶערְבַּיי אױךְ שַׁבָּת-אױבְּס גֶענִים
מִילְגְרױמֶען, אַ שְׁטֵייגֶער, און נִיס,
וָאלְסְט עֶסֶען, זַאט זַיין, בֶּענְשֶׁען גָאט,
דֶער טָאג אִיז רוּה, שַׁבָּת צו גָאט.
לערוך גְרֵייט דֶעם טִישׁ פַיינֶע חַלָה,
זַיי מְקַיֵים דְרַיי סְעוּדוֹת אַלֶע,
דֶעם לִיבֶּען נָאמֶען וָואס אױבֶּען,
אִיהם צוּבֶּענְשֶׁען און צוּלױבֶּען,

א) בשבת ירבה פירות ומגדים (דיני שבת).

סְעוּדוֹת. אֶת הַשֵּׁם הַנִּכְבָּד לְבָרֵךְ וּלְהוֹדוֹת. שִׁקְדוּ
וְשִׁמְרוּ וַעֲשׂוּ בָנַי שבת היום לה׳:

יה רבון וכו׳ צור משלו אכלנו וכו׳ תמצא בזמירות ליל שבת

הִיט, טְהוּט, קִינדֶער, ווִי דָאס גֶעבָּאט,
דֶער טָאג אִיז רוּה, שַׁבָּת צוּ גָאט,

זמירות למוצאי שבת.

זה הזמר חברו יעקב מנוי חזק וחתום בראשי החרוזים מדרוז השני:
יאתה. עת דודים. קרא. בת. מעינת. טהה: וידידים. יהי. חזק.

במוצאי יום מנוחה. המציא לעמך רוחה. שלח תשבי לנאנחה. ונס יגון ואנחה: יאתה לך צורי. לקבץ עם מפוזרי. מיד גוי אכזרי. אשר כרה לי שוחה: עת דודים תעורר אל. למלט עם אשר שואל. ראות

במוצאי שבת צו נאכט, אז געהט הין דער טאג פון רוה,
שיק דיין פאלק עפיס א פארגרינגערונג צו,
שיק תשבי צו טרויעריגע פאר צרות, פלאג,
און לאז פארשווינדען ווערען יאמער אי קלאג.
יאתה דיר, גאט בעשאפער מיינער, פאסט עס, דיר געהר,
דאס פארשפרייטע פאלק צופארזאמלען אהער,
ערגיץ פון די ווילדע דארט, פון די היידען,
וואס טהוען זיי נעביך אן צרות, ליידען.
עת לאז, גאט, קומען די ליבע צייט, וואס מען ווארט,
צו אנטרינען דאס פאלק, וואס עס בעט און גארט,
דיין גוטסקייט צו זעהן, וואס דו וועסט דענסמאל טאן,
צו דער בלודנע שאף, ווען דער גואל קומט אן.

טוּבְךָ בְּבוֹא גוֹאֵל. לְשֶׂה פְּזוּרָה נִדָּחָה: קְרָא יֶשַׁע
לְעַם נִדָּבָה. אֵל דָּגוּל מֵרְבָבָה. יְהִי הַשָּׁבוּעַ הַבָּא.
לִישׁוּעָה וְלִרְוָחָה: בַּת צִיּוֹן הַשְּׁכוּלָה. אֲשֶׁר הִיא הַיּוֹם
נְעוּלָה. מְהֵרָה תִּהְיֶה בְּעוּלָה. בְּאֵם הַבָּנִים שְׂמֵחָה:
מַעְיְנוֹת אֱנַי, יְזוּבוּן. וּפְדוּיֵי יְיָ יְשׁוּבוּן. וּמֵי יֶשַׁע יִשְׁאָבוּן.
וְהַצָּרָה נִשְׁכָּחָה: נְחֵה עַמְּךָ כְּאָב רַחֲמָן. יְצַפְצְפוּ עַם
לֹא אַלְמָן: דְּבַר יְיָ אֲשֶׁר נֶאֱמָן. בַּהֲקִימְךָ הַבְטָחָה:
וִידִידִים פְּלִיטֵי הֶרֶץ. נְגִינָתָם יִפְצְחוּ בְּמֶרֶץ. בְּלִי צְוָחָה
וּבְלִי פֶּרֶץ. אֵין יוֹצֵאת וְאֵין צְוָחָה. יְהִי הַחוֹדֶשׁ הַזֶּה.

קרא צוּ דֶעם אֵיידֶעל פָאלק הִילף אוּן מַזָל בֶּעשֶׁעהר,
דוּ גָאט, וָואס גְרֶעסֶער פוּן אַלֶע בִּיסט דוּ מֶעהר,
לָאז דִי דָאזִיגֶע וָואךְ, וָואס טְרֶעט אִיצט אַרַיין,
צוּ הִילף אוּן צוּ אַ גְרִינג רוּהִיג גֶעמִיט זַיין.
בת דִי טָאכְטֶער צִיּוֹן, דִי פַארְוִויסטֶע אַצִינד,
לָאז נֶעבִּיךְ אוֹיפְגֶערִיכט וֶוערֶען גֶעשְׁוִוינד,
לָאז מֶען דָארְטֶען אִין אִיהר לֶעבֶּען פְרַיי אוּן לֵייז.
אוּן פַארְגֶעסֶען וֶוערֶען צָרוֹת, אַלְ-דָאס-בֵּייז.
מהר פִיהר דַיין פָאלק וִוי אַ פָאטֶער אַ גֶעטְרַייעֶר,
אוּן וֶוערד וִוי דַיין הַבְטָחָה אוֹיפֶ'ן הַארץ פְרַייעֶר,
זִינגֶען אַלֶע גֶעלִיבְּטֶע דֶענְסְמָאל לִידֶער,
לוּסְטִיג אָהן זָארג, אָהן גֶעשְׁרֵיי, אָהן גֶערִידֶער.
יהי לָאז דֶער דָאזִיגֶער חֹדֶשׁ זַיין מִיט בְּרָכָה
וִוי פוּן דֶעם גְרֶעסְטֶען נָבִיא דִי הַבְטָחָה

בִּנְבוּאַת אֲבִי הוֹזֶה. וְיִשָּׁמַע בְּבַיִת זֶה. קוֹל שָׂשׂוֹן וְקוֹל
שִׂמְחָה: חֲזַק יְמַלֵּא מִשְׁאֲלוֹתֵינוּ. אַמִּיץ יַעֲשֶׂה בַּקָּשָׁתֵנוּ.
וְהוּא יִשְׁלַח בְּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ. בְּרָכָה וְהַצְלָחָה: בְּמוֹצָאֵי
יוֹם גִּילָה. שִׁמְךָ נוֹרָא עֲלִילָה. שְׁלַח תִּשְׁבִּי לְעַם סְגוּלָה.
רֶוַח שָׂשׂוֹן וַהֲנָחָה: קוֹל צָהֳלָה וְרִנָּה. שְׂפָתֵינוּ אָז תְּרַנֵּנָּה.
אָנָּא יְיָ הוֹשִׁיעָה נָּא. אָנָּא יְיָ הַצְלִיחָה נָּא:

און גֶעהֶערט לָאז אִין דֶעם הויז וֶוערֶען אויף לַאנג,
אַ קוֹל פון פְרֵייד, אַ קוֹל פון שִׂמְחָה, גֶעזַאנג.
חזק דֶערפִילֶען לָאז דֶער שְׁטַארְקֶער אונזֶער בֶּעגֶעהר,
און דִי בַקָּשָׁה אונזֶערֶע טָאן לָאז עֶר,
אִין דִי וֶוערְק פון אונזֶערֶע הֶענט און מְלָאכָה,
שִׁיקֶען לָאז עֶר דִי בְּרָכָה אִי הַצְלָחָה,
אַז דֶער פְרֵייליכֶער טָאג שַׁבָּת גֶעהט אַהִין,
לָאז דַיין לִיבֶּער נָאמֶען אונז הָאבֶּען אִין זִין,
שִׁיק תִּשְׁבִּי צום יֶעלִיבְּט פָאלק, שִׁיק מִיט אִיהם מיט
אַ רוּהִיג לֶעבֶּען, פְרֵייד און גְרִינג גֶעמִיט
מִיט אַ גֶעזַאנג אויף אַ הויךְ קוֹל,
וֶועט אונזֶער מויל זִינְגֶען דֶענְסְמָאל,
אַ נו, גָאט, גִיב הִילְף נו,
אַ נו, גָאט, בֶּעגְלִיק נו.

זה הזמר חברו שילא ותתם שמו בסופי תיבות: חדש.
ששוני. אל. נא. ומחרוז הראשון ואילך מיוסד ע״פ א״ב.

חַדֵּשׁ שְׂשׂוֹנִי אֵל נָא. וְהָבִיא אֶת אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא:
אַמֵּץ וְחַזֵּק רִפְיוֹן יָדַי. בָּרֵךְ מְלַאכְתִּי וְכָל מַעֲבָדַי.
גָּאֳלִי זְכוֹר עָנְיִי וּמְרוּדַי. הַדְרִיךְ הַטּוֹב הָקֵם לְעוֹדְדַי.
לָרֶץ וּשְׁלַח וְשַׂמַּח לְבָבִי. את אליהו הנביא: וָעֵד וְהָכֵן דֵּי
סִפּוּקִי. זַמֵּן מְזוֹנִי וְלֶחֶם חֻקִּי. חֵלֶב חֵיל גּוֹיִם חוּשׁ
לְהָנִיקִי. טוּבְךָ תַּשְׂבִּעַ עוֹלָלַי וְיוֹנְקַי. יָבֹא מְשִׁיחִי לְעִיר

חדש דִּי פְרֵייד מַיינֶע בֶּענַיי, גָאט, וִוי מַיין בֶּעגֶעהר,
אוּן בְּרֵיינג אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אַהֶער.
לָאזט מַיינֶע שְׁלַאפֶּע הֶענט שְׁטַארְקֶען אוּן קְרֶעפְּטֶען,
בֶּענְשֶׁען מַיין וֶוערק, מַיינֶע אַלֶע גֶעשֶׁעפְטֶען
גֶעדֵיינְק, אָ גָאט, מַיין פַּיין, מַיין בִּיטֶער גֶעפִיהל,
דַיין הַבְטָחָה מִיךְ אוֹיפְצוּרִיכְטֶען דֶערְפִיל,
דֶערְפְרֵיי מַיין הַארץ, שִׁיק גֶעשְׁווִינד, הַאיֶע נִיט מֶעהר,
שִׁיק גִיךְ אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אַהֶער.
ועד לָאזט דִי בֶּעדֶערְפְנִישׁ מַיינֶע מִיר אָנְבְּרֵייטֶען,
מַיין שְׁפַּייז אוּן מַיין טֶעגְלִיךְ בְּרוֹיט מִיר אָנְגְרֵייטֶען,
דָאס בֶּעסְטֶע אִין דֶער וֶועלְט מִיר גֶעבֶּען גֶעשְׁווִינד,
מִיט דַיין גוּטֶס אָנְזֶעטִיגֶען מַיין גַאנְץ גֶעזִינְד,
דֶער גּוֹאֵל צֶדֶק צוּ מִיר קוּמֶען לָאז עֶר,
גְלַייךְ מִיט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אַהֶער

מושבי. את אליהו הנביא; כונן לעם זו צורי צור לחבוש.
לחם לאכול ובגד ללבוש. משנאי יהוה ירא ויבוש.
נוה הר שעיר בקרוב תכבש. ששוני יגדל בראות
סביבי. את אליהו הנביא: עמון ומואב מהרה תכלה.
פדותך לעמך בקרוב תגלה. ציון תמלא מעם אלה.
קרית מלך רב או נעלה. שכן תשכן בתוך עם
צבי. את אליהו הנביא:

כתן גיב אונז, גאט, א רפואה צו מכות און לייד,
ברויט צו עסען און אויף אנצוטאן א קלייד,
פיינד מיינע לאזען זעהן, זיך שעמען פאר שאנד,
דעם בארג שעיר נעהם גיך איין אין מזרח-לאנד,
שטארק גרויס וועט מיין פרייד זיין דאס אז איך דערהער
אז קומט אליהו הנביא אהער.
עמון פארלענד עמון און מואב גיך אצינד
און צו דעם פאלק דיינעם שיק דיין הילף געשווינד
לאז ציון פול זיין מיט דעם פאלק, דיינע לייט,
אין דער גרויסער שטאדט געהן מיר אין יענער צייט
לאז צום פיינעם פאלק אויף א שטענדיג קוואטער,
קומען אליהו הנביא אהער

זה הזמר חברו אלעזר וחתם שמו בראשי החרוזים:
אגיל. לכן. עוד. ודים. רש.

אָגִיל וְאֶשְׂמַח בִּלְבָבִי. בִּרְאוֹתִי כִּי מְאוֹיְבַי תָּרִיב
רִיבִי. וּלְצִיּוֹן גּוֹאֵל תָּבִיא. אִישׁ צֶמַח תַּצְמִיחַ. אֵלִיָּהוּ
הַנָּבִיא וּמֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ: לָכֵן בָּעַמִּים יַחַד. תִּפּוֹל אֵימַת
וָפַחַד. לִבָּם יִפְחַד. בְּעֵת יַעֲלֶה גוֹי אֶחָד. וְאוֹרְחוֹתָיו
יַצְלִיחַ אליהו: עוֹד מִמִּזְרָח לְמַעֲרָב. יָעוּר לַעֲשׂוֹת הֶרֶג

אגיל עָס וֶועט מִיר אִין הַארץ שְׁטַארק הַנָּאָה טָאן
צוּזֶעהֶען ווִי דוּ נֶעהְמְסְט זִיךְ פַאר מִיר אָן,
און בְּרֶיינְגְּסְט צוּ צִיּוֹן דֶעם גוֹאֵל דֵיינֶעם,
לָאזט וַואקסֶען דֶעם מַאן צֶמַח דֶעם פֵיינֶעם,
אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא דֶעם שָׁלִיחַ,
און מִיט אִיהם דֶעם מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ:
לכן אוֹיף דִי אַלֶע הַייֶדען טַאקִי וָואס דָארט,
וֶועט פַאלֶען אַיין אֵימָה בַאלד אוֹיפְ'ן אָרט,
פַאר פַּחַד וֶוערֶען זֵיי אַזשׁ גֶעל און גְרִין,
אַז דָאס אֵיינְצִיגֶע פָאלק וֶועט גֶעהן אַהִין,
און זַיינֶע וֶועגֶען בֶּעגְלִיקְט, מַצְלִיחַ,
אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא דֶער שָׁלִיחַ,
און מִיט אִיהם דֶער מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ.
עוד הֶעט פוּנִ'ם מִזְרַח אִין עָק מַעֲרָב זַייט,
רֶעכֶענט עֶר זִיךְ אָפּ מִיט דִי ווִילְדֶע לַייט.
מִיט אֱדוֹם און עֲרָב הַאלט עֶר מִלְחָמָה,

רָב. בְּאֶדוֹם וַעֲרָב. לַעֲרוֹךְ מִלְחָמָה וּקְרָב. עַל אוֹיְבָיו
יַצְרִיחַ אליהו: זֵדִים מַלְכֵי אֲדָמָה. יְטוּר נָפִישׁ וְקֵדְמָה.
מִשְׁמָע וְדוּמָה. נוּסוּ נֶגְבָּה וְיָמָּה. אֲשֶׁר אִתְּכֶם יַבְרִיחַ
אליהו: רַנּוּ כָּל עוֹבְרֵי אֹרַח. כִּי הִנֵּה רַעֲנָן אֶזְרָח. אוֹרוֹ
זָרַח: קָנֶה כַּפְתּוֹר וָפֶרַח. עַל הַר צִיּוֹן יַפְרִיחַ אליהו:

שְׁרַייעט און גֶעהמט זַיי אַרוּים דִי נְשָׁמָה.
אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא דֶער שָׁלִיחַ,
און מִיט אִיהם דֶער מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ
זדים אַטְמַאנֶען פון יֶעדֶער שֶׁלֶעכְטֶער אוּמָּה,
יְטוּר, נָפִישׁ, קֵדְמָה, מִשְׁמָע און דוּמָה,
אִין דָרוֹם, אִין מַעֲרָב-זַייט לויפט אַוֶועק,
אַייךְ אַלֶע פַארְטְרַייבּט ער גֶעשְׁווִינד אַ שְׁרֶעק,
אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא דֶער שָׁלִיחַ,
און מִיט אִיהם דֶער מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ.
רנו אַלֶע וַואנְדֶערֶער, זִינגט אויף אַ קוֹל הוֹיךְ,
דֶען דֶער צַדִּיק שְׁפְּרָאצט און זַיין לִיכט שַׁיינט אוֹיךְ.
בְּלוּמֶען און קְוֵויטֶען פון אִיטְלִיכֶען סָארט
לָאזט ער אויפְ'ן בַּארג צִיּוֹן בְּלִיהֶען דָארט,
אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא דֶער שָׁלִיחַ,
און מִיט אִיהם דֶער מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ.

זה הזמר חברו אברהם וחתם שמו בראשי החרוזים:
אלהים, ביום, רבה, הכן, מעדנים.

אֱלֹהִים יְסַעֲדֵנוּ בְּרָכָה בִּמְאוֹדֵנוּ. וְזֶבֶד טוֹב יִזְבְּדֵנוּ.
בְּכָל מִשְׁלַח יָדֵינוּ. אלהים יסעדנו: בְּיוֹם רִאשׁוֹן לִמְלָאכָה.
יְצַו אִתָּנוּ בְּרָכָה. וְיוֹם הַשֵּׁנִי כָּכָה. יַמְתִּיק אֶת כּוֹסֵנוּ.
אלהים: רַבָּה צְבָאֵי יִשְׁעִי. בַּשְּׁלִישִׁי וּבָרְבִיעִי בַּהֲמוֹנִי.
אַךְ לֹא בְּעִי. יִשְׁלַח אֶת פּוֹדֵנוּ. אלהים: הָכֵן טְבוֹחַ טֶבַח.

אלהים דֶער אַלְמֶעכְטִיגֶער גָאט לָאז אונז שִׁיצֶען,
אִין אוּנְזֶער פַארמֶעגֶען לָאז אַרַיין דִי שְׁפָּאר,
עֶר לָאז אונז אַיינְטֵיילֶען גוּטס מַאכִי נָאר,
אִין אַלֶע אוּנְזֶערֶע גֶעשֶׁעפְטֶען גָאר.
דֶער אַלְמֶעכְטִיגֶער גָאט לָאז אונז שִׁיצֶען.
ביום זוּנְטִיג אִין עֶרְשְׁטֶען טָאג פוּן דֶער מְלָאכָה,
לָאז עֶר הֵייסֶען אַרַיינְגֵעהֶן דִי בְּרָכָה,
מָאנְטִיג דֶעם צְוֵוייטֶען טָאג אויך הַצְלָחָה,
אוּנְזֶער פַארזַאמְלוּנג וִים, שְׁטִיל אָהן שְׁפִּיצֶען,
דֶער אַלְמֶעכְטִיגֶער גָאט לָאז אונז שִׁיצֶען.
רבה לָאז פוּן הִילף דִי מִיטֶעל פַארמֶעהרֶען נָאךְ
אִין דְרִיטֶען אוּן פֶערְטֶען טָאג פוּן דֶער וָואךְ,
דָאנֶערְשְׁטִיג בִּין אִיךְ נָאר גַאנץ אָהן אַ בְּרָאךְ,
דֶעם הֶעלְפֶער צוּקוּמֶען אוּנְטֶערְהִיצֶען,
דֶער אַלְמֶעכְטִיגֶער גָאט לָאז אונז שִׁיצֶען.
הכן מֶען קֵייפְט, קָאכְט, בַּאקְט, מַאכְט אַלְסְדִינג בְּעֲרֵייט,
דֶעם זֶעקְסְטֶען טָאג פְרַייטִיג אַ סְעוּדָה גְרֵייט,

בְּיוֹם הַשִּׁשִּׁי זֶבַח. קֹדֶשׁ הִלּוּל וְשֶׁבַח. עַל כָּל מַחֲמַדֵּנוּ
אלהים: מַעֲדַנִּים לְנַפְשֵׁנוּ. נִתַּן בְּיוֹם קָדְשֵׁנוּ. וְרַעֲנַנָּה
עַרְשֵׂנוּ. וְלַיְלָה אוֹר בַּעֲדֵנוּ. אלהים יסעדנו:

זה הזמר חברו נחמן וחתם שמו בראשי החרוזים: נאוו. חבי. מלכך. נופת:

אֵלִי חִישׁ גֹּאֲלִי. עַבְדְּךָ יַשְׂכִּילִי. מְבַשֵּׂר טוֹב אֵלִי.
אֶת אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא: נָאווּ עַל הֶהָרִים. שְׁלוּחֵי יוֹצֵר

אַ קִידוּשׁ, אַ זְמִירָה, אַ לויב גַאנץ בְּרֵייט,
אויף אַלֶעם גוטֶען, וָואס מִיר בֶּעזִיצֶען,
דֶער אַלְמֶעכְטִיגֶער גָאט לָאז אונז שִׁיצֶען.
מעדנים זֵעהר גֶעשְׁמַאקֶע מַאֲכָלִים, פְלֵייש און פִישׁ,
וֶוערד שַׁבָּת קֹדֶשׁ גֶעגֶעבֶּען צום טִישׁ,
אִינְזֶער בֶּעט צוּגֶעבֶּעט מְחַיֶה, רֵיין, פְּרִישׁ,
בַּיי נַאכט בְּרֶענֶען לִיכְט, פונְקלֶען ווִי בְּלִיצֶען,
דֶער אַלְמֶעכטִיגֶער גָאט לָאז אונז שִׁיצֶען.

אלי אָ מַיין גָאט, זָאלסְט גִיךְ דֶעם גוֹאֵל שִׁיקֶען,
דֶער קְנֶעכְט דַיינֶער, אָ, לָאז עֶר בֶּעגלִיקֶען,
דֶעם אָנְזָאגֶער פון בְּשׂוּרוֹת, גָאט מַיין הַער,
אֵלִיָּהוּ הַנָבִיא שִׁיק אַהֶער.

נאוו שֵׁיין גֶעהמֶען זִיךְ אויף בֶּערג דִי שְׁלוּחִים אוים,
וָואס דֶער מַייסְטֶער פון דִי בֶּערג שִׁיקְט אַרוים

הָרִים. וְרַגְלֵי הַמְבַשְּׂרִים. בְּאֱמוֹר שׁוּבִי שׁוּבִי: אלי חֲבִי
כִּמְעַט רֶגַע. כָּל מַחֲלָה וְכָל נֶגַע. אוֹיְבַיִךְ אֶפְגַּע. יוֹם
נָקָם בְּלִבִּי: אלי מַלְכֵּךְ יָבֹא לָךְ. יָפָה אַתְּ כֻּלָּךְ.
וְרַעְיָתִי לְמוֹלֵךְ. גִּלְעָדִי הַתִּשְׁבִּי: אלי נֶפֶת תְּטוֹפְנָה

און דִי פִּים פוּן דִי אָנְזָאגֶער דָארט אויך,
ווִי זֵיי שְׁרַייעֶן: קוּם, קוּם צוּרִיק גַאנץ הויך.
אָ מַיין גָאט, זָאלְסְט גִיךְ דֶעם גוֹאֵל שִׁיקֶען,
דֶער קְנֶעכְט דַיינֶער, אָ לָאז עֶר בֶּעגְלִיקֶען וכו׳
חבי וואַרט נָאר, זָאגט עֶר, וואַרט אַ רֶגַע אִיבֶּער
בִּיז פְּלָאג און אַל דָאס בֵּייז גֵעהט אַרִיבֶּער,
דַיינֶע פַיינד דִי הַיידֶען מַאךְ אִיךְ אָן שְׁמַארץ
צוּ זֵיי אויסְלָאזֶען וָואס מִיר אוֹיפְ׳ן הַאַרְץ.
אָ מַיין גָאט, זָאלְסְט גִיךְ דֶעם גוֹאֵל שִׁיקֶען,
דֶער קְנֶעכְט דַיינֶער, אָ, לָאז עֶר בֶּעגְלִיקֶען וכו׳
מלכך קוּמֶען וֶועט יֶענֶער הַאר צוּ דִיר צוּגֵעהן,
צוּ דִיר, וָואס בִּיסט אִינְגַאנְצֶען וואוּנדֶער־שֵׁיין,
צוּ דִיר, וָואס אַגֶעלִיבְטֶע יעוּד סט מִיר,
אֵלִיָהוּ הַתִּשְׁבִּי קוּמט צוּ דִיר.
אָ מַיין גָאט, זָאלְסְט גִיךְ דֶעם גוֹאֵל שִׁיקֶען,
דֶער קְנֶעכְט דַיינֶער, אָ, לָאז עֶר בֶּעגְלִיקֶען וכו׳.
נפת זִים בְּרוּמֶען דִי לִיפֶּען פוּן דִי טוֹיבֶּען,
דִי קִינְדֶער יַעֲקֹב, וָואס אִין גָאט גְלוֹיבֶּען,
שׁוֹין גֶעקוּמֶען דִי צַייט צוּגֶעדִינֶען דָארט,
צִיוֹן דִי שֵׁיינֶע נַחֲלָה אַ לִיבּ אָרט.

שִׂפְתֵי בְּנֵי יוֹנָה. כִּי בָא עֵת לְחֶנְנָהּ צִיּוֹן נַחֲלַת צְבִי: אלי חיש גואל.

מוסף ע"פ א"ב

אַדִּיר אָיוֹם וְנוֹרָא. בַּצַּר לִי לְךָ אֶקְרָא. יְיָ לִי וְלֹא אִירָא: גְּדוֹר פִּרְצַת הֵיכָלִי. דָּגוּל מֵהֵר חַכְלִילִי. יְיָ הֱיֵה עוֹזֵר לִי: הֵן אַתָּה תִקְוָתִי. וְלִישׁוּעָתְךָ קִוִּיתִי. יְיָ עֹז יְשׁוּעָתִי: זַךְ וּנְקִי כַפַּיִם. חוֹן פּוֹרְשֵׂי כְנָפַיִם. יְיָ

אָ מַיין גאט, וָואלסט גיך דעם גואל שִׁיקען,
דער קֶנעכט דיינֶער, אָ, לאז ער בֶּעגְלִיקען,
דעם אֶנְזאגֶער פון בְּשׂוֹרוֹת, גאט מַיין הער,
אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא שִׁיק אַהֶער.

אדיר אָ שְׁרֶעקְלִיךְ, אַלְמֶעכטִיגֶער, אָהן אַ שִׁיעוּר,
בְּשַׁעַת מִיר איז אֵיינג רוף איך, שְׁרַיי צו דִיר,
הָאבּ איך נִישט מוֹרָא און גאט איז מִיט מִיר.
מדור מַאך צוּרֶעכט דֶעם בְּרָאךְ פון מַיין גֶעבַּיי,
שִׁיק גִיךְ דֶעם, וָואס מִיר דֶערוַוארטֶען גֶעטְרַיי
אָ, גאט אַלְמֶעכטִיגֶער, אָ, שְׁטֵיעה מִיר בַּיי.
הן דו בִּיסט דָאךְ דִי גַאנצֶע הָאפְנוּנג מַיינֶע,
איך הָאף צוּבֶּעקוּמֶען דִי הִילְף דַיינֶע
אָ, גאט, אַ הִילְף אַ שְׁטַארקֶע, אַ פַיינֶע.
זך רֵיינֶער גָאט, וָואס דַיינֶע הֶענד זֶענֶען רֵיין
גְנֶעדִיג דִי וָואס בֶּעטֶען דִיךְ מִיט גֶעוויין,
אָ, גָאט, וָואס הַאלט אַיין דֶעם צָארְן צו גְרוֹים אִי קְלֵיין,

אֶרֶךְ אַפַּיִם: טוּבְךָ תָּחִישׁ לְעַמֶּךָ. יְהִי עָלֵינוּ כִּנְאֻמֶךָ.
יְיָ עֲשֵׂה לְמַעַן שְׁמֶךָ: כּוֹנֵן בֵּית מְכוֹנֶךָ. לְהַרְבֵּץ בּוֹ
צֹאנֶךָ. יְיָ בְּאוֹר פָּנֶיךָ: מִפַּחַד לְהַצִּילִי. נַהֲלֵנִי לְצִיּוֹן
קָדְשׁ גּוֹרָלִי. יְיָ שְׁמַע בְּקוֹלִי: סְעוֹד וּסְמוֹךְ לְנִמְהָרִים.
עֲזוֹר נָא אֶת הַנִּשְׁאָרִים. יְיָ יוֹצֵר הָרִים: פְּדֵה עַמְּךָ
מֵעַזִּים. צֹאנְךָ מִיַּד גּוֹזְזִים. יְיָ עוֹשֵׂה חֲזִיזִים: קָרֵב קֵץ

טובך דיין גוטסקייט שיק גיך צו דיין פֿאָלק אַהער,
ווי דיין הַבְטָחָה גיב אונז און בעשער,
אָ, גאָט, צוליב דיין נאָמען טהו עס מער.
כונן בוי־אויף דיין וואוינונג, דיין הייליגען זיטץ.
דיינע שאָף פּיטער דאָרטען און בעשיטץ
אָ, גאָט, מיט דיין ליכטיג פָּנים ווי אַ בליטץ.
מפחד זיי מיך מציל, ווען איך שטעה שרעקליך שמאַל,
פּיהר מיך קיין ציון מיין גורל אַ כאַל,
אָ גאָט אַלמעכטיגער, אָ, האָרך מיין קול.
סעוד לעהן אונטער די פאַריאָגטע וואָס דו זעהסט
שטעה ביי די וואָס געבליבען נאָר אַ רעסט,
אָ גאָט שטאַרקער, וואָס בעשאַפט די בערג פעסט.
פדה בעפריי אַ דיין פאָלק פון די היידען דאָרט,
דיין שאָף פון די ווילדע אין יענעם אָרט,
אָ, גאָט, וואָס בליצען מאַכט ער מיט אַ וואָרט
קרב נו דערפריי שוין, גאָט, מיט דער נחמה,
דערבאַרם זיך אויף דער פאַרוויינטער נשמה,
אָ, גאָט, וואָס דו ביסט אַ איש מלחמה,

נֶחָמָה. רַחֵם אוֹם לֹא רוּחָמָה. יְיָ אִישׁ מִלְחָמָה: שְׁכוֹן כַּמָאז בְּאָהֳלֵנוּ. תָּמִיד אֵל מְחוֹלְלֵנוּ. יְיָ מַלְכֵּנוּ הוּא יוֹשִׁיעֵנוּ:

זה הזמר מיוסד על פי א״ב וא״ח״ב חתם המחבר את שמו ישי בר מרדכי חזק: יום. שוע. יזמתי. בורא. רחמיך. מלאכים. רבו. דין. כלילת. יזכר. חפשני. זה. קימו. ומעשה של הזמר נמצא בברייתא החסיד עשה ממנו זמר:

אִישׁ חָסִיד הָיָה. בְּלִי מָזוֹן וּמִחְיָה: בְּבֵיתוֹ עוֹסֵק מַלְבּוּשׁ. וְאֵין בֶּגֶד לִלְבּוֹשׁ: גּוֹנֵן בַּחֲשׁוּבָה אִשָּׁה. וְגַם

שכון רוּה ווי פַארצַייטֶען אִין אוּנזֶער גֶעצֶעלט,
דוּ גָאט, וָואס הָאסט אוּנז אוֹיף דִי פִּים גֶעשְׁטֶעלט,
אַ גָאט, דוּ וֶועסט אוּנז הֶעלְפֶען אִין דֶער וֶועלט.

איש חסיד אַ חָסִיד אִיז גֶעוֶוען אַ מָאל, אַ מָאל,
אָהן בְּרוֹיט, אָהן מִחְיָה, גֶעשְׁטַאנֶען זֵעהר שְׁמָאל.
אָהן אַ קְלֵייד אִין שְׁטוּב גֶעזֶעסֶען פַארְשְׁפַּארט,
נִישט מְבוּיָש צוּ וֶוערֶען הָאט אִיהם גֶעאַרט.
אַ וַוייבּ הָאט עֶר גֶעהַאט גָאר אַ״ין אַנְטִ׳יק,
אוֹיךְ קִינְדֶער אָהן עַיִן הָרָע פִּינְף שְׁטִיק.
אֵיינְמָאל זָאגט אִיהם דָאס וַוייבּ אַרוֹיס גַאנְץ קְלָאר,
אַזוֹי לֶעבֶּען אִיז מֶעהר קֵיין סְבָרָא גָאר.
צוּ עֶסֶען נִישְׁטָא דָאךְ קֵיין פִּיצֶעל בְּרוֹיט,
מִיר זֶענֶען נַאקֶעט אִין אַ בִּיטֶער נוֹיט.

בְּבָנִים חֲמִשָּׁה: דִּבְּרָה לוֹ הָאִשָּׁה. יוֹתֵר אֵין לְהִתְיָאֲשָׁה:
הַמִּבְּלִי לֶחֶם לֶאֱכוֹל בְּעֵרוֹם וּבְחוֹסֶר כֹּל: וְתוֹרָה
מָצָאתָ כִּי יָגַעְתָּ. מַה נֹּאכַל מֵעַתָּה: זָהִיר כְּבַר נָשׁוּק.
הֲלֹא תֵּצֵא לַשּׁוּק: חַנּוּן וְרַחוּם בִּמְרוֹמָיו. אוּלַי יְגַמְלֵט
בְּרַחֲמָיו: טוֹב לְקוֹיָו מַחֲסֶה. רְצוֹן יְרֵאָיו יַעֲשֶׂה: יַעֲצַת
בְּדַעַת וּבְחָכְמָה. עֲצָתֵךְ בְּלִי לְהַסְכִּימָה: כְּצֵאתִי
לְבֹשֶׁת וְלִכְלִמָּה. מִבְּלִי כְסוּת וְשַׂלְמָה: לְאֵין בְּיָדִי

לֶערְנֶען קֶענְסְט דוּ, הָאסְט דִיר מִיה גֶעגֶעבֶּען,
נָאר פוּן וָואס וֶועלֶען מִיר וַוייטֶער לֶעבֶּען.
בִּיסְט גוּט, פְרוּם, בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶענוּג שְׁטַארְק,
אַט נֶעהם אוּן גֵעה, כְּ׳לֶעבֶּען, אַרוֹיס אִין מַארְק.
דֶער וָואס אִין הִימֶעל הָאט רַחֲמָנוּת, חַס,
אֶפְשַׁר בֶּעשֶׁעהֶרְט עֶר אוּנְז עֶפִּים אִין גַאס.
יֶענֶע וָואס הָאפֶען צוּ אִיהם שְׁטֶעהט עֶר בַּיי,
דֶעם וואוּנְשׁ פוּן דִי פְרוּמֶע דֶערְפִילְט עֶר טְרַיי.
דוּ זָאגְסְט וִוי אַ חֲכָמָה מִיט פַארְשְׁטַאנְד,
נָאר דִיר צוּפָאלְגֶען וִוי אִיז מֶען אִין שְׁטַאנְד.
וִוי גֵעהט מֶען אוֹיף לַייטִישׁ גֶעשְׁפֶּעט אוּן רֵייד
אָהן אַ מַאנְטֶעל, אָהן עֶפִּים אַ קְלֵייד.
אוּן אוֹיף צוּפַארְבֶּעסֶערֶען דֶעם פֶּעלֶער,
אִיז נִישְׁטָא אִי אַ צוּבְּרָאכֶען הֶעלֶער.
זִי גִיט צוּ שְׁכֵנִים אַ שְׁפְּרוּנג אוּן אַנְטְלַייט
שַׁיינֶע, נַאנְץ פַיינֶע קְלֵיידֶער אוֹיף אַ צַייט.

לְפוּרְטָה. אֲפִילוּ שָׁוֶה פְּרוּטָה: מְהֵרָה וְשָׁאֲלָה מְשַׁכְּנִים,
מַלְבּוּשִׁים נָאִים מְתֻקָּנִים: נִלְבַּשׁ וְהִשְׁלִיךְ יְהָבוֹ. עַל יְיָ
אֲשֶׁר אֲהֵבוֹ: סָחוּ יְלָדָיו בִּפְלוּלָם. אַל יָשׁוּב דַּךְ נִכְלָם:
עָבַר בַּשּׁוּק בִּסְבָרָתוֹ. וְהִנֵּה אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא לִקְרָאתוֹ:
פָּץ לוֹ הַמְבַשֵּׂר. בֶּאֱמֶת הַיּוֹם תִּתְעַשֵּׁר: צַוֵּנִי בְּכָל
כְּבוֹדֶךָ. כִּי הִנְנִי עַבְדֶּךָ: קְרָא לְמִי בְדַעְתּוֹ. קְנוֹת
עֶבֶד אֵין כְּמוֹתוֹ: רָחַשׁ אֵיךְ יְשַׁנֶּה דִּינוֹ. עֶבֶד לִמְכּוֹר

ער טְהוּט בַּאלד דִי קְלֵיידֶער אָן, וָואס ער הָאט,
און גֵעהט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּב אוֹיף גָאטס בֶּעראט.
דִי קִינְדֶער בֶּעטֶען גָאט מִיט אַ גֶעשְׁרֵיי,
לָאז ער לֵיידִיג נִישט קוּמֶען קְרִיק צוּ זֵיי.
ווִי ער גֵעהט מִיט הָאפנונג אִין מַארק אַרוּם דָארט,
וַואקסְט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אוֹיס אוֹיפְ'ן אָרט.
דָער אַנְזָאגֶער זָאגט צוּ אִיהם טַאקִי גְלַייךְ,
דוּ וֶוערְסְט גַאנץ זִיכֶער הַיינְטִיגֶען טָאג רַייךְ.
בֶּעפֶעהל מִיר מִיט דַיין כָּבוֹד, הָאסט דָאס רֶעכט,
דֶען אִיךְ בִּין דַיין אוּנְטֶערְטֶענִיגֶער קְנֶעכְט.
שְׁרַיי אוֹיס: וֶוער וִויל קוֹיפֶען, וִויל קוֹיפֶען דָא,
אַזאַ קְנֶעכְט וִוי ער זַיין גְלַייכֶען נִישְׁטָא.
וִוי שִׁיקְט זִיךְ עֶס, גִיט ער בַּיי זִיךְ אַ קְלֶער,
עֶפִּים פַארְקֶערט, אַ קְנֶעכְט פַארְקוֹיפְט זַיין הָער.
ער לֵייגט אִין חָסִיד זַיין חָכְמָה אַרַיין,
און ער נֶעמט אִיהם גְלַייךְ ער וָואלט זַיין הַאר זַיין.

את אדוני: שת לו חכמתו בקרבו. והחזיק בו כמו
רבו: תגר קנאו באהבים. בשמונה מאות אלף זהובים,
תבעו מה מלאכתך. אם בבנין חכמתך. תכלית
טרקלין ופלטרין. הרי אתה בן חורין: יום ראשון
במפעלים. פעל עם פועלים: שוע בחצי הלילה.

א סוחר קויפט איהם און פשוט ער קוועלט,
פאר אכט הונדערט טויזענד גילדען גרייט געלט.
וואס איז דיין מלאכה, פרעגט ער איהם דא גיך,
אויב הייזער צו בויען פארשטייהסט דו זיך,
ווערד פארטיג א פאלאץ אזא געביי,
דענסטמאל זיי זיכער ביסט דו ווידער פריי.
דעם ערשטען טאג ווי דאס ווערק הייבט זיך אן,
מיט די פועלים גלייך האט ער זיינם געטאן.
ארום האלבע נאכט שרייען זיך געשטעלט,
ענטפער מיר, גאט דו מייסטער פון דער וועלט.
צופארקויפען זיך וואס איך האב געזעהן,
איז דאך גאר צוליב דיין כבוד געשעהן.
די גאנצע וועלט האסט דו בעשאפען גערינג,
מאך פארטיג דעם בנין, אין איהם אלסדינג.
זאלסט זיך דערבארמען אז איך רוף צו דיר,
דען די כוונה איז דאך גוט ביי מיר.
גוטע מלאכים פון הימעל קומען,
און צום בויען געשמאק זיך גענומען.

עֲנֵנִי נוֹרָא עֲלִילָה: יָזַמְתִּי וְנִמְכַּרְתִּי לְהַעֲבִידִי. לִכְבוֹדֶךָ וְלֹא לִכְבוֹדִי: בּוֹרֵא עוֹלָם בְּקִנְיָן. הַשְׁלֵם זֶה הַבִּנְיָן: רַחֲמֶיךָ יִכְמְרוּ בַּחֲנִינָתִי. כִּי לְטוֹבָה כַּוָּנָתִי: מַלְאֲכֵי רַחֲמִים מִמְּעוֹנָתוֹ. אָז הֶהֱלוּ לִבְנוֹתוֹ. רַבּוּ בְּנֵי הַמְּלוּכָה. וְהִשְׁלַם כָּל הַמְּלָאכָה: דַּע הַסּוֹחֵר בִּרְאוֹתוֹ. כִּי נִגְמְרָה מְלַאכְתּוֹ: כְּלוּלַת מִגְדָּלִים נָאִים. לְפִי עִנְיַן הַבַּנָּאִים: יִזָּכֵר לְךָ עַתָּה. אֶתְמוֹל אֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ: חָפְשִׁי בְּוַדַּאי וּבְבֵרוּר. כִּנְמַתָּ לְעִנְיַן שִׁחְרוּר: זֶה קִיְּמוּ בֶּאֱמֶת. וּפָרַח לוֹ אִישׁ הָאֱמֶת:

מַלְאָכִים זֶענֶען גֶעוֶוען פִיל אַ גְוואַלד,
און דִי גַאנְצֶע אַרְבֵּייט וֶוערד פַארְטִיג בַּאלד.
דֶער סוֹחֵר אִיז פַאר שִׂמְחָה גְרָאבּ און בְּרֵייט,
אַז עֶר זֶעהט דִי אַרְבֵּייט זַיינֶע אִיז גְרֵייט.
מִיט מְהוּרֶעמְלִיךְ און נָאךְ זַאכֶען,
אַלְסְדִינג ווִי אַרְכִיטֶעקְטֶערֶעס מַאכֶען.
נוּ, הַאר, גֶעדֵיינְק אַצִינד דַיין הַבְטָחָה,
וָואס נֶעכְטֶען צוּגֶעזָאגְט פַאר דֶער מְלָאכָה.
דוּ זָאלסט אַצִינד מִיךְ אַרוֹיסְלָאזֶען פְרַיי,
כְּפִי דֶער מְדוּבָּר, אַז וֶוערד גְרֵייט דָאס גֶעבַּיי.
דֶער הָאט מְקַיֵּים גֶעוֶוען, גֶעהַאלְטֶען וָוארט,
און דֶער אֱמֶת'ר מַאן פַארְשְׁווִינְדט פוּן דָארט.

אָמַר יְיָ לְיַעֲקֹב אַל תִּירָא עַבְדִּי יַעֲקֹב:
בָּחַר יְיָ בְּיַעֲקֹב אַל תִּירָא עַבְדִּי יַעֲקֹב:
גָּאַל יְיָ אֶת יַעֲקֹב אַל תִּירָא עַבְדִּי יַעֲקֹב:
דָּרַךְ כּוֹכָב מִיַּעֲקֹב אַל תִּירָא עַבְדִּי יַעֲקֹב:

אמר גָאט הָאט צו יַעֲקב גֶעזָאגט: כְּ׳לֶעבֶּען,
דו, מַיין יַעֲקב, וֶועסט אֵייבִּיג לֶעבֶּען, א)
פַאל נִיט אַרָאפּ, וֶוען אַמָאל אִיז שְׁלֶעכְט,
הָאבּ נִישט קַיין מוֹרָא, יַעֲקב מַיין קְנֶעכְט.
גָאט וַוייל נָאךְ פַארְצַייטֶענס יַעֲקב אוים,
נֶעהְמְט אִיהם פוּן אַלֶע צָרוֹת אַרוֹים,
פַאל נִישט אַרָאפּ, וֶוען אַמָאל אִיז שְׁלֶעכְט,
הָאבּ נִישט קַיין מוֹרָא, יַעֲקב מַיין קְנֶעכְט.
גָאט עֶר דֶערלֵייזְט יַעֲקב אַלֶע צַייט,
מַאכְט פוּן אִיהם תָּמִיד אִי אוּמְטוּם לַייט,
פַאל נִישט אַרָאפּ, וֶוען אַמָאל אִיז שְׁלֶעכט,
הָאבּ נִישט קַיין מוֹרָא, יַעֲקב מַיין קְנֶעכְט.
פוּן יַעֲקב גֶעהט אֶפְּט אַ שְׁטֶערֶען אוֹיף,
לַייכְט אוּן פִירְהרט אוֹיף אַ וֶועג אַרוֹיף,
פַאל נִישט אַרָאפּ, וֶוען אַמָאל אִיז שְׁלֶעכְט,
הָאבּ נִישט קַיין מוֹרָא, יַעֲקב מַיין קְנֶעכְט.

א) מיוסד על מה שאמרו ז״ל (תענית ה׳, ב׳) יעקב אבינו לא מת וכו׳ שנאמר (ירמיה ל׳, י׳) ואתה אל תירא עבדי יעקב נאם ה׳ ואל תחת ישראל וגו׳ מקיש הוא לזרעו מה זרעו בחיים אף הוא בחיים.

הַבָּאִים יַשְׁרֵשׁ יַעֲקֹב אַל תִּירָא עַבְדִּי יַעֲקֹב:
וְיֵרְדְּ מִיַּעֲקֹב אַל תִּירָא עַבְדִּי יַעֲקֹב:
זְכוֹר זֹאת לְיַעֲקֹב אַל תִּירָא עַבְדִּי יַעֲקֹב:
חֶדְוַת יְשׁוּעוֹת יַעֲקֹב אַל תִּירָא עַבְדִּי יַעֲקֹב:
מוֹבוּ אֹהָלֶיךָ יַעֲקֹב אַל תִּירָא עַבְדִּי יַעֲקֹב:

יַעֲקב וַואקסְט און וָוארְצֶעלְט זִיךְ טִיף אַיין,
גֶעזוּנט און שְׁטַארק וֶועט עֶר אֵייבִּיג זַיין,
פַאל נִישְׁט אַרָאפּ, וֶוען אַמָאל אִיז שְׁלֶעכט,
הָאב נִישְׁט קֵיין מוֹרָא, יַעֲקב מַיין קְנֶעכט.

עֶס שְׁטַאמְט פוּן יַעֲקב אַ צְוַויינ ווידֶער,
דֶער בּוֹים הַאלט זִיךְ, פַאלט נִישְׁט אַנִידֶער,
פַאל נִישְׁט אַרָאפּ, וֶוען אַמָאל אִיז שְׁלֶעכט
הָאב נִישְׁט קֵיין מוֹרָא, יַעֲקב מַיין קְנֶעכט.

וָאלְט עֶס צוּ יַעֲקב טַאקִי גֶעדֵיינְקֶען,
מַזָל און בְּרָכָה אִיהם תָּמִיד שֵׁיינְקֶען.
פַאל נִישְׁט אַרָאפּ, וֶוען אַמָאל אִיז שְׁלֶעכט,
הָאב נִישְׁט קֵיין מוֹרָא, יַעֲקב מַיין קְנֶעכט.

יַעֲקב׳ס יְשׁוּעוֹת אַ חֶדְוָה, אַ פְרֵייד,
קוּמט תָּמִיד בְּשַׁעַת צָרוֹת און לֵייד
פַאל נִישְׁט אַרָאפּ, וֶוען אַמָאל אִיז שְׁלֶעכט,
הָאב נִישְׁט קֵיין מוֹרָא, יַעֲקב מַיין קְנֶעכט.

דַיינֶע גֶעצֶעלְטֶען, יַעֲקב, וֶועהר שֵׁיין,
דָארט לֶערְנֶען אַלֶע פוּן גְרוֹיס בִּיז קְלֵיין

יורו מִשְׁפָּטֶיךָ לְיַעֲקֹב   אַל תִּירָא עַבְדִּי יַעֲקֹב:
כִּי לֹא נַחַשׁ בְּיַעֲקֹב   אַל תִּירָא עַבְדִּי יַעֲקֹב:
לֹא הִבִּיט אָוֶן בְּיַעֲקֹב   אַל תִּירָא עַבְדִּי יַעֲקֹב:
מִי מָנָה עֲפַר יַעֲקֹב   אַל תִּירָא עַבְדִּי יַעֲקֹב:
נִשְׁבַּע יְיָ לְיַעֲקֹב   אַל תִּירָא עַבְדִּי יַעֲקֹב:

פַאל נִישְׁט אַרָאפּ, וֶוען אַ מָאל אִיז שְׁלֶעכְט,
הָאבּ נִישְׁט קַיין מוֹרָא, יַעֲקֹב מַיין קְנֶעכְט
לֶערְנֶען צוּ יַעֲקֹב דַיינֶע גֶערִיכְט,
וָואס לַייכְטֶען אִיהם לִיכְטִיג ווִי אַ לִיכְט:
פַאל נִישְׁט אַרָאפּ, וֶוען אַמָאל אִיז שְׁלֶעכְט.
הָאבּ נִישְׁט קַיין מוֹרָא, יַעֲקֹב מַיין קְנֶעכְט.

בַּיי יַעקב גֶעהט קַיין צוֹיבֶּער נִיט אָן,
דָאס מִיט כִּישׁוּף-מַאכֶער נִיט צוּ טָאן,
פַאל נִישְׁט אַרָאפּ, וֶוען אַמָאל אִיז שְׁלֶעכְט,
הָאבּ נִישְׁט קַיין מוֹרָא, יַעֲקֹב מַיין קְנֶעכְט.
מֶען זֶעהט נִישְׁט בַּיי יַעֲקֹב אַזאַ זִינד,
גְלוֹיבְּט אִין גָאט ווִי פְרִיהֶער אִי אַצִינד.
פַאל נִישְׁט אַרָאפּ, וֶוען אַמָאל אִיז שְׁלֶעכְט,
הָאבּ נִישְׁט קַיין מוֹרָא, יַעֲקֹב מַיין קְנֶעכְט.
צוּ צֵיילֶען יַעֲקֹב אִיז קַיין סְבָרָא,
אִיז פִיל ווִי שְׁטוֹיבּ אָהן עַיִן הָרָע.
פַאל נִישְׁט אַרָאפּ, וֶוען אַמָאל אִיז שְׁלֶעכְט,
הָאבּ נִישְׁט קַיין מוֹרָא, יַעקב מַיין קְנֶעכְט.

סְלַח נָא לַעֲוֹן יַעֲקֹב אַל תִּירָא עַבְדִּי יַעֲקֹב:
עַתָּה הָשֵׁב שְׁבוּת יַעֲקֹב אַל תִּירָא עַבְדִּי יַעֲקֹב:
פְּדֵה יְיָ אֶת יַעֲקֹב אַל תִּירָא עַבְדִּי יַעֲקֹב:
צַוֵּה יְשׁוּעוֹת יַעֲקֹב אַל תִּירָא עַבְדִּי יַעֲקֹב:

גָאט הָאט צוּ יַעֲקב אֵיינמָאל גֶעשְׁוָוארֶען,
עֶר זָאל נִישְׁט וֶוערֶען אֵייבִּיג פַארְלָארֶען,
פַאל נִישְׁט אַרָאפּ, וֶוען אַמָאל אִיז שְׁלֶעכְט,
הָאבּ נִישְׁט קַיין מוֹרָא, יַעֲקב מַיין קְנֶעכְט.
דִי זִינד פוּן יַעֲקב, אָ, פַארגִיבּ,
אוּן הָאבּ אִיהם תָּמִיד טַאקִי לִיבּ.
פַאל נִישְׁט אַרָאפּ, וֶוען אַמָאל אִיז שְׁלֶעכְט,
הָאבּ נִישְׁט קַיין מוֹרָא, יַעֲקב מַיין קְנֶעכְט.
זָאלסְט יַעֲקב פוּן לֵייד אַרוֹיספִיהרֶען,
עֶר זָאל ווִי אַ שָׁאף נִישְׁט פַארְאִירֶען.
פַאל נִישְׁט אַרָאפּ, וֶוען אַמָאל אִיז שְׁלֶעכְט,
הָאבּ נִישְׁט קַיין מוֹרָא, יַעֲקב מַיין קְנֶעכְט.
גָאט! בִּיסְט שׁוֹין גֶעשְׁטַאנֶען יַעֲקב בַּיי,
הָאסט אִיהם שׁוֹין גֶעהָאלפֶען פִיל מָאל טְרַיי.
פַאל נִישְׁט אַרָאפּ, וֶוען אַמָאל אִיז שְׁלֶעכְט,
הָאבּ נִישְׁט קַיין מוֹרָא, יַעֲקב מַיין קְנֶעכְט.
יְשׁוּעוֹת צוּ יַעֲקב אוֹיךְ אִיצְט בֶּעפֶעהל,
עֶס זָאל אִיהם גוּט וֶוערֶען אוֹיף דֶער שְׁטֶעל.
פַאל נִישְׁט אַרָאפּ, וֶוען אַמָאל אִיז שְׁלֶעכְט,
הָאבּ נִישְׁט קַיין מוֹרָא, יַעֲקב מַיין קְנֶעכְט.

קוֹל קוֹל יַעֲקֹב אַל תִּירָא עַבְדִּי יַעֲקֹב׃
רָנִּי וְשִׂמְחִי לְיַעֲקֹב אַל תִּירָא עַבְדִּי יַעֲקֹב׃
שָׁב יְיָ אֶת שְׁבוּת יַעֲקֹב אַל תִּירָא עַבְדִּי יַעֲקֹב׃
תִּתֵּן אֱמֶת לְיַעֲקֹב אַל תִּירָא עַבְדִּי יַעֲקֹב׃

אַ קוֹל פוּן גֶעבֶּעט אִיז יַעֲקֹבְ׳ם קוֹל,
דֶערְפְרֵייט אִיהם מִיט יְשׁוּעוֹת ווִי אַמָאל.
פַאל נִישְׁט אַרָאפּ, וֶוען אַמָאל אִיז שְׁלֶעכְט,
הָאבּ נִישְׁט קֵיין מוֹרָא, יַעֲקֹב מַיין קְנֶעכְט.
זִינְגט לוּסְטִיג, בֶּעלוּסְטִיגט יַעֲקֹבְ׳ם הַארְץ,
זָאל עֶר נִישְׁט הָאבֶּען קֵיין זָארְג, קֵיין שְׁמַארְץ.
פַאל נִישְׁט אַרָאפּ, וֶוען אַמָאל אִיז שְׁלֶעכְט,
הָאבּ נִישְׁט קֵיין מוֹרָא, יַעֲקֹב מַיין קְנֶעכְט.
גָאט וֶועט פוּן עֶלֶענד אִיהם בֶּעפְרֵייעֶן,
זָ::לְט אִיהר אִיהם אָנְזָאגֶען אוּן שְׁרֵייעֶן,
פַאל נִישְׁט אַרָאפּ, וֶוען אַמָאל אִיז שְׁלֶעכְט,
הָאבּ נִישְׁט קֵיין מוֹרָא, יַעֲקֹב מַיין קְנֶעכְט.
צוּ יַעֲקֹב וֶועט עֶר טְרֵייסְט הִילְף גֶעבֶּען,
אֵייבִּיג וָועט יַעֲקֹב אִין דֶער וֶועלְט לֶעבֶּען.
פַאל נִישְׁט אַרָאפּ, וֶוען אַמָאל אִיז שְׁלֶעכְט,
הָאבּ נִישְׁט קֵיין מוֹרָא, יַעֲקֹב מַיין קְנֶעכְט׃

זה הזמר חברו יצחק הקטן והתם שמו בראשי החרוזים: יום צדקתך. חלפה. קולי. העתר. קראתיך. טהר. נהגי.

הַמַּבְדִּיל בֵּין קֹדֶשׁ לְחוֹל. חַטֹּאתֵינוּ הוּא יִמְחוֹל. זַרְעֵנוּ וְכַסְפֵּנוּ יַרְבֶּה כַּחוֹל. וְכַכּוֹכָבִים בַּלָּיְלָה: יוֹם פָּנָה כְּצֵל תֹּמֶר. אֶקְרָא לָאֵל עָלַי גּוֹמֵר. אָמַר שֹׁמֵר אָתָא בֹקֶר וְגַם לָיְלָה: צִדְקָתְךָ כְּהַר תָּבוֹר. עַל חֲטָאַי עָבוֹר תַּעֲבוֹר. כְּיוֹם אֶתְמוֹל כִּי יַעֲבוֹר. וְאַשְׁמוּרָה

המבדיל דֶער וָואס הֵיילִיגֶע פוּן וָואכֶען-טֶעג טְהֵיילט אָפּ,
לָאז נֶעהמֶען פוּן אוּנז אוּנזֶערֶע זִינד אַרָאפּ,
דִי קִינְדֶער אוּנזֶערֶע אוּן אוֹיךְ אוּנזֶערֶע גֶעלט,
פַארְמֶעהרֶען וִוי זַאמד אַ קַאסֶע אִין דֶער וֶועלט,
אוּן וִוי שְׁטֶערֶען בַּיי דֶער נַאכט.

יום וִוי דֶער שָׁאטֶען פוּן אַ בוֹים גֵיהט דֶער טָאג הִין,
אִיךְ שְׁרַיי צוּ גָאט וָואס הָאט שְׁטֶענְדִיג מִיךְ אִין זִין,
דֶער הִיטֶער אוֹיבֶּען זָאגט: צוּ וָואס זִיךְ זָארְגֶען.
אַזוֹי אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטֶעלט, אַז קוּמט פְרִיהמָארְגֶען,
אוּן נָאךְ אִיהם אוֹיךְ קוּמט דִי נַאכְט.

צדקתך וִוי דֶער בַּארג תָּבוֹר גְרוֹים אִיז דִי גְנָאד דַיינֶע,
גֶעה פַארְבַּיי אִיבֶּער דִי אַלֶע זִינְד מַיינֶע,
לָאזֶען זֵיי פַארְשְׁווִינְדֶען, אִיז מַיין פַארְלַאנְגֶען,
אַזוֹי וִוי נֶעכְטִיגֶער טָאג וָואס פַארְגַאנְגֶען,
אוּן וִוי אַ טְהֵייל פוּן דֶער נַאכְט.

בַּלַּיְלָה: הָלְפָה עוֹנַת מִנְחָתִי א) מִי יִתֵּן מְנוּחָתִי. יָגַעְתִּי בְּאַנְחָתִי. אִשָּׁה בְּכָל לַיְלָה: קוֹלִי בַּל יוּנְטָל. פְּתַח לִי שַׁעַר הַמְּנֻטָּל. שֶׁרֹּאשִׁי נִמְלָא טָל. קְוֻצּוֹתַי רְסִיסֵי לָיְלָה: הֵעָתֵר נוֹרָא וְאָיוֹם. אֲשַׁוֵּעַ תְּנָה פִּדְיוֹם. בְּנֶשֶׁף

הלפה אַוֶועק איז פון מַיין מִנְחָה דִי גוּטֶע צַייט,
וֶוער קֶען מִיר גֶעבֶּען מַיין רוּה, וָואס פון מִיר וַוייט,
מִיר בִּין אִיךְ שׁוין קְרֶעכְצֶענדִיג־זִיפְצֶענדִיג שְׁטִיל,
אִיךְ בֶּעוַואשׁ מִיךְ מִיט טַייכֶען טְרֶערֶען זֶעהר פִיל,
וֵויין און זִיפְץ אַגַאנְצֶע נַאכְט.
קולי מַיין קול לָאז נִישְׁט גֶעוָוארְפֶען וֶוערֶען פון דִיר,
דֶעם טוֹיעֶר פון רַחֲמָנוּת עֶפֶען, גָאט, מִיר,
דֶען פון טְרֶערֶען איז מַיין קָאפּ וִוי פון טוֹי נַאס,
וִוי פון רֶעגֶען בַּיי דֶער נַאכְט. ב)
העתר בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער, אַלְמֶעכְטִיגֶער גָאט, אוֹיפְּס נַיי,
רַאטֶעוֶוע, הִילְף גִיבּ, בֶּעט אִיךְ רַחֲמִים און שְׁרַיי,
דַיין הִילְף גִיבּ, בֶּעט אִיךְ רַחֲמִים, יָאמֶער און קְלָאג,
אִין דֶעם אָוֶוענט און פַארְנַאכְט, אִיטְלִיכֶען טָאג,
אִין דֶער פִינְסְטֶער בַּיי דֶער נַאכְט.

א) ביומא דשבתא כד מטא עדן דצלותא דמנחה רעוא דרעוין אשתכח ועתיקא קדישא גליא רצון דיליה (זוהר).

ב) בתרגומי זה נתכוונתי לתרגום יונתן עה"פ אני ישנה (שיר ה׳ ז׳) ארום שער רישי אתמלי מן דמעתיך כגבר דשער רישיה מצטבע מטלא דשמיא וציצית גרי אתמלי מן טפי עיניך כגבר דציצית גרוהי מלין מטפי מטרא דנחת בלילה:

בְּעֶרֶב יוֹם. בְּאִישׁוֹן לַיְלָה: קְרָאתִיךָ יָהּ הוֹשִׁיעֵנִי.
אֹרַח חַיִּים תּוֹדִיעֵנִי. מִדַּלָּה תְּבַצְּעֵנִי. מִיּוֹם וְעַד לַיְלָה:
טַהֵר טִנּוּף מַעֲשַׂי. פֶּן יֹאמְרוּ מַכְעִיסַי. אַיֵּה נָא אֱלוֹהַּ
עֹשָׂי. הַנּוֹתֵן זְמִירוֹת בַּלָּיְלָה: נַחְנוּ בְיָדְךָ כַּחוֹמֶר.

קראתיך דִיךְ, גָאט, רוּף אִיךְ, דוּ זָאלסט מִיר דַיין הִילְף גֶעבֶּען,
לָאז מִיךְ דֶערְקֶענֶען דֶעם וֶועג פוּנֶ'ם לֶעבֶּען,
פוּן דַלוּת אוּן פוּן עֶלֶענד פִיהר מִיךְ אַרוֹיס,
צָרוֹת אוּן אַל דָאס בֵּייז זָאלֶען וֶוערֶען אוֹיס,
טַאקֶע גִיךְ פוּן טָאג בִּיז נַאכְט.

טהר רֵיינִיג מַיינֶע זִינד אוּן מִיךְ פוּן זֵיי מַאךְ לֵייז,
לָאזֶען נִישט זָאגֶען דִי וָואס ווִינְשֶׁען מִיר בֵּייז:
וואוּ אִיז עֶר, דֶער גָאט, דֶער בֶּעשַׁאפֶער מַיינֶער,
וָואס מִיט אִיהם בֶּערִיהמְט זִיךְ דֶער מֶענְשׁ דֶער פַיינֶער,
זִינגְט אִיהם זְמִירוֹת בַּיי דֶער נַאכְט.

נחנו קֶענֶעטְּסְט ווִי לֵיים אִין דַיין הַאנד אוּנז נָאךְ דַיין בֶּעגֶעהר,
זֵיי זְשֶׁע מוֹחֵל אוֹיף זִינד הֵן וָואס גְרִינג הֵן שְׁוֶוער, 6)
דוּ בִּיסְט דָאךְ מַייסְטֶער פוּן אַלְדִינג, גָאט לִיבֶּער,
דָאס גִיט אֵיין טָאג דֶעם אַנְדֶערֶען טָאג אִיבֶּער,
אוּן אֵיין נַאכְט דֶער אַנְדֶער נַאכְט.

---

6) מכוון למה שדרשו ז״ל: אלמלא ג׳ מקראות נתמוטטו רגליהם של שונאי ישראל וכו׳ חד דכתיב הנה כחומר ביד היוצר כן אתם (ירמיה י״ח ו׳) ופירש״י ג׳ מקראות המעידין שהעוונות והזכיות בידו (סוכה נ״ב)׳

סְלַח נָא עַל קַל וָחוֹמֶר. יוֹם לְיוֹם יַבִּיעַ אֹמֶר. וְלַיְלָה לְלַיְלָה: המבדיל אֵל פּוֹדֶה מִכָּל צַר. קְרָאנוּךָ מִן הַמֵּצַר. יָדְךָ לֹא תִקְצַר. לֹא יוֹם וְלֹא לַיְלָה. המבדיל מִיכָאֵל שַׂר יִשְׂרָאֵל. אֵלִיָּהוּ וְגַבְרִיאֵל: יָבֹאוּ נָא עִם הַגּוֹאֵל. קוֹמוּ רֹנּוּ בַּחֲצִי הַלַּיְלָה. המבדיל תְּנָה לָנוּ שָׁבוּעַ טוֹב. רַעֲנָן

דֶער וָואס הֵיילִיגְט פוּן וָואכֶען־טֶעג טֵיילְט אָפּ,
לָאז נֶעהמֶען פוּן אוּנז אוּנְזֶערֶע זִינד אַרָאפּ, וכו׳
אל גָאט, וָואס פוּן אַלֶע נֵייטֶען דֶער בֶּעפְרַייעֶר,
דִיךְ רוּפֶען מִיר פוּן דֶער קְלֶעהם, גָאט גֶעטְרַייעֶר,
צוּהֶעלְפֶען בִּיסט דוּ דָאךְ אַלֶע צַייט אִין שְׁטַאנד,
אוּן קֵיינְמָאל חָלִילָה אִיז נִישְׁט שְׁוַואךְ דַיין הַאנְד,
נִישְׁט בַּיי טָאג, נִישְׁט בַּיי דֶער נַאכְט,
דֶער וָואס הֵיילִיגְט פוּן וָואכֶען־טֶעג טֵיילְט אָפּ,
לָאז נֶעהמֶען פוּן אוּנז אוּנְזֶערֶע זִינד אַרָאפּ, וכו׳
מיכאל דֶער מַלְאָךְ מִיכָאֵל שַׂר פוּן יִשְׂרָאֵל,
אֵלִיָּהוּ אוּן דֶער מַלְאָךְ גַבְרִיאֵל,
מִיט דֶעם גוֹאֵל קוּמֶען לָאזֶען יֶענֶע לַייט,
גְנוּג, עַם קְדוֹשִׁים, צוּשְׁלָאפֶען, אוֹיפְשְׁטֵעהן שׁוֹין צַייט,
שְׁטֵעהט־אוֹיף, שְׁרַייט אִין הַאלְבֶּער נַאכְט.
דֶער וָואס הֵיילִיגְט פוּן וָואכֶען־טֶעג טֵיילְט אָפּ,
לָאז נֶעהמֶען פוּן אוּנז אוּנְזֶערֶע זִינד אַרָאפּ, וכו׳
תנה גִיבּ אוּנז אַ מַזָלְדִיגֶע אַ גוּטֶע וָואךְ,
מִיר זָאלֶען פְרִישׁ זַיין, נִיט וִויסֶען פוּן קֵיין בְּרָאךְ,

כְּגַן רָטוֹב · גַּם יְיָ יִתֵּן הַטּוֹב . כָּל הַיּוֹם וְכָל הַלַּיְלָה. המבדיל

אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אֵלִיָּהוּ הַתִּשְׁבִּי אֵלִיָּהוּ הַגִּלְעָדִי בִּמְהֵרָה
בָּא אֵלֵינוּ עִם מָשִׁיחַ בֶּן דָּוִד . אִישׁ אֲשֶׁר קִנֵּא לְשֵׁם הָאֵל א)

גָאט וֶועט מַאכִן זִיךְ דֶערְבַּארְמֶען אוּן גֶעבֶּען,
פִיל גוּטֵס אוּן הַצְלָחָה אִין אוּנְזֶער לֶעבֶּען,
אַלֶע טָאג אוּן אַלֶע נַאכְט.
המבדיל דֶער וָואס הֵיילִיגֶע פוּן וָואכֶען-טֶעג טֵיילט אָפּ,
לָאז נֶעהמֶען פוּן אוּנז אוּנזֶערֶע זִינד אַרָאפּ,
דִי קִינדֶער אוּנזֶערֶע אוּן אוֹיךְ אוּנזֶער גֶעלְט,
פַארְמֶעהרֶען וִוי זַאמְד אַ קַאסֶע אִין דֶער וֶועלט,
אוּן וִוי שְׁטֶערֶען בַּיי דֶער נַאכְט.

אליהו אֵלִיָּהוּ דֶער נָבִיא,
אֵלִיָּהוּ דֶער תִּשְׁבִּי,
אֵלִיָּהוּ דֶער גִּלְעָדִי,
גִיךְ אוּן בַּאלד צוּ אוּנז קוּמֶען לָאז עֶר,
מִיט מָשִׁיחַ דָּוִד'ס זוּן אַהֶער.
איש דֶער מַאן וֶועלְכֶער, אִיז בֶּעקַאנט דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט,
וָואס הָאט פַאר גָאטס נָאמֶען זִיךְ אַרוֹיסגֶעשְׁטֶעלט,

א) במעשה כזבי בת צור (במדבר כ״ה ז, ח). כי יש מרבותתו אומרים אליהו זה פנחס:

אִישׁ בְּשַׂר שָׁלוֹם ב) עַל יַד יְקוּתִיאֵל ג) אִישׁ נָשׁ
וַיְכַפֵּר עַל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל: אליהו אִישׁ דּוֹרוֹת שְׁנֵים עָשָׂר
רָאוּ עֵינָיו ד) אִישׁ הַנִּקְרָא בַּעַל שֵׂעָר בְּסִימָנָיו ה) אִישׁ

דֶער מַאן, וָואס דוּרךְ משֶׁה רַבֵּינוּ דֶעם אַלְטֶען,
הָאט דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה פוּן שָׁלוֹם דֶערְהַאלְטֶען,
דֶער מַאן, וָואס אִיז אָרוּים, גֶעקוּמֶען גֶעשְׁווִינד,
אוּן מְכַפֵּר גֶעוֶועזְן אוֹיף דִי יִשְׂרָאֵלִ'ים זִינְד.

אֵלִיָּהוּ:

איש דורות דֶער מַאן, וָואס זַיינֶע אוֹיגֶען זוֹכֶה גֶעוֶוען,
צְווֶעלְף דוֹרוֹת דוּרְכְבַּאנַאנד אוֹיף דֶער וֶועלְט צוּזֶעהְן,
דֶער מַאן, וָואס הָאט גֶעהֵייסֶען מִיט זַיינֶע סִמָּנִים,
דֶער בֶּעוָואקְסֶענֶער מִיט פִּיל הָאר אוֹיפְ'ן פָּנִים,
דֶער מַאן, וָואס הָאט גֶעטְרָאגֶען שְׁטֶענְדִיג אִי אוּמְטוּם
אַ לֶעדֶערְנֶעם גַארְטֶעל אוֹיף דִי לֶענְדֶען אָרוּם.

אֵלִיָּהוּ:

ב) את השמות יקותיאל וכו׳ (דברי הימים א. ד. יח). דרשו ז״ל על משה רבינו ואמרו יקותיאל זה משה (מגילה יג א) והפייטן כאן הזכיר משה בשם יקותיאל בשביל החרוז שהוא עולה יפה:

ג) הנני נותן לו את בריתי שלום (במדבר כ״ה. יב):

ד) פנחס האריך פה ימים הרבה מאד והיה משמש במשכן שילה והיה בזמן יפתח זמן משך שלש מאות שנה. וכבר ספרו ז״ל שפנחס לא רצה ללכת אל יפתח להתיר נדרו (ספורנו במדבר שם):

ה) (מלכים ב׳ א׳ ח׳)

ואזור עור אזור במתניו ו) אליהו: איש זעף על עואיצ חמנים ז) איש חש ונשבע מהיות גשמי מעונים. איש טל ומטר עצר שלש שנים ח) אליהו: איש יצא למורב לנפשו נחת. איש כלכלוהו העורבים ולא מת לשחת. איש למענו נתברכו כד וצפחת: אליהו איש מוסריו הקשיבו כמהים. איש נענה באש משמי

איש זעף דער מאן, וואס האט געצארענט שפעטער,
אויף די וואס דינען פרעמדע געטער,
דער מאן, וואס צושווערען גיט ער זיך א חאפ,
פון הימעל לאז ניט געהן קיין רעגען א קאפ,
דער מאן, וואס טוי און רעגען ביידע גאר
איינגעהאלטען דריי קיילעבדיגע יאהר.

אליהו:

איש יצא דער מאן, וואס איז פאר פיינד אוועק פון זיין ארט,
אין פארבארגניש זיך רוה צוגעפינען דארט,
דער מאן, וואס ראבען האבען איהם שפייז געבראכט,
און איז ניט געשטארבען פון הונגער פארשמאכט,
דער מאן, וואס איהם צוליב, אין זיין הצלחה,
אין פלעשעל, אין גלעזעל ארײן די ברכה.

אליהו:

איש מוסריו דער מאן וואס דעמאל די שטראפרייד זיינע
האבען געהערט די גוטע, די פיינע,

ו) שם. ז) בימי אחאב. ח) מלכים א׳ י״ז, א׳, וכל הענין שם:

גבוהים ט) איש סחו אחריו יי הוא האלהים: אליהו איש עתיד להשתלח משמי ערבות. איש פקיד על כל בשורות טובות. איש ציר נאמן להשיב לב בנים על אבות: אליהו איש קרא קנא קנאתי ליי בתפארה.

דער מאן, וואס אויף זיין געבעט אין געטימעל
בעקומען צום שנטפער פייער פון הימעל,
דער מאן, וואס די אפגעטער מאכט ער צושפאט
און אלע שרייען איהם נאך: גאט איז א גאט.
אליהו:

איש עתיד דער מאן, וואס איז בעשטימט ווי מיר גלויבען,
אויף געשיקט צו ווערען פון דארט אויבען,
דער מאן, וואס האט פאנאנדערצושטראגען,
אלע גוטע בשורות אנצוזאגען,
דער מאן, וואס איז א שליח טריי גאר ווינדער,
איבער צובעטען די טאטעס מיט די קינדער.
אליהו:

איש קרא דער מאן, וואס מיט איין איידעל הארץ געשריגען:
גאטס כבוד ארט מיך און האב נישט געשוויגען,
דער מאן, וואס צום הימעל אויבען פון דער ערד,
געריטען אין שטורם אויף פייערדיגע פערד,

ט) שם יד מן כ״ז עד מ׳:

אִישׁ רָכַב עַל סוּסֵי אֵשׁ בִּסְעָרָה. אִישׁ שֶׁלֹּא טָעַם
טַעַם מִיתָה וּקְבוּרָה: אליהו אִישׁ תִּשְׁבִּי עַל שְׁמוֹ נִקְרָא.
תַּצְלִיחֵנוּ עַל יָדוֹ בַּתּוֹרָה. תַּשְׁמִיעֵנוּ מִפִּיו בְּשׂוֹרָה
טוֹבָה בִּמְהֵרָה. תּוֹצִיאֵנוּ מֵאֲפֵלָה לְאוֹרָה: אליהו אִישׁ
תִּשְׁבִּי תַּצִּילֵנוּ מִפִּי אֲרָיוֹת. תְּבַשְּׂרֵנוּ בְּשׂוֹרוֹת טוֹבוֹת.
תְּשַׂמְּחֵנוּ בָּנִים עַל אָבוֹת. בְּמוֹצָאֵי שַׁבָּתוֹת: אליהו אַשְׁרֵי

דֶער מַאן, וָואס אִיהם אִיז בֶּעשֶׁערְט נִיט צוּהָאבֶּען
דֶעם טַעַם פוּן טוֹיט אוּן פוּנִ׳ם בֶּעגְרָאבֶּען,
אֵלִיָּהוּ:

איש תשבי דֶער מַאן, וָואס מִיט זַיין שְׁפִּיצְנָאמֶען תִּשְׁבִּי בֶּעקַאנט.
זָאלְסְט אִין דֶער תּוֹרָה אוּנז בֶּעגְלִיקֶען דוּרךְ זַיין הַאנד,
דוּרךְ זַיין מוֹיל אָנְזָאגֶען אַ גוּטֶע גֶערִיכט,
אוּנז אַרוֹיספִיהרֶען פוּן דֶער פִינְסְטֶער אִין דֶער לִיכט.
אֵלִיָּהוּ:

תשבי זָאלְסְט אוּנז רַאטֶעוֶוען, דוּ תִּשְׁבִּי אַלֵיין,
לֵייבֶּען פוּן דֶעם מוֹיל, פוּן זֵייעֶרֶע צֵיין,
זָאלְסְט גוּטֶע בְּשׂוֹרוֹת אוּנז בְּרֵיינְגֶען צוּטְרָאגֶען,
קִינְדֶער מִיט עֶלְטֶערֶען פְרֵיילִיכְם אָנְזָאגֶען,
קוּם, תִּשְׁבִּי, קוּם, מִיר דֶערְוַוארְטֶען דִיךְ דָאךְ,
מוֹצָאֵי שַׁבָּת אוֹיף דֶער פוֹלֶער וָואךְ.
אֵלִיָּהוּ

אשרי וואויל דֶעם וָואס הָאט אִיהם גֶעזֶעהן אִין חָלוֹם.
וואויל דֶעם וַואס הָאט אִיהם גֶעגֶעבֶּען שָׁלוֹם,

מִי שֶׁרָאָה פָּנָיו בַּחֲלוֹם אַשְׁרֵי מִי שֶׁנָּתַן לוֹ שָׁלוֹם וְהֶחֱזִיר לוֹ שָׁלוֹם יְיָ יְבָרֵךְ אֶת עַמּוֹ בַשָּׁלוֹם: אליהו כַּכָּתוּב הִנֵּה אָנֹכִי שֹׁלֵחַ לָכֶם אֵת אֵלִיָּה הַנָּבִיא לִפְנֵי בּוֹא יוֹם יְיָ הַגָּדוֹל וְהַנּוֹרָא. וְהֵשִׁיב לֵב אָבוֹת עַל בָּנִים וְלֵב בָּנִים עַל אֲבוֹתָם: אליהו

און ער איהם האט געענטפערט שלום צוריק:
גאט לאז דיין פאלק בענשען מיט שלום, מיט גליק".
ככתוב ווי געשריבען שטעהט אין הייליגען פסוק דארט:
אליהו הנביא שיק איך אייך אויפ'ן ערד,
איידער נאטס דער גרויסער שרעקליכער טאג קומט אן,
און ענין פון שלום האט ער ביי אייך צוטאן,
דאס הארץ פון עלטערען צו קינדער צובייגען,
און פון קינדער דאס הארץ צו עלטערען צונייגען.

אליהו דער נביא,
אליהו דער תשבי,
אליהו דער גלעדי
ניך און באלד צו אונז קומען זאל ער
מיט משיח דוד'ס זוהן אהער.

רבון העולמים אב הרחמים והסליחות בסימן טוב ובמזל טוב החל עלינו את ששת ימי המעשה הבאים לקראתנו לשלום חשוכים מכל חטא ופשע ומנוקים מכל עון ואשמה ורשע ומדבקים בתלמוד תורה ובמעשים טובים וחננו דעה בינה והשכל מאתך ותשמיענו בהם ששון ושמחה ולא תעלה קנאתנו על לב אדם ולא קנאת אדם תעלה על לבנו. מלכנו

רבון א מייסטער פון אלע וועלטען אהן א גבול
פאטער וואס מכפר די זינד, מיט רחמנות פול,
מיט מזל, מיט גליק הייב אן אויף אונז אידען
די זעקס וואכען-טעג, וואס קומען אין פרידען
זאלען פון זינד, פון פעהלער זיין פריי און ליידז,
ריין פון שולד, פון כל א מיני שלעכטס און בייז,
מיט תורה, מעשים טובים אויסגעפילט ווערען,
לערנען און גוטס טאן לאז מען אין זיי בעגערען.
און גנעדיג אונז, מיר זאלען זיין פארשטענדיג,
זאלסט אין זיי אונז אנזאגען פריילכם שטענדיג,
מיט קנאה לאזען אויף אונז נישט קוקען לייט,
דעסגלייכען מיר נישט אויף זיי פון אונזער זייט.
א, גאט אונזער קעניג, א גאט אונזער הער,
דערבארמיגער פאטער, אונזער געבעט דערהער,

אֱלֹהֵינוּ הָאָב הָרַחֲמָן שִׂים בְּרָכָה וּרְוָחָה וְהַצְלָחָה בְּכָל
מַעֲשֵׂה יָדֵינוּ וְכָל הַיּוֹעֵץ עַל עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל עֵצָה
טוֹבָה וּמַחֲשָׁבָה טוֹבָה אַמְּצוּ וּבָרְכוּ גַּדְּלוּ וְקַיְּמוּ קַיֵּם
עֲצָתוֹ כַּדָּבָר שֶׁנֶּאֱמַר יִתֶּן לְךָ כִלְבָבֶךָ וְכָל עֲצָתְךָ יְמַלֵּא:
וְנֶאֱמַר וְתִגְזַר אֹמֶר וְיָקָם לָךְ וְעַל דְּרָכֶיךָ נָגַהּ אוֹר:
וְכָל הַיּוֹעֵץ עָלֵינוּ וְעַל כָּל עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל עֵצָה
שֶׁאֵינָהּ טוֹבָה וּמַחֲשָׁבָה שֶׁאֵינָהּ טוֹבָה תּוּפַר עֲצָתוֹ
כַּדָּבָר שֶׁנֶּאֱמַר יְיָ הֵפִיר עֲצַת גּוֹיִם הֵנִיא מַחְשְׁבוֹת

גִּיב דָאס בֶּענְשׁוּנג אִי פַארְדִינְסְט און הַצְלָחָה,
אִין אוּנזֶערֶע גֶעשֶׁעפְטֶען, אִין אוּנזֶער מְלָאכָה.
און וֶוער אוֹיף דַיין פָאלק יִשְׂרָאֵל אִין הַארְץ הָאט,
גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת, גוּטֶע עֵצוֹת און רָאטה,
אִיהם זָאלְסְט דוּ שְׁטַארְקֶען, בֶּענְשֶׁען אִי גְרוֹיס מַאכֶען,
דֶערפִילֶען זַיין עֵצָה אִין אַלֶע זַאכֶען,
וִוי עֶס שְׁטֵעהט: גָאט זָאל גֶעבֶּען וָואס דַיין הַארְץ
בֶּעגֶערט.
דֶערפִילֶען אִיטְלִיכֶען פְּלַאן וָואס דוּ הָאסט בֶּעקְלֶערט.
וַוייטֶער שְׁטֵעהט: וָואס דוּ רֶעדְסְט אַרוֹיס וֶועט
בֶּעשְׁטֵעהן.
אַ לִיכְט שַׁיינט אוֹיף דִי וֶועגֶען, וָואס דוּ וֶועסט גֵעהן.
און עֶפֶּעגֶען זָאלְסְט דוּ אוּנז, גָאט אוּנזֶער הַאר,
פָּאטֶער פוּן רַחֲמָנוּת, פוּן פַארְגֶעבּוּנג דער שַׂר,

עַמִּים: וַנֶּאֱמַר עוּצוּ עֵצָה וְתוּפָר דַּבְּרוּ דָבָר וְלֹא יָקוּם כִּי עִמָּנוּ אֵל: וּפְתַח לָנוּ יְיָ אֱלֹהֵינוּ אַב הָרַחֲמִים אֲדוֹן הַסְּלִיחוֹת בָּזֶה הַשָּׁבוּעַ וּבְכָל שָׁבוּעַ שַׁעֲרֵי אוֹרָה שַׁעֲרֵי אֹרֶךְ יָמִים וְשָׁנִים שַׁעֲרֵי אֲרִיכַת אַפַּיִם. שַׁעֲרֵי בְרָכָה שַׁעֲרֵי בִינָה. שַׁעֲרֵי גִילָה שַׁעֲרֵי גְדוּלָה שַׁעֲרֵי גְאוּלָה שַׁעֲרֵי גְבוּרָה. שַׁעֲרֵי דִיצָה שַׁעֲרֵי דֵעָה. שַׁעֲרֵי הוֹד שַׁעֲרֵי הָדָר שַׁעֲרֵי הַצְלָחָה שַׁעֲרֵי הַרְוָחָה. שַׁעֲרֵי וַעַד טוֹב. שַׁעֲרֵי זְרִיזוּת שַׁעֲרֵי זִמְרָה שַׁעֲרֵי זְכִיּוֹת

אִין דֶער וָואךְ אוּן אִין דִי אַלֶע וָואכֶען גָאר,
דִי טוֹיעֶרֶען פוּן לִיכְט אוּן פוּן לַאנגֶע יָאהר,
פוּן אַיינְהַאלְטֶען דֶעם צָארֶען, פוּן בְּרָכָה אוּן
פוּן פַארְשְׁטַאנד, גְדוּלָה אוּן דֶערלֵייזוּנג פוּן לֵייד,
פוּן שְׁטַארְקַייט, פְרֵיילִיכְקַייט, פוּן פֵיינְקַייט אוּן רוּהם,
פוּן גְלִיק אוּן פוּן אַ דֶערגְרֵייכֶערוּנג אוּמְטוּם,
פוּן גוּטֶע בֶּערָאטוּנג אוּן גִיךְ זִיךְ צוּרִיהרֶען,
טוֹיעֶרֶען פוּן לוֹיב, פוּן פְּרַאוֶעס דִי טִיהרֶען,
פוּן חֵן אִי פוּן גְנָאד אוּן פוּן אַ גוּט לֶעבֶּען,
פוּן הִילף, פוּן יוֹשֶׁר אוּן פוּן זִינד פַארגֶעבֶּען,
טוֹיעֶרֶען פוּן לֶערנֶען, פוּן כָּבוֹד, שֵׁיינְקַייט,
פוּן דֶערנֶעהרוּנג בִּמְנוּחָה אוּן פוּן רֵיינְקַייט,
פוּן גוּטֶער פַּרְנָסָה, פוּן נֶחָמוֹת הֶערֶען,
פוּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵמָה אוּן אוֹיפְגֶערִיכְט וֶוערֶען,

שַׁעֲרֵי זִיו שַׁעֲרֵי זוֹהַר תּוֹרָה שַׁעֲרֵי זוהר חָכְמָה שַׁעֲרֵי זוהר בִּינָה שַׁעֲרֵי זוהר דַּעַת: שַׁעֲרֵי חֶדְוָה שַׁעֲרֵי חֶמְלָה שַׁעֲרֵי חֵן וָחֶסֶד שַׁעֲרֵי חַיִּים טוֹבִים שַׁעֲרֵי חָכְמָה. שַׁעֲרֵי טוֹבָה שַׁעֲרֵי טֹהַר. שַׁעֲרֵי יְשׁוּעָה שַׁעֲרֵי יֹשֶׁר. שַׁעֲרֵי כַּפָּרָה שַׁעֲרֵי כַלְכָּלָה שַׁעֲרֵי כָבוֹד. שַׁעֲרֵי לִמּוּד. שַׁעֲרֵי מָזוֹן שַׁעֲרֵי מְנוּחוֹת שַׁעֲרֵי מְחִילוֹת שַׁעֲרֵי מַדָּע. שַׁעֲרֵי נֶחָמָה שַׁעֲרֵי נְקִיּוּת. שַׁעֲרֵי סְלִיחָה. שַׁעֲרֵי סִיַּעְתָּא דִשְׁמַיָּא. שַׁעֲרֵי עֶזְרָה. שַׁעֲרֵי פֵּרוֹת שַׁעֲרֵי פַּרְנָסָה טוֹבָה. שַׁעֲרֵי צְדָקָה שַׁעֲרֵי

פון צְדָקָה און פון הֵיילִיגֶע גֶעפִּיהלֶען,
פון רַחֲמָנוּת און פון אַ גוּטֶען ווילֶען,
פון פְּרִיד, שַׁלְוָה, גוּטֶע בְּשׂוֹרוֹת און שְׁמוּעוֹת,
טוֹיעֶרֶען פון תְּפִלָּה, תְּשׁוּבָה און יְשׁוּעוֹת.
ווי עָס שְׁטֵעהט: פון גָאט אִיז דִי הִילְף פון גֶערֶעכְטֶע,
פון גָאט, זֵייעֶר שְׁטַארְקַייט אִין אַ צַייט אַ שְׁלֶעכְטֶע.
גָאט וֶועט זֵיי הֶעלְפֶען, פון צָרוֹת מַאכֶען לֵייז,
וֶועט זֵיי לֵייז מַאכֶען פון רְשָׁעִים און פון בֵּייז,
עֶר הֶעלְפְט דִי צַדִּיקִים און עֶר שְׁטֵעהט זֵיי בַּיי,
ווייל זֵיי שִׁיצֶען זִיךְ אִין אִיהם, זֶענֶען אִיהם טְרַייא.
ווַייטֶער שְׁטֵעהט: גָאט עֶנְטְפְּלֶעקְט זַיין הֵיילִיגֶע הַאנְד,
פַאר דִי אוֹיגֶען פון אַלֶע פֶעלְקֶער אִין לַאנד,
און דִי אַלֶע עֶקֶען וֶועלְט קוּקֶען אָן,
דִי יְשׁוּעוֹת וָואס אוּנְזֶער גָאט וֶועט טָאן.

צָהֳלָה. שַׁעֲרֵי קְדוּשָּׁה שַׁעֲרֵי קוֹמְמִיּוּת. שַׁעֲרֵי רַחֲמִים שַׁעֲרֵי רָצוֹן שַׁעֲרֵי רְפוּאָה שְׁלֵמָה. שַׁעֲרֵי שָׁלוֹם שַׁעֲרֵי שִׂמְחָה שַׁעֲרֵי שְׁמוּעוֹת טוֹבוֹת שַׁעֲרֵי שַׁלְוָה: שַׁעֲרֵי תוֹרָה שַׁעֲרֵי תְּפִלָּה שַׁעֲרֵי תְשׁוּבָה שַׁעֲרֵי תְּשׁוּעָה: כְּדִכְתִיב וּתְשׁוּעַת צַדִּיקִים מֵיְיָ מָעוּזָּם בְּעֵת צָרָה: וַיַּעְזְרֵם יְיָ וַיְפַלְּטֵם יְפַלְּטֵם מֵרְשָׁעִים וְיוֹשִׁיעֵם כִּי חָסוּ בוֹ: וְנֶאֱמַר חָשַׂף יְיָ אֶת זְרוֹעַ קָדְשׁוֹ לְעֵינֵי כָּל הַגּוֹיִם וְרָאוּ כָּל אַפְסֵי אָרֶץ אֵת יְשׁוּעַת אֱלֹהֵינוּ: וְנֶאֱמַר קוֹל צֹפַיִךְ נָשְׂאוּ קוֹל יַחְדָּיו יְרַנֵּנוּ כִּי עַיִן בְּעַיִן יִרְאוּ בְּשׁוּב יְיָ צִיּוֹן: וְקַיֵּם לָנוּ יְיָ אֱלֹהֵינוּ מִקְרָא שֶׁכָּתוּב מַה נָּאווּ עַל הֶהָרִים רַגְלֵי מְבַשֵּׂר מַשְׁמִיעַ שָׁלוֹם מְבַשֵּׂר טוֹב מַשְׁמִיעַ יְשׁוּעָה אֹמֵר לְצִיּוֹן מָלַךְ אֱלֹהָיִךְ: רִאשׁוֹן

אַ קוֹל פוּן דײַנע װעכטער, אַזױ שטעהט אױף,
זײ הײבען אַ קוֹל אױף, שרײַען אַלע הױך,
דען בעשײַנפּערליך װעהן זײ, גיבען אַ בליק,
װי גאָט ריכט אױף ציון װידער צוריק.
װאָס שטעהט געשריבען זײ אונז מקיים דאָס װאָרט.
װי שײן איז דער אָנזאָגער אױף די בערג דאָרט,
ער גיט שלום פוּן דאָרט, זאָגט אָן גוטס פרײליך,
זאָגט אָן הילף, זאָגט צו ציון: דײַן גאָט איז מלך.
דער ערשטער װאָס צו ציון, זאָגט מיט אַ געשרײ:
אָט זעהען דײַנע קינדער, אָט קומען זײ,

מענדעלי מוכר ספרים

לְצִיּוֹן הִנֵּה הִנָּם וְלִירוּשָׁלַיִם מְבַשֵּׂר אֶתֵּן: אָמֵן סֶלָה׃

צו יְרוּשָׁלַיִם וֶועל איך דֶעם מְבַשֵּׂר שִׁיקֶען,
און עֶר וֶועט מִיט בְּשׂוּרוֹת טוֹבוֹת אונז דֶערְקְוִויקֶען,

אָמֵן סֶלָה.

פרק שירה

הַקְדָמָה לְפֶּרֶק שִׁירָה.

א.

דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אַרוּם אוּן אַרוּם,
אִיטְלִיכֶם פִּיצֶעל וָואס דָארְט אוּמֶעטוּם,
דָאס גַאנְצֶע גֶעשַׁלִידֶער אִין הִימֶעל,
דִי עֶרְד אוּנְטֶען מִיט אִיהְר גֶערִימֶעל:
מִיט אִיהְרֶע יַמִים, קְוַואלֶען, טַייכֶען,
מִיט אַלֶערְלֵיי שְׁטֵיינֶער דֶעסְגְלַייכֶען,
מִיט גְרָאזֶען, בֵּיימֶער פוּן יֶעדֶען סָארְט,
מִיט לֶעבֶּעדִיגֶע בֶּעשֶׁעפְּנִישׁ אוֹיף אִיהר דָארְט,
פוּן דִי פִּישׁ, וָואס אִין וַואסֶער לֶעבֶּען,
בִּיז דִי פֵייגֶעל, וָואס אִין דֶער לוּפְט שְׁוֶועבֶּען.
פוּן דִי ווִילְדֶע חַיוֹת אִין וֶועלְדֶער,
אוּן דִי מִינֵי בְּהֵמוֹת אוֹיף פֶעלְדֶער,
בִּיז דִי שְׁרָצִים פוּן אַלֶערְלֵיי גֶעשְׁטַאלְטֶען
וָואס פְלִיהֶען, קְרִיכֶען אִין לֶעכֶער אוּן שְׁפַּאלְטֶען.
דִי אַלֶע בֶּעשֶׁעפְּנִישׁ מִיט־אַ־נַאנְד,
הָאט מִיט זַיין חָכְמָה אוּן זַיין פֶערְשְׁטַאנְד,
וָואס אִיז חִידוּשִׁים גְרוֹיס גָאר אָהְן אַ בְּרֶעג,
גָאט אוּנְזֶער הַאר בֶּעשַׁאפֶען אִין זֶעקְס טֶעג.

ב.

די װעלט איגאנצען, װי גרױס זי איז און לאַנג,
איז איין קאַפּעלע, איין ניגון, איין געזאַנג.
אַ קאַפּעלע מיט גרױס חכמה און געפיהל,
װאָס שפּילט בעשטענדיג און קיין רגע ניט שטיל.
אַ ניגון, װאָס איטליכם בעשעפניש בעזונדער
זינגט אין איהם זיין שטיקעל קונציג אַ װאונדער.
אַ געזאַנג זעהר ריכטיג און חידושים שיין,
װאָס אין איהם זינגען אַלע פון גרױס ביז קליין:
די הימעל און די הייליגע מלאכים דאָרט,
די זון, די לבנה, די שטערען פון זייער אָרט,
געהענדיג אין זייער װעג דאָרט אין דער הויך,
אַ די ערד אונטען זאָגט שירה און זינגט אויך:
עס העלפען איהר אונטער משוררים אָהן אַ צאָהל:
דאָס געװעקס, חיות און שרצים מיט אַ מאָל,
אויף זעהר פאַרשידענע קולות אַלערליי,
אַלע אויף זייער שטייגער װי עס פּאַסט זיי.
אַלע איניינעם שפּילען, זינגען און לויבען,
צום בעריהמטען מייסטער אין הימעל אויבען.
װאָס איז חידושים גרױס גאָר אָהן אַ ברעג,
װאָס האָט אַלסדינג בעשאַפען אין זעקס טעג.

ג.

דער בעריהמטער זינגער דוד המלך,
װאָס פון זיין געזאַנג װערד אויפ׳ן הארץ פרעהליך.

ער דערקענט גאטס וואונדער, פרעהט זיך און קוועלט,
ער זינגט און הייסט אויך זינגען די גאנצע וועלט,
רעכענט פון די וועלט-זינגער אוים א צעטיל
אין זיינע הללויות דארט אויף א בלעטיל.
הללויה, לאזען זינגען און גאט לויבען, א)
אלע דארט פון די הויכע הימעל אויבען
לויבט איהם אלע זיינע מלאכים אינאיינעם,
זיין גאנץ געשלידער גיט א לויב א שיינעם.
לויבט איהם, אי זון אי לבנה, ביידע אויף א קול,
אלע ליכטיגע שטערען, לויבט איהם מיט א מאל,
לויבט איהם אלע הימלען ארום און ארום,
אין די וואסער אין דער לופט אויבען אומעטום
אלע זאלען לויבען דעם נאמען פון גאט,
דען זיי זענען געווארען אויף זיין געבאט:
ער האט זיי געשטעלט אויף אייביגע יאהר,
גיט געזעץ, נישט עובר צו זיין זיי אויף א האר.
לאזען אויך לויבען גאט פון דער ערד אונטען
די גרויסע פיש און אלע טיפע גרונטען,
אי בליץ אי האגעל, שניי און דער טומאן דארט,
דער שטורעמווינד, וואס טהוט און דערפילט זיין ווארט,
הויכע בערג און די אלע בערגליך מיט זיי,
פרוכטביימער און צעדערביימער אלערליי,
ווילדע חיות און אלע בהמות אין לאנד,
שרצים וואס קריכען און פייגעל אלערהאנד.
דער זיסער זינגער פון ישראל שטעלט פיר,
די גאנצע וועלט איז א הללויה, א שיר,

אז אלע בעשעפעניש זינגען און לויבען,
צום בעריהמטען מייסטער אין הימעל אויבען,
וואס איז חידושים גרויס גאר אהן א ברעג,
וואס האט אלסדינג בעשאפען אין זעקס טעג.

ד.

אז א קאפעלע איז איננאנצען די וועלט,
האבען אויך נביאים, חכמים פירגעשטעלט:
איטליכער פון זיי בעזונדער אויף זיין גאנג
שטעלט פיר פון דער וועלט דעם ניגון, דעם געזאנג
איטליכער דריקט זיך אזוי אוים מיט ווערטער,
וואס געפינען זיך ביי זיי אין פיל ערטער.
זיי לאזען הויך שרייען, זינגען די הימעל,
טיף פון דער ערד ארויסגעהן א געטימעל,
בערג לאזען ארוים א געזאנג, א געשריי,
דער וואלד און די ביימער אין איהם אלערליי. ב)
די ווערטער פון די היילינע גרויסע לייט,
זאגען פילוסופים אין דער אלטער צייט,
די גלגלים אין די אויבערסטע ספירות,
זינגען דרעהענדיג זיך זעהר זיסע זמירות. ג)
אפילו די ערד אונטער אונזערע פים,
אי זי אויך זאגט שירה און זינגט מחיה זיס. ד)
קדוש, קדוש, קדוש, תמיד א מאל דריי,
זאגען אופנים און שרפים גאנץ געטריי. ה)
אלע עפענען א מויל, זינגען און לויבען,
צום בעריהמטען מייסטער אין הימעל אויבען,

וָואס אִיז חִידוּשִׁים גְרוֹיס גָאר אָהְן אַ בְּרֶעג,
וָואס הָאט אַלְסְדִינְג בֶּעשַׁאפֶען אִין זֶעקְס טֵעג.

ה.

דִי וֶועלְט־קַאפֶּעלֶע אָבֶּער זִי צוּפִילֶען,
צוּפַארְשְׁטֵעהֶען רִיכְטִיג, וָואס בֶּעטַייט דָאס שְׁפִּילֶען,
וָואס אִין דֶעם נִיגוּן לִיגְט אוּן וָואס עֶר דְרִיקְט אוֹיס
וָואס פוּן דֶעם דָאזִיגֶען גֶעזַאנְג קוּמְט אַרוֹיס,
וָואס פַאר אַ גְרוֹיסֶע חָכְמָה, פַאר אַ גֶעפִיהל,
לִיגְט אִין אִיטְלִיכֶענְם וָוארְט, אִין אִיטְלִיכֶענְם שְׁפִּיל
צוּפַארְשְׁטֵעהְן אִיטְלִיכְם שְׁטִיקֶעל פַאר זִיךְ אַלֵיין,
אוּן דֶעם גֶעזַאנְג אִינְגַאנְצֶען וָואס וואוּנְדֶער־שֵׁיין,
אוּן צוּ דֶערְקֶענֶען, דֶערְפוּן צוּזַיין אִין שְׁטַאנְד,
דֶעם מַייסְטֶער אַלֵיין, וָואס מַאכְט עֶס מִיט פַארְשְׁטַאנְד,
צוּדֶערְקֶענֶען זַיין גְרוֹיסְקַייט, וָואס עֶר בֶּעטַייט,
צוּדֶערְקֶענֶען זַיין וֶוערְק אוּן וואוּנְדֶערְלִיכְקַייט,
הָאט גָאט, נָאכְדֶעם וִוי עֶר מַאכְט פַארְטִיג זַיין וֶועלְט,
אוּן אַלְסְדִינְג כְּסֵדֶר, כְּסֵדֶר דָארְט אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט,
גֶעמַאכְט אִין זַיין גֶעשְׁטַאלְט דֶעם מֶענְשֶׁען צוּלֶעצְט,
אִין אִיהם שֵׂכֶל, אַ נְשָׁמָה אַרַיינְגֶעזֶעצְט.
מִיט זַיין שֵׂכֶל אִיז עֶר אוֹיף דֶער עֶרְד אֵיינֶער,
עֶר קֶען פַארְשְׁטֵעהֶן גָאטְס וֶוערְק, וַוייטֶער נִיט קֵיינֶער,
נָאר עֶר קֶען פָארְשֶׁען אַלְסְדִינְג מִיט זַיין מוֹחַ,
פַארְשְׁטֵעהֶן דִי נַאטוּר אוּן אִין אִיהר גָאטְס כֹּחַ,
עֶר מִיט זַיין שֵׂכֶל, פוּן גָאט אַ מַתָּנָה,
קֶען פוּן דֶער שִׁירָה פַארְשְׁטֵעהֶן דִי כַּוָנָה,

פון איטליכענס טבע, הנהגה און גאנג,
פארשטעהן דעם פשט פון זיין שירה, זיין געזאנג.
ווי אלע בעשעפניש זינגען און לויבען,
צום בעריהמטען מייסטער אין הימעל אויבען,
וואס איז חידושים גרויס גאר אהן א ברעג,
וואס האט אלסדינג בעשאפען אין זעקס טעג.

ו.

דער איינציגער וועג צוקענען גאט דעם הער,
איהם ליב צוהאבען און פארכטען ווי עס געהער,
איז טאקי די שירה פון דער וועלט אליין,
גאטס חכמה אין די ברואים פון גרויס ביז קליין.
אז דער מענש דיינקט מיט שכל און ניט זיך אפ,
גאטס ווערק צוזעהען פון אויבען ביז אראפ,
די טבע פון די בעשעפניש מיט-א-נאנד,
זייער פיהרונג, זייער לעבען, זייער שטאנד,
ווי זיי דערנעהרען זיך און האלטען זיך אויס,
ווי קיינער געהט נישט פון זיין געזעץ ארויס,
און זעהט דאריגען גאטס חכמה און וואונדער,
זיין השגחה אויף איטליכען בעזונדער,
דענסמאל בעקומט ער צו גאט חשק און לוסט.
איהם ליב צוהאבען פארלאנגט זיין הארץ און גלוסט.
אז ער בעטראכט אלסדינג אויף אזא דרך,
זעהט, ווי אקעגען גאט איז קליין זיין ערך,
בעקומט ער יראת שמים, גאטס מורא,
און היט זיך צו טאן עפּיס איין עבירה, ו)

ער גיט אויף די הבלי העולם אַ שפּיי,
ער טהוט מעשים טובים און ווערד פון זינד־פריי.
ער וויל אויך מיט געפיהל זינגען און לויבען,
צום בעריהמטען מייסטער אין הימעל אויבען,
וואס איז חידושים גרוים גאר אהן אַ ברעג,
וואס האט אַלסדינג בעשאַפען אין זעקס טעג.

איצט ערשט קען מען פאַרשטעהן די טיפע חקירה,
אין דעם מאמר, וואס פאַר דער פּרק שירה.
דער הייליגער תּנא זאגט מיט חכמה דאָרט,
וואס מען דאַרף פאַרצוקערען זיין איטליכם וואָרט,
עס צילט גאַנץ ווייט, ווי אַ פייל אויסען בויגען,
עס דערקוויקט דאס הארץ, עס עפענט די אויגען.
ער זאגט: ווער אין פּרק שירה אויף דער וועלט,
אין דער גאַנצער פיהרונג, וואס גאָט האָט געשטעלט,
איז זיך עוסק, דערמיט בעשעפטיגט שטענדיג,
בעטראַכט אַלץ גאָטס מעשים און ווערד פאַרשטענדיג,
אויף איהם זאג איך עדות, אַז ער ווערד גאַנץ לייז,
פון'ם יצר הרע און פון אַל־דאָס־בייז,
אי פון'ם שטן, וואס פאַרדאַרבט גאר אַ שרעק,
אי פון אַלע מיני מזיקים און שלעק,
פון פּלאָג אין משיח'ס צייט, בשעת אַ נויט
און פון'ם גיהנם שפּעטער נאָך דעם טויט.
די מדרגה זיינע איז זעהר אַ הויכע,
צו לערנען און דאס צוטאָן איז ער זוכה.

זַיין לֶערְנֶען הָאט אַ מַמָשׁוּת, אַ בֶּעשְׁטַאנְד,
עֶם הָאט אַ הַאפְּט אִי אַ קִיוּם אִין זַיין הַאנְד.
עֶר אִיז אוֹיךְ מַאֲרִיךְ יָמִים דָא אוֹיפְ׳ן אָרְט,
אוּן אִיז נָאךְ זוֹכֶה צוּ עוֹלָם הַבָּא דָארְט. ז)
זַיין נָאמֶען וֶועט אִי שְׁפֶּעטֶער גְרוֹים זַיין אוּמֶעטוּם,
עֶר וֶועט זִיצֶען אִין אַ קְרוֹין פוּן כָּבוֹד אוּן רוּהם,
מִיט דִי הֵיילִיגֶע דָארְט זִינְגֶען אוּן לוֹיבֵּען,
צוּם בֶּערִיהְמְטֶען מַייסְטֶער אִין הִימֶעל אוֹיבֶּען,
וָואס אִיז חִידוּשִׁים גְרוֹים גָאר אָהן אַ בְּרֶעג,
וָואס הָאט אַלְסְדִינְג בֶּעשַׁאפֶען אִין זֶעקְס טֶעג.

ח.

דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא, דֶער שְׁטַארְק גֶעלֶעהְרְטֶער,
זָאגְט וַוייטֶער אִין גָאטְס נָאמֶען מִיט דִי וֶוערְטֶער:
זָאלְסְט מִיט לַייבּ אוּן זֵעל דִיר פַאר אַ חוֹק מַאכֶען,
צוּ וִויסֶען מַיין פִיהְרוּנְג אִין אַלֶע זַאכֶען,
צוּקוּמֶען אִין מַיין פַּאלַאץ, מַיין שֵׁיין גֶעבַּיי,
מַיינֶע גֶעזֶעץ צוּפַארְשְׁטֵעהן, צוּהִיטֶען טְרַייי.
זָאלְסְט אִין דֶעם הַארְץ דַיינֶעם הִיטֶען מַיין תּוֹרָה,
הָאבּ אַקְעגֶען דַיינֶע אוֹיגֶען מַיין מוֹרָא.
הִיט דַיין מוֹיל, דַיין צוּנְג, נִיט רֵיידֶען וָואס אִיז שְׁלֶעכְט,
זִינְדִיגֶע נַארִישֶׁע רֵייד, וָואס אִיז נִישְׁט רֶעכְט,
אוּן אִיךְ וֶועל אוּמֶעטוּם, וָואהִין דוּ וֶועסְט גֵעהן,
מִיט דִיר זַיין, דִיךְ לֶערְנֶען אַלְסְדִינְג צוּפַארְשְׁטֵעהְן.
דִיךְ לֶערְנֶען שֵׂכֶל, פַארְשְׁטַאנְד, אִיטְלִיכֶע זַאךְ.
דֶער עִיקָר, וָואס דְרִינֶען אִיז גֶעוֶוענְדְט אַ סַךְ,

זָאלְסְט ווִיסֶען, אַז אַלֶע בֶּעשֶׁעפֶּנִיש אוּמֶעטוּם,
הָאט גָאט גֶעמַאכְט צוּלִיב זַיין כָּבוֹד אוּן רוּהְם. ח)
אַז אַלְסְדִינְג אִין דֶער וֶועלְט פוּן וָואס פַאר אַ סָארְט,
אִיז נָאר צוּלִיב זַיין כָּבוֹד בֶּעשַׁאפֶען דָארְט.
דִי אַלֶע בֶּעשֶׁעפֶּנִיש זִינְגֶען אוּן לוֹיבֶּען,
צוּם בֶּערִיהמְטֶען מַייסְטֶער אִין הִימֶעל אוֹיבֶּען,
וָואס אִיז חִידוּשִׁים גְרוֹים גָאר אָהן אַ בְּרֶעג,
וָואס הָאט אַלְסְדִינְג בֶּעשַׁאפֶען אִין זֶעקְס טֶעג.

ט.

אַ וואוּנְדֶער־שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה, וָואס צִילְט זֶעהר ווַייט,
דֶערְצֶעהלֶען אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים גְרוֹיסֶע לַייט,
אוֹיף דֶעם זִיסֶען זִינְגֶער, דָוִד דֶעם קֶענִיג,
מֵיינֶען דֶערְמִיט אַ סַךְ אוּן הַיידֶען וֶוענִיג.
דִי דָאזִיגֶע מַעֲשֶׂה אִיז אַזוֹי גֶעשֶׁעהן:
אַז דָוִד הָאט דֶעם תְּהִלִּים גוֹמֵר גֶעוֶועזֶען,
אִיז עֶר גֶעוָוארֶען שְׁרֶעקְלִיךְ גָדוֹל בַּיי זִיךְ,
אוּן זָאגְט: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ פְרֶעג דִיךְ,
אִיז אִין דַיין וֶועלְט דָא אַ בֶּעשֶׁעפֶּנִיש בַּיי דִיר,
וָואס זָאגְט שִׁירָה אוּן לוֹיבְּגֶעזַאנְג מֶעהר פוּן מִיר.
אַ פְרָאשׁ גְרָאד קוּמְט פַאר אִיהם דֶעמְאָלְט צוּשְׁפְּרִינְגֶען
אוּן זָאגְט: דָוִד, זַיי נִיט גְרוֹים מִיט דַיין זִינְגֶען.
אִיךְ פְרָאשׁ, אַ פִּיצֶעל בֶּעשֶׁעפֶּנִיש אִין דֶעם טַייךְ,
זָאג, כִּילֶעבֶּען, מֶעהר שִׁירָה פוּן דִיר, קַיין פֶערְגְלַייךְ.
נָאךְ מֶעהר, אִיטְלִיכֶע שִׁירָה, וָואס אִיךְ קְוַואקֶע,
אִיז אוֹיף אִיהר דָא דְרַיי טוֹיזֶענְט מְשָׁלִים טַאקֶע.

פִּיל בַּאזְנֶעם מַאכְט דַארוּים אַ גְרוֹיסֶער זִינְגֶער
און לַייט קְוָועלֶען, לֶעקֶען דֶערְפוּן דִי פִינְגֶער.
בֶּעשֶׁעפְטִיגְט מִיךְ נָאךְ מִיט אַ מִצְוָה דֶערְצוּ,
דָאס אִיז יֶענֶע גְרוֹיסֶע מִצְוָה וָואס אִיךְ טְהוּ:
בַּיים בְּרֶעג פוּנֶ'ם יַם אִיז דָא אַ מִין בֶּעשֶׁעפְנִיש,
וָואס בֶּעקוּמְט נָאר פוּן וַואסֶער זַיין בֶּעדֶערְפְנִיש,
בְּשַׁעַת עֶר אִיז גוּט הוּנְגֶערִיג אוּן שְׁטַארְבְּט שִׁיעֶר,
נֶעמְט עֶר אוּן עֶסְט מִיךְ אוֹיף אוּן יוֹצֵא מִיט מִיר. ט)
דִי מַעֲשֶׂה וַוייזְט, ווִי דָוִד מִיט זַיין חֲקִירָה
בֶּעטְרַאכְט דִי טֶבַע, פוּן דֶער וֶועלְט דִי שִׁירָה,
אַז אַלֶע בֶּעשֶׁעפְנִיש זִינְגֶען אוּן לוֹיבֶּען,
צוּם בֶּערִיהְמְטֶען מַייסְטֶער אִין הִימֶעל אוֹיבֶּען,
וָואס אִיז חִידוּשִׁים גְרוֹים גָאר אָהן אַ בְּרֶעג,
וָואס הָאט אַלְסְדִינְג בֶּעשַׁאפֶען אִין זֶעקְס טֶעג.

י.

אִין דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ אוֹיף זֵייעֶר אָרְט,
הָאבֶּען דִי לְוִיִם אַ שִׁיר גֶעזָאגְט דָארְט,
פַאר אִיטְלִיכֶען טָאג זַיין שִׁיר בֶּעזוּנְדֶער,
אַקֶעגֶען דִי גְרוֹיסֶע וֶוערְק אוּן וואוּנְדֶער,
וָואס אִין אִיהם זֶענֶען גֶעשֶׁעהְן בַּאלְד אוֹיף דֶער שְׁטֶעל,
אִין דִי שֵׁשֶׁת יְמֵי בְרֵאשִׁית אוֹיף גָאטְס בֶּעפֶעהל.
אוּן זֵייעֶר שִׁיר גֶעדֵיינְקְט מֶען עַד הַיוֹם נָאךְ
וָואס זָאגֶען זֵיי דֶעם עֶרְשְׁטֶען טָאג פוּן דֶער וָואךְ?
צוּ גָאט אִיז דִי עֶרְד אוּן אַלְסְדִינְג דְרִינֶען,
דִי וֶועלְט מִיט דִי וָואס דָארְט זִיךְ גֶעפִינֶען;

ווייל דענסטמאל בעשאפט ער פון גארנישט די וועלט,
איז דארט האר און גיט זי ווען איהם געפעלט. י)
אין דעם צווייטען טאג וואס פאר א קאפיטעל?
גאט איז גרוים און זעהר בעריהמט מיט זיין טיטעל;
ווייל די ווערק זיינע צושיידט ער מיט זיין זאג,
זעצט זיך מיט זיין כבוד אין הימעל דעם טאג. יא)
דעם דריטען טאג זאגען זיי אין יענער צייט:
גאט שטעהט אונטען צווישען דער עדה פון לייט;
ווייל ער ענטפלעקט די יבשה מיט פארשטאנד
און גיט זי פארטיג אפ מענשען אין דער האנד. יב)
דעם פערטען טאג האבען זיי געזאגט דעם שיר:
גאט פון נקמות, דיין נקמה, גאט, נעהם אפיר;
ווייל זון און לבנה מאכט ער דענסטמאל אויבען,
און וועט שטראפען די לייט, וואס אין זיי גלויבען. יג)
דעם פינפטען טאג האבען זיי געזאגט א מאל:
צו גאט, וואס אונזער שטארקייט זינגט אויף א קול;
ווייל פייגעל און פיש האט ער אין איהם געמאכט,
זאלען לויבען צו זיין נאמען, וואס געאכט. יד)
דעם זעקסטען טאג האבען זיי געזאגט מיט פרייד:
גאט דער האר קיניגט און שיינקייט איז זיין קלייד;
ווייל דענסטמאל בעשאפט ער חיות אלערליי,
אויף דעם מענשען צולעצט און קיניגט אויף טו)
אזוי איז דער שיר פון די לוים געווען
כסדר ווי אין דער וועלט איז אלסדינג געשעהן.
אין דעם אייגענעם סדר מיט זייערע גאנג,
דארף דא אין פרק שירה זיין דאס געזאנג, טז)

ווי אַלֶע בֶּעשֶׁעפֶנִיש זִינְגֶען און לויבֶּען,
צום בֶּערִיהְמְטֶען מַייסְטֶער אִין הִימֶעל אויבֶּען,
וָואס אִיז חִידוּשִׁים גְרוֹיס גָאר אָהן אַ בְּרֶעג,
וָואס הָאט אַלְסְדִינְג בֶּעשַׁאפֶען אִין זֶעקְס טֶעג.

פרק שירה

פרק ראשון

שמים אומרים. השמים מספרים כבוד אל ומעשה ידיו מגיד הרקיע:

ארץ אומרת. לה' הארץ ומלואה תבל ויושבי בה:
ואומר. מכנף הארץ זמירות שמענו צבי לצדיק
ואמר רזי־לי רזי־לי אוי לי בוגדים בגדו ובגד בוגדים בגדו.

שמים. די הימעל, וואס דארטען אויבען איז גאטס שטול,
וואס דארטען איז זיין גרויסקייט, זיין כבוד פול,
וואס די ליכטיגע שכינה זיינע רוהט דארט, ת
שיינקייט איז פאר איהם, פריילייכקייט אין זיין ארט
אויף זיי איז דאריבער א גדולה, א פרייד,
און זיי זאגען שירה מיט אזעלכע רייד:
די הימעל דערצעהלען גאטס כבוד און רוהם,
די ווערק פון זיינע הענד זאגען זיי אומעטום.
ארץ. די ערד, וואס קומט אויך פון דעם מייסטער ארויס
און זעהט ווי די הימעל נישט אזוי גוט אויס,
מיט זיי בעשאפען געווארען אין איין טאג,
דאך דארטען איז פריילייך. דא יאמער אי קלאג

דָאס לֶעבֶּען אויף דֶער עֶרד אִיז נִיט אַזוֹי גְרִינְג,
מִיט מִיה מוז מֶען אויף אִיהר בֶּעקוּמֶען אַלְסְדִינְג,
דִי בֶּעדֶערְפְנִיש וֶוענֶען פִיל, גָאר אָהן אֵיין עֶק,
און מֶען הָאט נֶעבִיךְ אויסְצוּשְׁטֶעהְן פִיל אַ שְׁרֶעק,
מִיט דֶעם שְׁוֵוייס פוּנ׳ם פָּנִים עֶסְט מֶען דָאס בְּרוֹיט,
מֶען הָאט מַכּוֹת, יְסוּרִים און דֶערְנָאךְ דֶעם טוֹיט, יח)
וָואס מַחֲמַת דֶעם הָאבֶּען דִי הַיידֶען גֶעפֶּעהלְט,
און גֶעזָאגְט: פָּשׁוּט גָאט הָאט פַארְלָאזְט דִי וֶועלְט,
דֶער גְרוֹיסֶער הֵיילִיגֶער גָאט אִיז דָא קֵיין הַאר,
עֶר אִיז אִין הִימֶעל און דִי עֶרְד פִיהְרְט אַ שַׂר,
אִיטְלִיכֶער, וָואס זַיין הָארֶץ בֶּעגֶעהְרְט מֶעג זִיךְ טָאן,
דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעהְר זִיךְ מִיט דֶער עֶרְד נִיט אָן.
נָאר דִי עֶרְד זָאגְט: אִיךְ פַאל בַּיי מִיר נִיט אַרָאפּ,
גָאט טְהוּט פוּן מִיר דִי הַשְׁגָחָה זַיינֶע נִישְׁט אָפּ:
זִי זָאגְט: צוּ גָאט אִיז דִי עֶרְדֶ, אַלְסְדִינְג דְרִינֶען,
דִי וֶועלְט מִיט אַלֶע, וָואס דָארְט זִיךְ גֶעפִינֶען. יט)
אוֹיךְ זָאגְט זִי: פוּן דֶער עֶרְד וֶוערְד גֶעהֶערְט אַ שִׁיר: כ)
שֵׁיינְקֵייט דֶעם צַדִיק, דֶעם גוּטֶען וָואס בַּיי מִיר,
אִיךְ זָאג דֶעם סוֹד פוּן שְׂכַר צוּ דֶעם גֶערֶעכְטֶען,
אִיךְ זָאג דֶעם סוֹד פוּן פוּרְעָנוּת צוּם רָשָׁע דֶעם שְׁלֶעכְטֶען, כא)
וִוֶעה דִי פֶעלְשֶׁער, מֶען פֶעלְשְׁט דאָךְ אִין זֵיי צוּרִיק,
און דִי פֶעלְשֶׁערְ׳ם פֶעלְשֶׁער, אִין זֵיי פֶעלְשְׁט מֶען קְרִיק.
עֶס מוז דָאךְ אויסְקוּמֶען אַזאַ טְרוֹיעֶר־שְׁפִיל
נָאךְ דֶעם אַז אִיטְלִיכֶער מֶעג טָאן וַואס עֶר ווִיל.

פרק שני.

ענני כבוד אומרים. לקול תתו המון מים בשמים ויעלה נשאים מקצה הארץ ברקים למטר עשה ויוצא רוח מאצרותיו:

ענני כבוד. די הייליגע וואלקען, גאָטס אויבערשטיבעל,
ווי דוד המלך רופט זיי אין דער ביבעל, כב)
זיי האבען אויף גאָטס בעפעהל דעם צווייטען טאג
צושיידט דאס וואסער און געמאכט א קלאג,
וואס האט זיך געהערט מיט א גרויס געטימעל,
ביים שיידען זיך פונ'ם וואסער אין הימעל.
דאס וואסער, וואס האט בעדארפט אונטען פאלען,
האט געגאסען מיט טרעהרען גאנצע קוואלען, כג)
די שמחה פון יענעם טאג האט עס צושטערט,
און גאָטס „כי טוב" אין איהם זיך נישט געהערט.
מיר וועלען די זאך דערקלעהרען אביסעל,
צו די חכמים'ס רייד געבען א שליסעל.
בשעת בריאת העולם אין יענער צייט,
איז דאס וואסער, אזוי זאגען גרויסע לייט,
געווען אזא מין שטאף, וואס גאר קיין פארגלייך,
מיט איצטיג וואסער אונטען אין ים, אין טייך.
דאס וואסער האט זיך צוטיילט אין דריי מינים,
איטליכם מיט זיין טבע און זיינע דינים.

גֵיהִנֹם אוֹמֵר . כִּי הִשְׂבִּיעַ נֶפֶשׁ שׁוֹקֵקָה וְנֶפֶשׁ רְעֵבָה מִלֵּא טוֹב.

דָאס אוּנְטֶערְסְטֶע אִיז דָאס עַכְטֶע וַואסֶער גָאר,
דִי „רָקִיעַ״–קַאלְטֶע לוּפְט וִוי קְרִיסְטָאל קְלָאר,
דָאס אוֹיבֶּערְשְׁטֶע אַ מִין לוּפְט וִוי פַייעֶר הֵיים.
דִי פַייכְטֶע גַאזֶען, וָואס שְׁווִיצֶען אוֹיס וִוי שְׁוֵויים,
וֶוערֶען אִין דֶער רָקִיעַ, וָואס אִיז אַייז קַאלְט,
פַארְגְלִיוֶוערְט, בֶּעקוּמֶען דָאס וַואסֶער-גֶעשְׁטַאלְט,
עֶס וֶוערְד פוּן זֵיי טְרָאפֶּען וִוי טְרֶעהרֶען אַ טַייךְ,
שְׁרַייעֶן אוּן גִיסֶען אַ רֶעגֶען אַרָאפּ גְלַייךְ. כה)
אַט דִי הֵיילִיגֶע וָואלְקֶענְס, גָאטְס רַייטְוָואגֶען,
דֶערְצֶעהלֶען מִיט זֵייעֶר שִׁירָה אוּן זָאגֶען:
סְ׳אִיז אַ קוֹל פוּנְ׳ם וַואסֶער אוּן גֶעטִימֶעל
בַּיים שֵׁיידֶען זִיךְ דוּרְךְ דֶעם אַייז-קַאלְטֶען הִימֶעל,
פוּן עֶק וֶועלְט גֶעהֶען וָואלְקֶענְס אַרוֹיף גַאנְץ הוֹיךְ,
מִיט זֵיי קוּמֶען פַייכְטֶע גַאזֶען אַרוֹיף אוֹיךְ,
דָא צוּקִישֶׁען זִיךְ דִי גֶעשְׁוֶועסְטֶערקִינְדֶער,
אוּן עֶס וֶוערְד אַ בְּלִיץ, אַ רֶעגֶען גָאטְס וִוינְדֶער.
אִין דִי דָאזִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן דֶער שִׁירָה
לִיגְט אִיבֶּער גָאטְס גְבוּרוֹת אַ טִיפֶע חֲקִירָה,
דֶער סוֹד פוּן וַואסֶער אוּן רֶעגֶען לִיגְט אִין זֵיי,
מִיט פֵּירוּשִׁים פוּן חֲכָמִים אַלֶערְלֵיי
גֵיהִנֹם, דֶער גֵיהִנֹם, זָאגְט שְׁלֹמֹה דֶער קְלוּגֶער,
אִיז נִישְׁט זַאט, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אִיהם וֶוייניג,
אוֹיךְ דֶעם מֶענְשֶׁענְס אוֹיג אִיז נִישְׁט זַאט אִין לֶעבֶּען, ט)
אִיהם אִיז קַארְג וִויפִיל מֶען זָאל אִיהם נִישְׁט גֶעבֶּען.

אויף דִי רֵייד דֶערְצֵיילְט דִי גְמָרָא אָפֶען
אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה, וָואס הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפֶען: כו)
אַז אַלֶכְּסַנְדֶר מוּקְדוֹן, וָואס מִיט זַיין שְׁוֶוערְד
הָאט גֶעוָואלְט אַיינְגֶעהֶמֶען אִינְגַאנְצֶען דִי עֶרְד
אִיז אויף דִי נְסִיעוֹת אַ מָאל מִיט זַיינֶע לַייט,
בִּיז דֶער טִיר פוּן גַן עֵדֶן פַארְגַאנְגֶען וַוייט,
הָאט מֶען אִיהם דָארְט נִישְׁט גֶעוָואלְט עֶפְנֶען דִי טִיר,
און אויף זַיין בַּקָשָׁה: גִיט עֶפִּיס חָאטְשׁ מִיר,–
דֶערְלַאנְגְט מֶען אִיהם אַ שֶׁעדֶעל אַרוֹיס פוּן דָארְט,
דֶערְמִיט גֶעהט עֶר וַוייטֶער אַוֶועק פוּן דֶעם אָרְט.
אויף אַ וָואג לֵייגְט עֶר דֶעם שֶׁעדֶעל אִין אֵיין שָׁאל,
אַקֶעגֶען זַיין גָאלְד און זִילְבֶּער אָהן אַ צָאהל,
עֶר שִׁיט און שִׁיט גָאלְד אִי זִילְבֶּער אָן אַהֶער,
נָאר אוּמְזִיסְט, דֶער שֶׁעדֶעל אִיז טַאקֶע אַלְץ שְׁוֶוער.
עֶר וואוּנְדֶערְט זִיךְ דַארוֹיף שְׁרֶעקְלִיךְ אָהן אַ בְּרֶעג,
און גִיט דִי חֲכָמִים אוּנְזֶערֶע אַ פְרֶעג.
זֵיי עֶנְטְפֶערֶען: סְ'אִיז דֶערְפוּן אַזוֹ דֶער פְּשַׁט,
דָאס אוֹיג פוּן אַ בָּשָׂר וָדָם אִיז אַלְץ נִישְׁט זַאט,
עֶס וָואלְט גֶעוָואלְט פַארְנֶעהמֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט,
און צוּ-צִיהֶען צוּ זִיךְ אוֹצְרוֹת, גְרִידֶעם גֶעלְד,
דוּ קֶענְסְט דֶעם בֶּעסְטֶען סִימָן הָאבֶּען דַארוֹיף
גֶעהם און וַוארְף עֶרְד אַבִּיסֶעל אויף דֶעם אַרוֹיף,
וֶוערְד עֶר זַאט און אִיבֶּעֲרִיג וֶוערְד אִיהם אַלְסְדִינְג,
דֶענְסְמָאל וֶועגְט עֶר אַ קְלֵיינִיגְקַייט, וֶוערְד גַאנְץ גְרִינְג.
אִיצְט קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיהֶען פוּנְ'ם גֵיהִנֹם דָאס וָוארְט,
וָואס פַאר אַ טִיפֶע כַּוָנָה עֶס לִיגְט דָארְט

ער זאָגט די טובָה, וואָס דער טויט האָט געטאָן,
דען דאָס גלוסטיגע נֶפֶש ווערט ער אָן,
און אויך מיין הונגעריג נֶפֶש מיט גוטס געפילט,
דאָ אין מיר איז דעם רָשָע׳ס תַּאֲוָה געשטילט,
דער רָשָע איז זאַט, פון זיין תַּאֲוָה איין עק,
און איך האָב א גוטען ביסען, חאַפּ א לעק.

פּרק שלישי

יַמִּים אוֹמְרִים. מִקֹּלוֹת מַיִם רַבִּים אַדִּירִים מִשְׁבְּרֵי
יָם אַדִּיר בַּמָּרוֹם יְיָ:
נְהָרוֹת אוֹמְרִים: נְהָרוֹת יִמְחֲאוּ כָף יַחַד הָרִים יְרַנֵּנוּ:

יַמִּים. די יַמִּים, וואָס זענען שרעקליך גרויס אי ווייט,
רינגלען די ערד אַרום פון איטליכער זייט
און וואַלטען געקענט אַזוי גרינג, ווי אַ האָר,
איינשלינגען זי מיט איהרע איינוואוינער גאָר
פון די קולות אין דעם וואַסער בשעת שטורם,
און די שטאַרקע כוואַליעס, וואָס גרויס ווי אַ טורם,
הערט מען די ימים זאָגען מיט אַ געשריי:
גאָט אין הימעל איז פיל שטאַרקער פון זיי. כח)
דען ריגעל, טיהרען צום ים מאַכט גאָט דער הער.
זאָגט: ביז דאַהען נאָר קום און ווייטער ניט מעהר. כט)
נהרות. די טייכען, גרויסע און קליינע אַלערליי
פון קוואַלען און וואַסער אויף בערג ווערען זיי,
זיי זענען אין אָנהייב דאָס רוב הויך אַ שרעק,
און פליייצען אַלץ נידעריגער ביז צו דעם עק. ל)
פאַלענדיג פון אויבען פלוצלים מיט אַמאָל,
ז[illegible] זייער שירה גאַנץ הויך אויף אַ קול:
די טייכען קלאַפּען מיט די הענד, שרייען הויך,
די בערג גיבען אַ ווידער-קול, זינגען אויך:

מַעְיָנוֹת אוֹמְרִים. וְשָׁרִים כְּחוֹלְלִים כָּל מַעְיָנַי בָּךְ: שָׂדוֹת אוֹמְרִים: יְיָ בְּחָכְמָה יָסַד אֶרֶץ כּוֹנֵן שָׁמַיִם בִּתְבוּנָה:

מַעְיָנוֹת. דִי קְוַואלֶען, וָואס פְּלֵייצֶען אוּן גֶעהֶען זֵייעֶר גַאנְג,
אוּנְטֶען אִין דֶער עֶרְד, וִוי בְּרֵייט זִי אִיז אוּן לַאנְג,
אַז זֵיי שְׁפְּרִינְגֶען אַרוֹיס עֶרְגִיץ אִין אֵיין אָרְט,
הֶערְט זִיךְ זֵייעֶר גֶערוֹיש, זֵייעֶר שִׁירָה דָארְט. לא)
זֵיי זָאגֶען: מִיר זִינְגֶען, שְׁפִּילֶען אוּן טַאנְצֶען,
אוּנְזֶער וַואסֶער אִיז דָאךְ פוּן דִיר אִינְגַאנְצֶען.
דֶען גָאט טְהוּט גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער גָאר אָהְן אַ צָאהל,
נִיט רֶעגֶען אוֹיף דֶער עֶרְד, וַואסֶער אַלֶע מָאל,
דֶערְפוּן הָאבֶּען קְוַואלֶען יְנִיקָה אַלֶע צַייט,
שֵׁיין אִיז זֵייעֶר שִׁירָה, אַט וָואס זִי בֶּעטַייט.
שָׂדוֹת. דֶעם בֶּעטֶען טְהֵייל יַבָּשָׁה מַאכֶען פֶעלְדֶער אוֹיס,
פוּן זֵיי קוּמְט דִי בֶּעשֶׁעפֶּנִיש פִיל נוּטְס אַרוֹיס.
כְּדֵי זֵיי זָאלֶען אַרוֹיס פוּן דִי גֶעוֶועסֶער,
אוּן דִי יַבָּשָׁה זָאל וֶוערֶען אַלְץ גְרֶעסֶער,
הָאט גָאט דִי הִימֶעל, רָקִיעַ, מִיט זַיין זָאג,
בֶּעשַׁאפֶען גָאר תְּחִלַּת אִין דֶעם צְוַוייטֶען טָאג,
וָואס הָאבֶּען אִין זִיךְ פַייכְטִיגְקַייט אֵיינְגֶעזַאפְּט,
אוּן פוּן דִי גְרוּנְטֶען פִיל וַואסֶער אָפְּגֶעצַאפְּט,
וָואלְקֶענְס זֶענֶען הוֹיךְ אַרוֹיף פוּן דִי גְרוּנְטֶען,
אוּן דוּרְכְדֶעם טַאקִי הָאט גֶעטְרִיקֶענְט אוּנְטֶען,
אוֹיבֶּען קִיהְלֶען זִיךְ דָארְטֶען דִי וָואלְקֶענְס אָפּ,
אוּן גִיסֶען פוּן הִימֶעל אַ רֶעגֶען אַרָאפּ.

מדבר אומר. ישושום מדבר וציה ותגל ערבה ותפרח כחבצלת: ישאו מדבר ועריו חצרים תשב קדר ירנו ישבי סלע מראש הרים יצוחו.

אין דעם דאזיגען ענין און אין דער זאך,
האט אויך דאס ליכטיגקייט געהאלפען א סך;
ווארום ווי יעדער געלערענטער מענש ווייס,
נעהמען זיך די וואלקענס, ווען די זון באקט הייס,
אזוי איז געוועזן אין דער התחלה גאר,
אזוי בלייבט דאס געזעץ אויף אייביגע יאהר. לב)
דריבער איז די פעלדער א שירה געשטעלט,
ווי זיי זינגען און זאגען דער גאנצער וועלט:
„מיט חכמה גרונדפעסטיגט גאט די ערד, דאס לאנד,
אנגעברייט די הימעל אויבען מיט פארשטאנד".
עס האבען געמוזט ביידע טאקי געשעהן,
אלא ניט וואלט דאך אייביג גארנישט געוועזן.
מדבר. די מדבר, וואס איז שרעקליך וויסט און טרוקען,
אומעטום גאר זאמד, וואהין מען זאל נישט קוקען,
אהן וואסער, אהן געוועקס און אהן קיין שום זאך,
נאר גיפטיגע שלאנגען, עקדעשען א סך,
וואס מחמת דעם און די שרעקליכע היצען,
האט בעדארפט אוממעגליך זיין דארט צו זיצען;
דאך אין דעם ים פון זאמד געפינט זיך ערטער,
וואס זיי צובעשרייבען לאזט זיך אויס ווערטער,
א גן עדן פראכט, מיט ביימער און טייכען, לג
צו אינזלען אין ים קען מען זיי פארגלייכען.

גַּן עֵדֶן אוֹמֵר. עוּרִי צָפוֹן וּבוֹאִי תֵימָן הָפִיחִי גַנִּי יִזְּלוּ בְשָׂמָיו יָבֹא דוֹדִי לְגַנּוֹ וְיֹאכַל פְּרִי מְגָדָיו:

„די מדבר פרעהט זיך מיט זיי, זאגט גאטס וואונדער,
און עס פרעהט זיך איטליכער סטעפ בעזונדער,
ארום און ארום איז וויסט, נאקעט און בלויז,
און אין דערמיט בליהעט א סטעפ ווי א רויז, לד)
עס זינגט די מדבר און די שטעדט איהרע דארט,
די הייפען פונ'ם טאטער אין אזא ארט,
עס זינגען די איינוואוינער אויף א סקאלע,
פון די שפיץ בערג דארטען שרייען זיי אלע".

גן עדן. דאס גליק פון א מענשען איז אין איהם געווענדט,
איטליכער מענש עסט די פרוכט פון זיינע הענד,
ווי מען האט געזייעט, אזוי איז דאס שניט,
די פייגען עסט דער, ווער דעם בוים האט געהיט.
„לויבט דעם צדיק, איז פונ'ם נביא דא אווארט,
די פרוכט פון זיינע ווערק עסט ער דא און דארט". לה)
ביטער איז די פרוכט פון זינד און עבירות,
די גוטע מעשים טראגען זיסע פירות.
דער גן עדן, איין ארט פון תענוג און פרייד,
זינגט דעריבער שירה מיט די דאזיגע רייד:
„דערוועק זיך און בלאז געשמאק דו צפון־ווינד,
בלאז און וועהע אויך פון דרום־זייט געשווינד,
א קיהל ווינטעל אין מיין גארטען וועהע, בלאז,
זיינע בשמים זאלען שמעקען אין דער נאז.

עבים אומרים. ישת חשך סתרו סביבותיו סכתו
חשכת מים עבי שחקים:

רוח אומר. עשה ארץ בכחו מכין תבל בחכמתו

לאז מיין פריינד קומען אין זיין גארטען טאקע,
און עסען זיינע פירות די געשמאקע." לו)

עבים. די וואלקענס ווערען פונ'ם ווארעמען טומאן,
חלקים פון וואסער איז אין זיי פאראן,
וואס הויך אין הימעל אפגעקיהלט ווערען זיי,
און גיסען א רעגען, האגעל אדער שניי,
זיי פארדעקען דעם בלויען הימעל אויבען, לז)
א שירה צו גאט זאגען זיי און לויבען:
„טונקעל מאכט ער זיין פארבארגניש, זיין געצעלט,
מיט שווארצע חמארעס וואסער ארום פארשטעלט":

רוח. דער ווינד איז גאטס א שליח אין דער וועלט,
ער האט פאר א משרת זיך ביי גאט געשטעלט, לח)
ער האט צוארבייטען, צוטאן שרעקליך פיל,
איז תמיד בעשעפטיגט, זיצט קיין רגע שטיל.
פייכטע זומפיגע ערטער טריקענט ער אויס,
און די ערד מיט תבואה זעהט זיך דארט ארויס,
מאכט אויף צו זיצען, צוזייען, די ערד פעסט,
ער רייניגט די לופט פון עיפוש אי פון פעסט.
שטופט אונטער די וואלקענס מיט א געטימעל, לט)
און שפרייט זיי דארטען אויס אויבען אין הימעל.

וּבִתְבוּנָתוֹ נָטָה שָׁמָיִם: אָמַר לַצָּפוֹן תֵּנִי וּלְתֵימָן אַל תִּכְלָאִי הָבִיאִי בָנַי מֵרָחוֹק וּבְנוֹתַי מִקְצֵה הָאָרֶץ:

אִין דִי אַלֶע עֶקֶען וֶועלְט שְׁפַּארְט עֶר אָן וַוייט,
בְּרֵיינְגְט אַלֶערְלֵיי סְחוֹרָה, וֶועצְט אָפּ אוּן פַארְבַּייט:
פוּן דַאנֶען בְּרֵיינְגְט עֶר וַוארֶעמְקַייט, פוּן דָארְט נֶעץ,
בֶּעצִיהט בְּשָׁמַיִם, גֶעווִירְץ פוּן דִי בֶּעסְטֶע פְּלֶעץ,
פוּן פִיל גֶעוֶועקְס דֶעם צְווַיט אוּן זְרִיעָה דַארִין,
פַארְטְרָאגְט עֶר צוּ זֵייעֶר גְלַייכֶען וַוייט אַהִין. ט)
דִי זְרִיעָה נֶעהְמְט זִיךְ אָן, עָס וַואקְסְט גָאר ווּינְדֶער,
עָס וַואקְסֶען דָארְט אַרוּים דוֹר דוֹרוֹת קִינְדֶער,
דִי וָואס אִין צָפוֹן קוּמֶען פוּן דָרוֹם וַוייט,
אוּן וָואס אִין דָרוֹם הֶעט הֶעט פוּן צָפוֹן-זַייט.
דֶער ווִינְד, וָואס פַארְוָוארְגְט אַזוֹי פִיל גֶעשֶׁעפְטֶען,
דֶערְהַאלְט דִי וֶועלְט מִיט אַלֶע זַיינֶע קְרֶעפְטֶען,
וָואס גֶעהֶעט אִין גָאנְס שְׁלִיחוּת, אַרְבַּייט אוּן טְרָאגְט,
אִיהם פַּאסְט דִי שִׁירָה זַיינֶע, וֶועלְכֶע עֶר זָאגְט.
זָאגְט: „דִי עֶרְד מַאכְט עֶר מִיט זַיין כֹּחַ אוּן קְרַאפְט,
דִי וֶועלְט מִיט זַיין חָכְמָה פֶעסְטִיגְט עֶר אוּן שַׁאפְט,
אוּן דִי הִימֶעל שְׁפְּרֵייט עֶר אוּים מִיט זַיין פַארְשְׁטַאנְד.
זָאגְט נָאךְ זַאכֶען, וָואס צוּטָאן אִיז עֶר אִין שְׁטַאנְד:
צוּ דֶעם צָפוֹן זָאגְט גָאט: אַהֶער גִיב דוּ ווִינְד,
אוּן צוּם דָרוֹם-ווִינְד: פַארְמַייד נִיט, בְּרֵיינְג גֶעשְׁווִינְד,
בְּרֵיינְג מַיינֶע קִינְדֶערְלִיךְ פוּן אַ וַוייטֶען אָרְט,
אוּן דִי טֶעכְטֶערְלִיךְ מַיינֶע פוּן אַיין עֶק וֶועלְט דָארְט.

בְּרָקִים אוֹמְרִים. בְּרָקִים לַמָּטָר עָשָׂה מוֹצֵא רוּחַ מֵאוֹצְרוֹתָיו:

גְשָׁמִים אוֹמְרִים, גֶּשֶׁם נְדָבוֹת תָּנִיף אֱלֹהִים נַחֲלָתְךָ וְנִלְאָה אַתָּה כוֹנַנְתָּהּ:

בְּרָקִים. די בליצן, וואָס אַזוי איז אַ חוק געשטעלט,
זיך מיט רעגן און ווינט צו ווייזן דער וועלט:
בִּשְׁעַת עס בליצט, גיסט אַ שלאַקס־רעגן געשווינד, (מא
עס בלאָזט און שטורעמט אויך אַ שרעקליכער ווינט,
גאָט ווייזט דעמאָלט זיינע וואונדער אָהן אַ עק,
אויך זיין כֹּחַ און זיין גְבוּרָה גאָר אַ שרעק.
דער אויבערשטער שטורעמט אין הימעל, גיט זיין קול,
דונער, האָגעל, בליצן פֿייער מיט אַמאָל,
לאָזט אָפּ זיינע פֿיילען הין און הער צושפּרייט,
שיסט אַראָפּ בליצן אין דער לענג, אין דער ברייט,
עס ענטפּלעקן זיך קוואַלן וואַסער אונטן,
עס דעקן זיך אויף פֿון דער ערד די גרונטן —
די בליצן, פֿון גאָטס גרויסקייט די אויסשרייער,
זיי זאָגן זייער שִׁירָה שטאַרק מיט פֿייער:
„בליצן האָט גאָט צו דעם רעגן געמאַכט טריי,
לאָזט פֿון זיינע קאַמערן דעם ווינט אָפּ פֿריי".

גְּשָׁמִים. די רעגנס, וואָס פֿון גאָטס גְבוּרוֹת די גרעסטע,
פֿון זיינע גוטע חֲסָדִים די בעסטע,
וואָס מיט תְּחִיַּת הַמֵּתִים נאָר אויף איין שטאַנד
האַלטן זיי אונזערע חֲכָמִים מיט פֿאַרשטאַנד: (מב

טַל אוֹמֵר. אֶהְיֶה כַטַּל לְיִשְׂרָאֵל יִפְרַח כַּשּׁוֹשַׁנָּה וְיַךְ שָׁרָשָׁיו כַּלְּבָנוֹן:

זַיי טְרִינְקְען אָן דִי עֶרְד, דִי גְרוֹיסֶע מוּטֶער,
עֶס שְׁפְּרָאצְט אַרוֹיס גְרָאז, פַאר דִי בְּהֵמוֹת פוּטֶער,
עֶס וַואקְסְט פוּן דֶער עֶרְד אוֹיךְ פַאר׳ן מֶענְשֶׁען בְּרוֹיט,
דֶערְהַאלְט אִיהם בַּיים לֶעבֶּען, אִיהם מַצִיל פוּן טוֹיט,
עֶס דֶערְקְוִויקֶען זִיךְ בְּהֵמוֹת אוֹיף דִי פֶעלְדֶער,
אוֹיךְ אַלֶע ווִילְדֶע חַיוֹת אִין דִי וֶועלְדֶער,
זַיי קְלַייבֶּען, עֶסֶען, וָואס גָאט הָאט גֶעגֶעבֶּען,
אַלֶע פִיהלֶען עֶפִּיס גָאר אַ נַיי לֶעבֶּען–
דִי רֶעגֶענְס, וָואס שְׁטֶעלֶען יֶעדֶען אוֹיף דִי פִּיס,
צוּגִיסֶען זִיךְ אִין דֶער שִׁירָה מְחַיֶה זִיס,
זָאגֶען: „הָאסְט אַ מִילְדֶען רֶעגֶען, גָאט, גֶעשִׁיקְט,
דַיין דָארְשְׁטִיג לַאנְד, דַיין נַחֲלָה הָאסְט דוּ דֶערְקְוִויקְט“.
טַל. דֶער טוֹי שֵׁיידט פוּן רֶעגֶען זִיךְ אוּנְטֶער דֶערְמִיט:
רֶעגֶען צַייטֶענְוַויים גֶעהט עֶר, צַייטֶענְוַויים נִיט,
אַ מָאל גִיסְט עֶר טַייכֶענְוַויים, אִין אֵיין אָרְט דָא,
עֶרְגִיץ אַנְדֶערְשׁ–פוּן אִיהם אַ זֵכֶר נִיטָא,
אַ מָאל אִיז עֶר אִין לֶעבֶּען אַרַיין נֵייטִיג,
אַ מָאל אַרְבֵּייט עֶר אָן צָרוֹת אוּן וֵוייטִיג, (מג)
אַ מָאל גֵעהט עֶר מְחַיֶה אַזוֹי שְׁטִיל אוּן מִילְד
אוּן אַ מָאל מִיט שְׁטוּרֶעם, עֶפִּיס מְשׁוּנֶה ווִילְד:
דֶער טוֹי אָבֶּער גֵעהט בֶּעשְׁטֶענְדִיג אַלֶע צַייט, (מד)
אִיז פוּל דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִין אִיטְלִיכֶער זַייט.

אִין צַייט, אִין אָרְט-אִיז נִישְׁטָא פַאר אִיהם קֵיין גְבוּל,
אֵייבִּיג אִיז עָר דָא, אִיז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט פוּל.
תָּמִיד בְּרֵיינְגְט עָר גְרוֹיס נוּטְצֶען, פַארְרִיכְט זֶעהר פִיל, (מה)
אָהן רַעַש, אָהן שְׁטוּרֶעם, גֶעהט גֶעלַאסֶען שְׁטִיל.
פוּנֶ'ם טוֹי דִי מַעֲלוֹת צוּם חֵלֶק, צוּם טְהֵייל,
הָאט גֶענוּמֶען יַעֲקֹב, אָדֶער יִשְׂרָאֵל,
אִין דֶער בְּרָכָה בַּיים סוֹף פוּן יִצְחָקְ'ס לֶעבֶּען.
גָאט, אַזוֹי זָאגְט יִצְחָק, גָאט זָאל דִיר גֶעבֶּען,
פוּנֶ'ם טוֹי פוּן הִימֶעל דִי מַעֲלוֹת זַיינֶע, (מו)
זַיי גֶעבֶּענְשְׁט מִיט אַזֶעלְכֶע מַעֲלוֹת פַיינֶע.
צוּ טוֹי אִיז יַעֲקֹב גְלַייךְ אַרוּם אוּן אַרוּם:
אִיז נִיצְלִיךְ, אִיז שְׁטִיל, אִיז אֵייבִּיג אוּן אוּמֶעטוּם.
מִיכָה הַנָבִיא זָאגְט דִי אֵייגֶענֶע זַאךְ:
יַעֲקֹב וֶועט וִוי טוֹי זַיין צְווִישֶׁען פֶעלְקֶער אַ סַךְ. (מז)
נָאר דֶערְפוּן אִינְגַאנְצֶען אָבֶּער דִי סִבָּה,
אִיז צְווִישֶׁען אִיהם אוּן גָאט דִי שְׁטַארְקֶע לִיבֶּע.
אֵייבִּיג אִיז יִשְׂרָאֵל אִין דֶעם גֶעטִימֶעל,
וַוייל אֵייבִּיג אִיז דֶער גָאט זַיינֶער אִין הִימֶעל;
וַוייל דֶער אֵייבִּיגֶער גָאט, וָואס אִין הִימֶעל הוֹיךְ,
אִיז צוּ יִשְׂרָאֵל וִוי טוֹי טַאקֶע עָר אוֹיךְ.
וִוי גָאט זָאגְט עָס טַאקֶע דִי וֶוערְטֶער אַלֵיין,
אוּן וִוי דִי חֲכָמִים דֶערְקְלֶערֶען עָס שֵׁיין, (מח)
וַוייל וִוי טוֹי פוּן חֶרְמוֹן אִיז גָאטְס הַשְׁגָחָה,
גָאט בֶּעפֶעהלְט אוֹיף אֵייבִּיג לֶעבֶּען אוּן בְּרָכָה.
אוֹיךְ צוּ אַ רוֹיז הָאבֶּען דִי חֲכָמִים דָארְט,
פַארְגְלִיכֶען דִי יִשְׂרָאֵל מִיט אַ קְלוּג וָוארְט.

ירקות שבשדה אומרים. תלמיה רוה נחת גדודיה ברביבם תמגגנה צמחה תברך:

בשעת גרוים היטץ וויאלעט די רויז, איז בלאס טויט,
פאלט דארויף טוי, איז זי ווידער פריש און רויט.
בשעת נויט דאכט זיך, ישראל איז פארביי,
קוים ווערד עפים בעסער, לעבט ער אויף דאס ניי. מט)
דער טוי שטעלט זיך אין ישראל׳ס לעבען פיר,
אין א גאנצען פסוק איז נכלל זיין שיר:
„ווי טוי וועל איך צו די ישראל זיין גלייך,
בין איביג, אומטום, ווי ער עולם ביי אייך.
ער בליהט ווי א רויז, געהט קיינמאל ניט אונטער,
ווי לבנון׳ס וואלד זיין ווארצעל א געזונטער״.

ירקות שבשדה, די קרייטער, וואס מען זייעט אויף די פעלדער,

און וואקסען ניט ווילד ווי גראז אין די וועלדער,
וואס דעם מענשען קומט נעביך אן גענוג שווער,
ביז ער ברענגט זיי ארוים אויף דער וועלט אהער:
ער אקערט פריהער, ער גראבט און מאכט בייטען,
פאר דער זריעה א געלעגער צוברייטען.
נאך, ווארום צוליגען זאל דארט זיין דער זריעה,
ער איז עם מגדל ווי א קינד, רייסט קריעה.
לסוף אז ער פטרט אפ ארבייט אזוי פיל,
הייבט ער צו גאט די אויגען אויף מיט געפיהל.
גאט זאל מיט חסד אויף זיך נעהמען אצינד,
צושפייזען, צוהאדעווען דאס יונגע קינד.

שִׁבּוֹלֶת חִטִּים אוֹמֶרֶת. שִׁיר הַמַּעֲלוֹת מִמַּעֲמַקִּים קְרָאתִיךָ יְיָ:

עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבֶּען אוֹיף אַלֶע לַייט,
אוּן זָאל גֶעבֶּען גוּטֶע רֶעגֶענְס אִין דֶער צַייט.
עֶס זָאל אוֹיפְגֶעהן אוּן וַואקְסֶען מִיט הַצְלָחָה,
אוֹיף פֶעלְדֶער אוֹיף קְרַייטֶער זָאל זַיין דִי בְּרָכָה.
דִי קְרַייטֶער אוֹיפֶ'ן פֶעלְד אַרוּם אוּן אַרוּם,
וָואס וַואקְסֶען אוּן בְּלִיהֶען מִיט גָאטְס הִילְף אוּמְזוּם,
זֵיי דֶערְצֵעהלֶען גָאטְס חֲסָדִים אָהן אַ צָאהל,
זִינְגֶען, זָאגֶען שִׁירָה אַלֶע מִיט אַ מָאל:
„דִי בֵּייטֶען אִין פֶעלְד הָאסְט דוּ אֶנְגֶעטְרוּנְקֶען,
טִיף צְווִישֶׁען זֵיי דָארְט דָאס וַואסֶער גֶעזוּנְקֶען,
מִיט גוּטְרֶעגֶענְס דֶערְוֵייכְט דִי עֶרְד, אִיטְלִיכְס אָרְט,
דָאס גֶעוָועקְס, דִי תְּבוּאָה אִיהרֶע גֶעבֶּענְשְׁט דָארְט".
שִׁבּוֹלֶת חִטִּים. דָאס וֵייץ, דֶער בֶּעסְטֶער מִין צְווִישֶׁען
תְּבוּאוֹת דָא,
וָואס צוּ זַיינֶע מַעֲלוֹת זַיין גְלַייכֶען נִיטָא,
וָואלְט דָאךְ בֶּעדַארְפְט פוּן אַלֶע גְרֶעסֶער זַיין אוֹיךְ,
הַאלְטֶען דֶעם קָאפּ אַרוֹיף, וַואקְסֶען אִין דֶער הוֹיךְ, (מ
לְסוֹף גָאר אִיז עֶס דַוְקָא מֶעהר עָנָיו פוּן זֵיי,
קְרִיכְט נִיט וַייט אוֹיף דִי הוֹיכֶע בֶּערְג אַלֶערְלֵיי.
זֵיי שְׁטוּפֶען זִיךְ הֶעט אוֹיבֶּען אוֹיף דִי בֶּערְג דָארְט,
אוּן עֶר נֶעהמְט טִיף נִידְרִיגֶער פוּן זֵיי אַיין אָרְט. (נא
אוּן טַאקִי וַוייל עֶר אִיז וִויכְטִיג, אַזוֹי שְׁוָוער,
טַאקֶע וַוייל עֶר הָאט אִין קָאפּ פוּן אַלֶע מֶעהר,

שִׁבֹּלֶת שְׂעוֹרִים אוֹמֶרֶת. תְּפִלָּה לְעָנִי כִי יַעֲטֹף וְלִפְנֵי יְיָ יִשְׁפֹּךְ שִׂיחוֹ:

ווייל ער איז פון אלע איטליכען ליבער,
איז ער א שפל און קוקט אראפ דריבער.
האט נאך דערצו איין אפען הארץ א פיינע, נב)
אזוי איז טאקי גאר די טבע זיינע.
פונ'ם וויינץ דער טייערער וויכטיגער זאנג,
וואס זיינע מעלות זענען שוין בעקאנט לאנג,
ער האלט זיך גאר נידעריג און קוקט אראפ,
שאקעלט זיך און זאגט זיין שיר המעלות אפ.
„שיר המעלות, זאגט ער בהכנעה זיין שיר,
פון דער טיפקייט, א גאט, רוף איך צו דיר".
שבלת שעורים. דער גערשטען איז אויסגעבריייט אין דער וועלט ווייט,
און איז אומטום א מאכל פון ארמע לייט. נג)
איין מין, דער געוועהנטליכער איז דא פאראן,
הייסט ער ביים עולם „ראטעווע דעם ארמאן", נד)
ווייל בשעת הונגער, אז פלעגט אויסקומען שמאל,
די גאנצע האפנונג אויף איהם געווען א מאל.
אויף איהם האט מען ארויסגעקוקט אין דער נויט,
צודערהאלטען די נשמה חאטש מיט זיין ברויט.
וויפיל תפילות בעט דער ארמאן מיט טרערען,
דער גערשטען זאל געראטען, צייטיג ווערען.
דרום פאסט טאקי ווי פונ'ם גערשטען דער זאנג
שאקעלט זיך, זאגט שירה מיט אזא געזאנג:

שאר השבלים אומרות. לבשו כרים הצאן ועמקים יעטפו בר יתרועעו אף ישירו:

„א תפילה צום ארמאן בשעת צרות און לייד,
און פאר גאט קלאגט ער זיך, פארגיסט זיינע רייד".

שאר השבלים. אלע תבואות אין די זאנגען אז זיי שטעהן,
מעג מען אנצוקוקען אויף די פעלדער געהן.
ס'איז א פארגניגען, א פרייד צו זעהן זיי דארט,
זיי שאקלען זיך, שטעהן ניט איין שטיל אויף איין ארט.
לאז נאר א קליין ווינטעלע בלאזען אויף זיי,
חאפען זיי ווי קינדער זיך אויף מיט א געשריי.
אהין און אהערווארפט זיך איטליכער זאנג,
קישען זיך פריינדליך, וויטען זיך מיט געזאנג.
צו איין אפערע זענען דא פעלדער גלייך,
זיי זינגען, זיי זענען אויסגעפוצט זעהר רייך,
מיט אפארהאנג, וואס איז משונה לאנג אי ברייט,
אויף איהם פון אלע פארבען א גרויסע קוויט.
בעדעקט מיט א לעבעדיגער וואלענער דעק-
מיט טשערעדעס שאף אלערליי אהן איין עק.
טאקי נאר גאט קען אויסוועבען אזא קלייד,
צו איהם א הללויה זינגט מען דארט מיט פרייד.
מען זעהט הערט, גרויסקייט אין אלע ערטער,
די זאנגען זאגען שירה, רייען ווערטער:
„מיט שאף בעקליידען זיך די פעלדער אומטום,
די טאהלען וויקלען זיך מיט תבואות ארום,

אִילָנוֹת שֶׁבַּשָּׂדֶה אוֹמְרִים. אָז יְרַנְּנוּ כָּל עֲצֵי יָעַר:

עֶס שְׁווִיבֶּעלְט, עֶס גְרִיבֶּעלְט אִין אִיטְלִיכֶער זַייט,
עֶס שְׁרַייעֶן אוּן עֶס זִינְגֶען אַלֶע גַאנְץ ווַייט.
אִילָנוֹת שֶׁבַּשָּׂדֶה. וֶועהר שֵׁיין הָאט בֶּעשַׁאפֶען גָאט דִי
וֶועלְט זַיינֶע.
אִין אִיהר גֶעפְּלַאנְצְט אַלֶערְלֵיי בֵּיימֶער פַיינֶע.
ווִי אַ גַן־עֵדֶן זֶעהט דוּרְךְ זֵיי דִי עֶרְד אוֹיס,
אוּן נוּטְצֶען אָהן אַ בְּרֶעג קוּמְט פוּן זֵיי אַרוֹיס.
דֶער מֶענְשׁ אָבֶּער מִיט זַיינֶע תַּאֲווֹת אוּן זִינְד,
פַארְדַארְבְּט זִי אוּמְטוּם אַזוֹי ווִי אַ ווִילְד קִינְד.
נָאךְ אִין אָנְהֵייבּ אִיז זַיין הַארְץ גֶעוֶועֶן נִישְׁט גוּט,
עֶר מַאכְט שְׁטַארְקֶע מִלְחָמוֹת אוּן פַארְגִיסְט בְּלוּט,
אִין דִי מִלְחָמוֹת פַארְווִיסְט עֶר נָאךְ פֶעלְדֶער,
הַאקְט אוֹיס אַלֶערְלֵיי בֵּיימֶער, גַאנְצֶע וֶועלְדֶער.
פוּן אַ טְהֵייל מַאכְט עֶר אַ לַאגֶער אוֹיף דֶער שְׁטֶעל,
אוּן דֶעם גְרֶעסְטֶען טְהֵייל גְלַאט חָרֵב, אוּמְזִיסְט תֵּל.
אַזוֹי הָאט אַמָאל אִין דֶער וֶועלְט זִיךְ פַּאסִירְט,
אַזוֹי הָאבֶען פֶעלְקֶער דֶענְסְמָאל זִיךְ גֶעפִיהְרְט.
ווִי עֶס שְׁטֵעהט אִין פָּסוּק אִין אַסַךְ עֶרְטֶער,
מִיט רֵיינֶע דִבּוּרִים, מִיט קְלָארֶע וֶוערְטֶער. ה)
דְרִיבֶּער זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער נָבִיא אַ וָוארְט,
ווִי טֶענֶענְבֵּיימֶער אוּן דֶער ווַאלְד לְבָנוֹן דָארְט,
פְרֵייעֶן זִיךְ אַז שְׁטַארְבְּט פוּן בָּבֶל דֶער מֶלֶךְ,
זִינְט דוּ לֵייגְסְט אִין קֶבֶר, זָאגֶען זֵיי פְרֵיילֶעךְ,

לִפְנֵי יְיָ כִּי בָא כִּי בָא לִשְׁפֹּט הָאָרֶץ יִשְׁפֹּט תֵּבֵל בְּצֶדֶק וְעַמִּים בֶּאֱמוּנָתוֹ:

גֶּפֶן אוֹמֶרֶת. כֹּה אָמַר יְיָ כַּאֲשֶׁר יִמָּצֵא הַתִּירוֹשׁ בָּאֶשְׁכּוֹל

זינט האסט בעקומען די מפלה, דעם שלאק,
קומט אויף אונז מעהר ניט קיין העקער מיט זיין האק. ס)
נאר מיר האפען, עס וועט קומען יענער טאג,
אין וועלכען, לויט די היילגע נביאים׳ס זאג,
וועט גאט ריכטען צווישען די פעלקער א מאל,
און אויסגלייכען די פיל אומות אהן א צאהל,
פאלק אקעגען פאלק נישט אויפהייבען קיין שווערד,
און מעהר קיין מלחמה האלטען אויף דער ערד, ט)
גערעכטיגקייט און ווארהייט וועט זיין געשטעלט,
מען וועט ניט שאדען און פארדארבען די וועלט. ח)
זיכער וועט מען זיטצען אין וויסטע פעלדער,
זיך שלטערען און שלאפען אין די וועלדער. ט)
די ביימער זאגען שירה, שרייען איצט גוואלד:
„א מאל וועלען זינגען ביימער פונ׳ם וואלד,
גאט וועט קומען, וועט קומען ריכטען די ערד,
נישט מיט קיין כלי־זין און נישט מיט קיין שווערד,
מיט גערעכטיגקייט וועט ער די וועלט ריכטען,
און די פעלקער מיט זיין ווארהייט פארריכטען״. ס)

גפן. דער ווייןשטאק איז ישראל אין אלע פעל,
זאגען אונזערע חכמים אין א שטעל.

וְאָמַר אַל תַּשְׁחִיתֵהוּ כִּי בְרָכָה בּוֹ כֵּן אֶעֱשֶׂה לְמַעַן עֲבָדַי לְבִלְתִּי הַשְׁחִית הַכֹּל:

די צווייגליך, פונ'ם ווייַנשטאק דער חיזוק גא־ר,
וואס טראגען בלעטער און טרויבען אלע יאהר,
דאס זענען די בעלי בתים, רייכע לייט,
וואס מען געפינט אין ישראל אלע צייט,
וואס מיט זייער חסד און צדקה געבען,
דערהאלטען זיי די ארמע לייט ביים לעבען;
די היינגלען טרויבען, די פירות גופא דארט,
דאס זענען די חכמים אין איטליכם ארט;
די בלעטער דארט, וואס פון אויבען ביז אראפ
פארדעקען די טרויבען און היטען זיי אפ,
דאס זענען מענשליך פונ'ם נידריגען שטאנד,
וואס ארבייטען שווערע מלאכות אלער האנד.
זיי הארעווען מיט שוויים, ארבייטען אלסדינג,
די חכמים זאלען עסען, לעבען גרינג:
די ריטליך דארט, וואס דרעהען זיך ווילד ארום,
זענען יודישע ליידיגגעהער אומטום,
וואס פון זיי אליין קומט כלל גארנישט ארויס,
דרעהען זיך נאר און זויגען אנדערע אויס. ס״א)
דער ווייַנשטאק האלט זיך, אין איהם איטליכע זאך,
כל זמן עס וואקסען הייגליך טרויבען א סך.
אלא נים, איז אין איהם נישטא דער עיקר,
צוהאקט מען איהם איינגאנצען אויף שטיק־שטיקער.

תְּאֵנָה אוֹמֶרֶת. נוֹצֵר תְּאֵנָה יֹאכַל פִּרְיָהּ:

אִיז דָא אִין יִשְׂרָאֵל מֶענֶער מִיט פַארְשְׁטַאנְד,
הָאט עֶר צוּלִיבּ זֵיי אַ קִיוּם, אַ בֶּעשְׁטַאנְד.
זַיינֶע חֲכָמִים, וָואס שְׁפִּילֶען אַ רָאלְיֶע,
זֵיי פַארְרִיכְטֶען אִיהם דָאס מַזָל, דִי דָאלְיֶע.
וֶוען נִיט דִי גוּטֶע אוּן פְּרוּמֶע, וֶוען נִיט זֵיי,
וָואס טוֹיגֶען דִי מִינֵי מֶענְשְׁלִיךְ אַלֶערְלֵיי.
דִי רַייכֶע לַייט זַיינֶע אוּן דִי בַּטְלָנִים
וָוערֶען אִין דֶער וֶועלְט בֶּעטְרַאכְט פַאר גַזְלָנִים.
וָוענֶען לוֹיטֶער גְרָאז, בְּלֶעטֶער, אָרֶעם אִי רַייךְ,
מֶען מִישְׁט זֵיי אַלֶע אוֹיס מִיט דֶער בְּלָאטֶע גְלַייךְ.
טַאקִי נָאר דִי יִשְׂרָאֵל׳ים גוּטֶע טְרוֹיבֶּען,
מֶענֶער וָואס גֶעלֶערֶענְט אִי אִין גָאט גְלוֹיבֶּען,
זֵיי הָאבֶּען גָאטְס וַויינְגָארְטֶען אִין יֶעדֶער צַייט
דֶערְהַאלְטֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט אִין אִיטְלִיכֶער זַייט.
אַצוּנְד לָאמִיר נֶעהמֶען דֶעם וַויינְשְׁטָאק אַפִּיר,
אַזוֹי לָאזְט מֶען אִיהם זִינְגֶען, זָאגֶען זַיין שִׁיר:
„גָאט זָאגְט: וִוי אִין דֶעם הֵיינְגֶעל גֶעפִינְט זִיךְ וַויין,
זָאגְט מֶען דִי בְּרָכָה אִיז דָא, לָאז עֶס גַאנְץ זַיין;
אַזוֹי וֶועל אִיךְ צוּלִיבּ דִי גוּטֶע, פַיינֶע,
נִישְׁט פַארְדַארְבֶּען דִי אַלֶע יוֹדֶען מַיינֶע״:
תְּאֵנָה׳דֶער פַייגֶענְבּוֹים, וָואס בֶּערִיהמְט אִין דֶער וֶועלְט וַוייט,
זַיינֶע פֵּירוֹת וֶוערְד נִישְׁט צַייטִיג אִין אֵיין צַייט. סב)
בִּיסְלִיכְוַוייס מוּז מֶען זֵיי אַלְץ קְלַייבֶּען דְרִיבֶּער.
בְּלַייבֶּען אוֹיפֶ׳ן בּוֹים דִי פַארְטִיגֶע אִיבֶּער,

רמון אומר. כפלח הרמון רקתך מבעד לצמתך:

בעפאלט זיי עפים א מין וואָרעם א פלאָג,
און ווערען ווערעמדיג אלע אין איין טאָג. סא)
מען מוז היטען די צייט און נישט פארגעסען,
אלא ניט, האט מען גארנישט וואס צו עסען.
מיט דעם פייגענבוים ווי אומצוגעהן ריכטיג
איז באמת איין ענין, וואס זעהר וויכטיג.
פונים פייגענבוים איז א מוסר פאר לייט,
ווי מען טאָר ניט זיין פויל, פארשלאָפען די צייט:
דער מענש מוז מיט ארבייט פארדינען אלסדינג,
הן תורה, הן וועלט-זאכען קומט נישט אן גרינג. סב)
אז מען איז נישט פויל,
האט מען אין דעם מויל:
ער זאגט: „ווער דעם פייגענבוים היט פארשטענדיג,
דער וועט די פירות זיינע עסען שטענדיג".
רמון. פון די ארץ-ישראל-פירות איינער,
איז דער מילגרוים, זעהר א רויטער, א שיינער,
איינוועניג מיט א סך קערליך אנגעוועצט,
און אומטום ביים עולם בעליבט אי געשעצט.
אונזערע חכמים אין זעהר פיל ערטער,
גלייכען צו איהם די יודען מיט די ווערטער:
אפילו די ליידיגע מענשען ביי אייך
זענען פול מיט מצות ווי א מילגרוים גלייך. סג)
וועגען זיין געשטאלט און דעם רויטען קאליר,
פאסט טאקי דעם מילגרוים צוזאגען דעם שיר:

תמר אומר. צדיק כתמר יפרח כארז בלבנון ישגה:
תפוח אומר. כתפוח בעצי היער כן דודי בין הבנים
בצלו חמדתי וישבתי ופריו מתוק לחכי:

„ווי א העלפט מילגרוים א רויטע, א פיינע,
ווענען דיינע באקען, געליבטע ביינע". סו)
תמר. דער טייטעלבוים, א בוים וואס אומטום געאכט,
וואס פאר זיינע מעלות זיך בערימט געמאכט,
ער האט בעשיינט ארץ ישראל א מאל,
דארטען געבליהט און געוואקסען אהן א צאהל. סז)
זיין וואוקס איז וואונדער-שיין, שרעקליך הויך אי גלייך.
זיינע בלומען פיל, מיט זיסע פירות רייך. סח)
זיין וואקסען און זיין בליהען איז גאר אנטיק,
איז מיט זיינע פירות פאר מענשען א גליק.
ער איז א צייכען פון שלום, פון פרידען, סט)
צו איהם גלייך ווענען די פרומע ביי אידען,
מיט זייער גלייכקייט און מיט איטליכער זאך, ע)
בליהען, טראגען פירות און ניטצען א סך.
וואונדער-שיין איז דריבער די שירה געשטעלט,
וואס דער טייטעלבוים זאגט זי דער גאנצער וועלט:
„ווי א טייטעלבוים בליהעט דער צדיק אויך, עא)
ווי א צעדערבוים אין לבנון וואקסט ער הויך".
תפוח. פון די עפעלביימער א בעריהמטער סארט,
געפינט זיך ווייט אין ארץ ישראל דארט,
וואס שטעהט פאר זיינע מעלות ביים עולם הויך,
זיינע עפעל שמעקען זעהר, מען עסט זיי אויך. עב)

זֵייעֶר רֵיחַ קְרֶעפְּטִיגְט, דִי קְרַאנְקֶע מְחַיֶה,
גִיט-צוּ גֶעזוּנְט, גָאר אַ נְשָׁמָה אַ נַייעֶ. עג)
אַ צֵייכֶען פוּן לִיבְּשַׁאפְט דָארְטֶען בַּיי דִי לַייט,
וֶוענֶען זֵיי גֶעוֶועזֶען אִין דֶער אַלְטֶער צַייט. עד)
דֶער מִין בּוֹים זָאגְט שִׁירָה, וִוי אִיהם פַּאסְט טַאקֶע,
אַ שִׁירָה אַ זִיסֶע אוּן אַ גֶעשְׁמַאקֶע:
וִוי דֶער עֶפֶּעלְבּוֹים צְוִוישֶׁען בֵּיימֶער אִין וַואלְד,
וֶוערְד דוּרְךְ זַיין רֵיחַ פוּן אַלֶע דֶערְקֶענְט בַּאלְד,
אַזוֹי מַיין גֶעלִיבְּטֶער צְוִוישֶׁען יוּנְגֶע לַייט,
אִין זַיין שָׁאטֶען גְלוּסְט אִיךְ זִיצֶען אַלֶע צַייט,
עֶר קְרֶעפְּטִיגְט מִיךְ, גִיט מִיר צוּ גֶעזוּנְט אַ שְׁטִיק,
אוּן זַיין פְּרוּכְט צוּ מַיין גוֹימֶען זִיס אַיין אַנְטִיק,

פרק רביעי

שֶׁמֶשׁ אוֹמֶרֶת. שֶׁמֶשׁ יָרֵחַ עָמַד זְבֻלָה לְאוֹר חִצֶּיךָ

שֶׁמֶשׁ. דִי תּוֹרָה דֶערְלַייכְט דִי אוֹיגֶען, אִיז רֵיין קְלָאר,
אִיהרֶע װֶערְטֶער רִיכְטִיג, אֱמֶת אוֹיף אַ הָאר
דִי מַעֲשֵׂי בְּרֵאשִׁית שִׁילְדֶערְט זִי זֶעהר גֶעטְרַיי,
אִיהרֶע דֶערְצֶעהלוּנְגֶען פוּן אַ פֶעהלֶער פְרַיי.
אוֹיף אֵייבִּיג-אֵייבִּיגֶער צַייט אִיז אִיהר בֶּעשְׁטַאנְד,
דֶעם נַאר לֶערֶענְט זִי חָכְמָה, גִיט אִיהם פַארְשְׁטַאנְד.
„לִיכְט זָאל װֶערֶען"-אִיז גָאטְ'ס דֶער עֶרְשְׁטֶער בֶּעפֶעהל,
אוּן עֶס װֶערְד לִיכְט דֶעם עֶרְשְׁטֶען טָאג אוֹיף דֶער שְׁטֶעל.
עֶרְשְׁט שְׁפֶּעטֶער גִיט דֶערְנָאךְ גָאט וַוייטֶער אַ זָאג,
אוּן זוּן אוּן לְבָנָה װֶערֶען דֶעם פֶערְטֶען טָאג. עה)
דֶעם פְּרָאסְטֶען עוֹלָם אִיז גֶעװֶען אַ װאוּנְדֶער
קַשְׁיוֹת הָאט גֶעפְרֶעגְט אִיטְלִיכֶער בֶּעזוּנְדֶער.
אַזֶעלְכֶם צוּזָאגֶען װִי פַאלְט דִי תּוֹרָה אוֹיס,
פוּן דֶער לִיכְטִיגֶער זוּן קוּמְט דָאךְ לִיכְט אַרוֹיס,
װִי אִיז מֶעגְלִיךְ צוּטְהֵיילֶען אִין צְוַויי טֶעג װַייט,
אַזֶעלְכֶם װָאס װֶערֶען הָאט גֶעמוּזְט אִין אֵיין צַייט.
דִי גְרוֹיסֶע חֲכָמִים אִין אוּנְזֶערֶע טֶעג,
הָאבֶּען דֶערְגַאנְגֶען קְלָאר דֶעם אֱמֶת'ן װֶעג.

יְהַלֵּכוּ לְנֹגַהּ בְּרַק חֲנִיתֶךָ: קוּמִי אוֹרִי כִּי בָא אוֹרֵךְ וּכְבוֹד יְיָ עָלַיִךְ זָרָח:

די זון אליין איז גאר טונקעל, האט קיין שיין,
ארום איהר איז עפּים א גאז וואס זעהר פיין,
דער גאז אליין־ער איז דאס ליכט, גאנץ ריכטיג,
דורך דער זונס בעוועגונג אין איהם ווערד ליכטיג. ש׳
אונזערע חכמים, וואס זייערע רייד
טראגען תמיד אויף זיך פון משלים א קלייד,
האבען די אייגענע זאך געזאגט שוין לאנג,
מיט זעהר א שיינער מעשה אויף זייער גאנג:
בשעת קרח האט מיט משה זיך געקריגט
און די ערד דענסמאל האט פשוט זיך געוויגט,
זענען זון און לבנה אין דעם געטימעל,
ארויף אין זבול, העט אין אויבערשטען הימעל.
רבונו של עולם, רופען זיי זיך אן,
ווערסט דו פאר עמרם׳ס זוהן דארט דיין משפט טאן,
וועלען מיר לייכטען אויף דער ערד אראפ,
ווען ניט, זאגען מיר דערפון זיך ביידע אפ.
פיילען און שפּיזען ווארפט דענסמאל גאט אויף זיי,
און ענטפערט מיט א בייזער, מיט א געשריי:
צו אייך בוקען אלע טאג זיך די היידען,
דאך לייכט איהר, קיין ווארט אפילו צורייידען.
מיין כבוד דער הייליגער מאכט אייך ניט אוים,
פאר א מענשענס כבוד שטעלט איהר זיך ארויס

פרק רביעי

יָרֵחַ אוֹמֵר. עָשָׂה יָרֵחַ לְמוֹעֲדִים שֶׁמֶשׁ יָדַע מְבוֹאוֹ:

אַלֶע טָאג אַזוֹי בֶּעקוּמֶען זֵיי פַּיילֶען,
אוּן לַייכְטֶען דוּרְכְדֶעם אוֹיף טוֹיזֶענְטֶער מַיילֶען,
אַזוֹי וִוי פוּנִ׳ם פָּסוּק דָאס הֵיילִיגֶע וָוארְט:
דוּרְךְ פְלִיהֶנְדִיגֶע פַּיילֶען לִיכְט שַׁיינֶען זֵיי דָארְט: עז)
דִי כַּוָּנָה זֵייעֶרֶע אִיז אוֹיבֶּען אוֹיף,
דִי זוּן אִיז טוּנְקֶעל, נָאר גָאטְס לִיכְט שַׁיינְט דַארוֹיף, עח)
דָאס לִיכְט גָאטְס פוּן פְרִיהֶער, פוּן דִי זִיבֶּען טֶעג, עט)
דֶערְפוּן פְלִיהֶען פַּיילֶען, שְׁטְרַאהלֶען אָהן אַ בְּרֶעג.
אַזוֹי אִיז כְּסֵדֶר פוּן אֵייבִּיג אָן גֶעשְׁטֶעלְט,
אוּן דוּרְכְדֶעם אִיז טַאקִי לִיכְטִיג אִין דֶער וֶועלְט.
דִי חֲכָמִים׳ס רֵייד זֶענֶען מְחַיֶּה נְפָשׁוֹת,
מֶען בֶּעדַארְף נָאר פַארְשְׁטֵעהן זֵייעֶרֶע דְרָשׁוֹת,
נָאךְ אַזֶעלְכֶע רֵייד אוּן נָאךְ אַזַא חֲקִירָה,
וִוי וואוּנְדֶער־שֵׁיין אִיז פוּן דֶער זוּן דִי שִׁירָה:
„דִי זוּן, דִי לְבָנָה בֶּעשְׁטִימְט עֶר זֵייעֶר אָרְט,
דוּרְךְ פְלִיהֶנְדִיגֶע פַּיילֶען לִיכְט שַׁיינֶען זֵיי דָארְט.
שְׁטֵעה אוֹיף לַייכְט, אַזוֹי זָאגְט זִי ווַייטֶער אַ שִׁיר,
דַיין לִיכְט אִיז דָאךְ דָא, גָאטְס כָּבוֹד שַׁיינְט אוֹיף דִיר".

יָרֵחַ. דִי לְבָנָה זֶעהט מֶען נִישְׁט תָּמִיד אִין אֵיין שְׁטַאנְד,
נִישְׁט תָּמִיד גְלַייךְ זֶעהט מֶען אִיהר פָּנִים אִין לַאנְד,
צַייטֶענְוַויים אִיז זִי בַּיי אוּנְז אִינְגַאנְצֶען דָא,
צַייטֶענְוַויים אַ שְׁטִיקֶעל, אָדֶער גָאר נִישְׁטָא.

עָס וֶוענְדְט זִיךְ אִיהר פַאַרְעֶנְדֶערוּנְג אַלֶע צַייט,
וִוי זִי שְׁטֵעהט פוּן דֶער זוּן נָאהֶענְט אָדֶער וַוייט:
שְׁטֵעהט זִי צְווִישֶׁען דֶער עָרְד אוּן זוּן אִין דֶערְמִיט,
דֶענְסְמָאל אִיז דֶער מוֹלָד אוּן מֶען זֶעהט זִי נִיט.
וָואס מֶעהר וַוייטֶער פוּן דֶער זוּן וֶוערְד זִי גְרֶעסֶער,
בֶּעקוּמְט אַלְץ מֶעהר פָּנִים אוּן זֶעהט אוֹיס בֶּעסֶער: פ)
אַזוֹי טַאנְצְט דִי לְבָנָה אִיהר אֵייבִּיגֶען טַאנְץ,
וֶוערְד צַייטֶענְוַויים גֶעמִינֶערְט, צַייטֶענְוַויים גַאנְץ.
אַזוֹי מִינֶען זִיךְ אִין פָּנִים אַלֶע צַייט
דִי וָואס קוּמֶען נֶעבִּיךְ אָן צוּ גְרוֹיסֶע לַייט.
צוּ דֶער גְרוֹיסֶער זוּן קוּמְט דָאךְ אָן דִי לְבָנָה,
פוּן אִיהר נֶעהמְט זִי דָאס לִיכְטִיגְקַייט בְּמַתָּנָה,
אוּן אַז מֶען קוּקְט יֶענֶעם אִין דֶער הַאנְד אַרַיין,
מוּז דָאס פָּנִים, דָאס גֶעשְׁטַאלְט פַאַרְעֶנְדֶערְט זַיין.
מֶען שְׁטֵעהט וִוי עָס קוּמְט אוֹיס, וִוי נָאךְ צַייטֶען,
אַ מָאל נָאהֶענְט אוּן אַ מָאל פוּנְדֶערְוַוייטֶען.
וִוי נָאךְ צַייטֶען אִיז פוּן דֶער לְבָנָה דֶער גַאנְג,
צַייטֶענְוַויים אִיז עָר קוּרְץ אוּן צַייטֶענְוַויים לַאנְג.
זִי וֵויסְט נִישְׁט דִי רֶגַע פוּן אִיהר אוּנְטֶערְגֵעהן,
זִי בְּלַייבְּט אַ מָאל קִירְצֶער, אַ מָאל לֵיינְגֶער שְׁטֵעהן. פא)
דֶעם טִיפֶען עִנְיָן, דִי גְרוֹיסֶע כַּוָּנָה,
לָאזְט אוּנְז אִין אִיהר שִׁירָה הֶערֶען דִי לְבָנָה:
„גָאט מַאכְט דִי לְבָנָה אוּן אַזוֹי זִי גֶעשְׁטֶעלְט,
צוּ צַייטֶען זִיךְ פַאַרְעֶנְדֶערֶען אִין דֶער וֶועלְט. פב)
דִי זוּן, וָואס דַארְף אַרוּם קֵיינֶעם זִיךְ נִיט דְרֵעהן,
זִי וֵויסְט זִיךְ תָּמִיד כְּסֵדֶר אִיהר אוּנְטֶערְגֵעהן.

כּוֹכָבִים אוֹמְרִים. וְהַמַּשְׂכִּילִים יַזְהִירוּ כְּזֹהַר הָרָקִיעַ וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד׃

כּוֹכָבִים, דִי שְׁטֶערֶען, וָואס אִין הִימֶעל פִּיל אָהְן אַ צָאהל,
וָואס קוּקֶען אַרָאפּ פוּן אוֹיבֶּען אַלֶע מָאל,
זֵיי זִיצֶען וִוי דִי זוּן פֶּעסְט אוֹיף זֵייעֶר אָרְט,
הָאבֶּען זֵייעֶר לִיכְט אוּן שַׁיינֶען אֵייבִּיג דָארְט.
אֵייבִּיג שְׁטֵעהֶען זֵיי אוּן שַׁיינֶען אִינְאֵיינֶעם,
דַארְפֶען זֵייעֶר לִיכְט נִישְׁט בָּארְגֶען בַּיי קֵיינֶעם,
וִוי אַ שְׁטֵייגֶער דִי לְבָנָה אוּן מַזָלוֹת,
וָואס רַייסֶען אַלְץ אַנְדֶערֶע בַּיי דִי פָּאלֶעם,
דְרֵעהֶען זִיךְ אַרוּם דֶער זוּן וִוי אָרְמֶע לַייט,
אוּן בֶּעקוּמֶען אַ נְדָבָה לִיכְט אַלֶע צַייט.
וִוי אוֹיךְ בַּיי אוּנְז מֶענְשֶׁען מַשְׂכִּילִים אַ סַךְ,
וָואס נֶעהמֶען אַלְץ בַּיי פְּרֶעמְדֶע אִיטְלִיכֶע זַאךְ,
פַארְשְׁטֵעהֶען אוּן קֶענֶען מִיט יֶענֶעמְס פַארְשְׁטַאנְד,
אַלֵיין צוּפָארְשֶׁען זֶענֶען זֵיי נִיט אִין שְׁטַאנְד.
דִי שְׁטֶערֶען בֶּעדַארְפֶען קֵיינֶעמְס לִיכְט נִישְׁט, נֵיין,
זֵיי שַׁיינֶען אוּן פוּנְקֶעלֶען אֵייבִּיג אַלֵיין. (פג
זֵיי בֶּעלַייכְטֶען נָאךְ מַזָלוֹת אַלֶערְלֵיי,
וָואס גֵעהֶען אוּן דְרֵעהֶען זִיךְ דָארְט אַרוּם זֵיי.
וִוי בַּיי אוּנְז דִי חֲכָמִים, גְרוֹיסֶע מֶענֶער,
וָואס זֵיי אַלֵיין זֶענֶען מוּפְלָגִים, קֶענֶער,
מִיט זֵייעֶר גוּטְסְקַייט, זֵייעֶר תּוֹרָה מַאקֶע,
זֶענֶען זֵיי פִיל אַנְדֶערֶע מֶענְשֶׁען מְזַכֶּה.

וְאוֹמֵר. אַתָּה הוּא יְיָ לְבַדֶּךָ אַתָּה עָשִׂיתָ אֶת הַשָּׁמַיִם שְׁמֵי הַשָּׁמַיִם וְכָל צְבָאָם הָאָרֶץ וְכָל אֲשֶׁר עָלֶיהָ הַיַּמִּים

דִי לִיכְטִיגֶע שְׁטֶערֶן, וָואס לַייכְטֶען בַּיי נַאכְט,
זֵיי אַלֶע הָאט דָאךְ דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט,
זַיין הַאנְד שְׁפְּרֵייט דֶעם הִימֶעל אוּים ווִי אַ גֶעצֶעלְט,
אוּן דִי שְׁטֶערֶן אוֹיף זֵייעֶר וַואךְ דָארְט צוּשְׁטֶעלְט.
גָאט אַלֵיין אִיז אִין הִימֶעל אוֹיבֶּען דֶער הֶער,
אוּן אוּנְטֶען אוֹיף דֶער עֶרְד נִיטָא חוּץ אִיהם מֶעהר.
דָאךְ הָאבֶּען הַייְדֶען אוֹיף דִי שְׁטֶערֶן גֶעקוּקְט,
צוּ זֵיי זִיךְ גֶעקְנִיעֶט, צוּ זֵיי זִיךְ גֶעבּוּקְט.
גָאט זֵייעֶר מַייסְטֶער הָאבֶּען זֵיי נִישְׁט גֶעקֶענְט,
אוּן גֶעדִינְט גָאר צוּ דִי וֶוערְק פוּן זַיינֶע הֶענְט
דִי שְׁטֶערֶן אָבֶּער דָארְט אִין הִימֶעל אוּמְטוּם,
דֶערְצֵיילֶען גָאטְס גְרוֹיסְקַייט, זַיין כָּבוֹד אוּן רוּהם.
הַאלְטֶען דֶעם מֶענְשֶׁען אַ דְרָשָׁה בֶּעשְׁטֶענְדִיג,
זָאגֶען מוּסַר אוּן מַאכֶען אִיהם פַארְשְׁטֶענְדִיג.
זֵיי רֵיידֶען זֶעהר פִיל אִיבֶּער גָאט, אִיבֶּער לַייט,
וואוּיל וֶועלְכֶע פַארְשְׁטֵעהט, וָואס זֵייעֶר רֵייד בֶּעטַייט.
דִי שְׁטֶערֶן זָאגֶען שִׁירָה אֶמֶת רִיכְטִיג,
פוּן דֶער שִׁירָה וֶוערְד אִין דִי אוֹיגֶען לִיכְטִיג:
„דִי מַשְׂכִּילִים, וָואס קֶענֶען פַאר זִיךְ אַלֵיין,
שַׁיינֶען ווִי דֶער הִימֶעל פוּן יֶענֶעמְס לִיכְט שֵׁיין:
דִי אָבֶּער וָואס טְהוּן גוּטְס אוּן אַנְדֶערֶע מְזַכֶּה,
זֶענֶען ווִי שְׁטֶערֶן, וָואס גִיבֶּען לִיכְט טַאקֶע״. פּד)

וְכָל אֲשֶׁר בָּהֶם וְאַתָּה מְחַיֶּה אֶת כֻּלָּם וּצְבָא הַשָּׁמַיִם לְךָ מִשְׁתַּחֲוִים׃

דַארויף וָואס מֶען דִינְט צוּ זֵיי אִין פִיל עֶרְטֶער,
זָאגֶען זֵיי רִיכְטִיג וַוייטֶער מִיט דִי וֶוערְטֶער:
„דוּ גָאט, דוּ אַלֵיין הָאסְט גֶעמַאכְט דִי הִימֶעל,
דִי הויכֶע הִימֶעל מִיט זֵייעֶר גֶערִימֶעל,
דִי עֶרְד מִיט דִי זַאכֶען אויף אִיהר אַלֶערְלֵיי,
דִי יַמִים מִיט דִי בֶּעשֶׁעפֶּנִישׁ וָואס אִין זֵיי,
דוּ דֶערְהַאלְטְסְט אַלֶע, דוּ שֶׁטֶעלְסְט זֵיי אַנִידֶער,
צוּ דִיר בּוּקְט זִיךְ פוּן הִימֶעל דָאס גֶעשְׁלִידֶער.

פרק המישי

לְוִיָתָן אוֹמֵר. הוֹדוּ לַיְיָ כִּי טוֹב כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ:

לְוִיָתָן. אִין תְּהִלִים אִיז דָא הודו אַ קַאפִּיטֶעל,
הֵייסְט עֶס „הַלֵל הַגָדוֹל" מִיט דֶעם טִיטֶעל. פה)
דֶער גְרוֹיסֶער הַלֵל אִיז דֶער נָאמֶען זַיינֶער,
אַ נָאמֶען וֶועהר אַ שֵׁיינֶער, וֶועהר אַ פַיינֶער,
אוּן דֶעם נָאמֶען הָאט עֶס בֶּעקוּמֶען דְרִיבֶּער,
וַוייל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער, אוּנְזֶער גָאט דֶער לִיבֶּער,
זִיצְט אוֹיבֶּען אוּן טְהֵיילְט אַרוֹים דָאס בֶּעדֶערְפְנִיש,
אוֹיף דֶער עֶרְד אִינְזֶען צוּ אַלֶע בֶּעשֶׁעפְנִיש.
אַזוֹי שְׁטֵעהְט דָאךְ דָארְט בְּפֵירוּשׁ, אִיז דֶער בְּעֶוויז:
„צוּ אַלֶע בֶּעשֶׁעפְנִיש גִיט עֶר זֵייעֶר שְׁפַּייז".
אוּן דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאךְ,
אוֹיסְצוּהַאלְטֶען אַ וֶועלְט מִיט בְּרוּאִים אַ סַךְ. פו)
אוֹיף אִיטְלִיכֶען פוּן זֵיי צוּהָאבֶּען אַיין אוֹיג,
אִיטְלִיכֶען בֶּעזוּנְדֶער גֶעבֶּען וָואס אִיהם טוֹיג.
פוּנֶ'ם קְלֵיין וֶועְרְמִיל בִּיז דֶעם רְאֵם מִיט הֶערְנֶער, פז)
דֶעם גְרָאז, יֶענֶעם פְלֵייש, דֶעם אַנְדֶערֶען קֶערְנֶער.
דֶער לְוִיָתָן, אַ בֶּעשֶׁעפְנִיש גָאר אַ שְׁרֶעק,
מְשׁוּנֶה גְרוֹים, מְשׁוּנֶה לַאנְג, אַ וֶועלְט אָהְן אַיי עֶק, פח)

דָּגִים אוֹמְרִים. קוֹל יְיָ עַל הַמָּיִם אֵל הַכָּבוֹד הִרְעִים יְיָ עַל מַיִם רַבִּים:

זַיין עֶסֶען, זַיין טְרִינְקֶען טָאר נִישְׁט זַיין גֶעפֶּעהְלְט,
עֶר עֶסט אוּן טְרִינְקְט אַלֵיין פַאר אַ גַאנְצֶער וֶועלְט,
טְרִינְקְט הֶעם יַרְדֵן וַואסֶער אוֹיס אִינְגַאנְצֶען גָאר, פט)
אוּן פַארְקְרִימְט זִיךְ נִישְׁט אֲפִילוּ אוֹיף אַ הָאר.
פוּן דְרַיי הוּנְדֶערְט מַייל אוּן מֶעהר, אַזֶעלְכֶע פִישׁ,
קוּמֶען מַחֲנוֹת־וַויים בֶּעשְׁטֶענְדִיג צוּ זַיין טִישׁ, צ)
אִי דָאס אִיז עֶר דֶערְמִיט נָאךְ גָאר נִיט יוֹצֵא,
דִי חַלָּה קְוֶועלְט אִיהם נִיט אוֹיף דֶער הַמוֹצִיא;
דֶער לִוְיָתָן, וָואס אַ וֶועלְט פַארְנֶעהמְט זַיין מוֹיל,
אִיז גֶעווֹינְט אַייזֶען, עֶס נֶעהמְט אִיהם נִישְׁט קַיין קוֹיל, צא)
וָואס עֶר בֶּעדַארְף הָאבֶּען עֶסֶען שְׁרֶעקְלִיךְ פִיל,
אוּן בַּיי גָאט אִיז עֶר אִינְגַאנְצֶען גָאר אַ שְׁפִּיל צב)
אוּן שִׁיקְט אִיהם תָּמִיד צוּ זַיין לֶעבֶּענְס מִיטֶעל,
עֶר זָאגְט דֶעם הַלֵּל, הוֹדוּ דָאס קַאפִּיטֶעל
עֶר זָאגְט אִיהם פוּן אָנְהֵייבּ, אִיז מִתְפַּלֵּל,
אוּן אִיז שׁוֹין מוֹצִיא דִי וֶועלְט מִיט זַיין הַלֵּל.
„הוֹדוּ, לוֹיבְּט גָאט, זָאגְט עֶר שִׁירָה אוֹיף אַ קוֹל,
דֶען גוּט אִיז עֶר, זַיין גְנָאד אֵייבִּיג אַלֶע מָאל".

דָּגִים. דָּוִד הַמֶּלֶךְ, דֶער מְשׁוֹרֵר דֶער זִיסֶער,
שִׁילְדֶערְט גָאטְס וואוּנְדֶער אִין דֶעם טִיף גֶעווִיסֶער,
דִי וָואס זֶעגְלֶען מִיט שִׁיפֶען אִין יַם נְסִיעוֹת,
וָואס הָאבֶּען פוּנִים גֶעשֶׁעפְּט אִין וַואסֶער יְדִיעוֹת,

זיי זעהען פון גאט די גרויסע מעשים דארט,
און די וואונדער זיינע אין דעם טיפען ארט.
קוים זאגט ער, און באלד ווערד א שטורעם, א ווינד
די חוואליעס דערהייבען זיך שרעקליך געשווינד.
זיי דערהייבען זיך גאנץ הויך ביז צום הימעל,
זיי זינקען אין אפגרונט מיט א געטימעל.
צומישט ווערען די שיפסלייט באלד אויפין פלעק,
די נשמה פשוט געהט זיי ארויס פאר שרעק.
אז דער ווינד ווערד שטיל, די חוואליעס אנשוויגען,
און זיי קומען א היים מיט גרויס פארגניגען,
לויבען זיי גאטס גנאד איטליכער בעזונדער,
האבען לייט צודערצעהלען זיינע וואונדער. צנ)
ווען מענשען וואס מיט דעם ים נישט גוט בעקאנט,
און איז פאר זיי ביז אצינד א פרעמדער קאנט;
וואס פאהרען אויף איהם נאר אויבען, אי דאס, גיך,
און ווייסען ניט וואס דארט אינוועניג טהוט זיך,
ווען זיי, פאהרענדיג א מאל אויף די שיפען,
דער צעהלען וואונדער פונ'ם ים דעם טיפען,
וואס זאלען שוין זאגען די פיש אלערליי,
וואס דערגאנצער ים איז א וואוינונג פאר זיי.
זיי זענען דאך דארט פול אין איטליכער זייט,
און זעהען דאך גאטס וואונדער אין אלע צייט,
זיי זעהען דאך יא גאטס כח דארט אומטום,
הערען זיינע קולות ארום און ארום.
הערען אויף די וואסער זיין שרעקליך געשריי,
ווי ער דערלאנגט מיט כח דעם ים א דריי,

תַּנִּינִים אוֹמְרִים: הַלְלוּ אֶת יְיָ מִן הָאָרֶץ תַּנִּינִים וְכָל תְּהוֹמוֹת:

אַז ער שפּרינגט אַזש אונטער פלוצלים פון אונטען,
און עפענט ווי אַ מויל אויף זיינע גרונטען,
ווי גאָט שטורעמט, גיט דעם שטאָלצען ים אַ שמיץ,
מיט זיין קנאַקענדיגען דונער, מיט זיין בליץ.
דער ים שטעלט זיך דיבּאָם, סאָפּעט ווי אַ פערד,
אַט שפּרינגט ער אַרויס, אַט צוטראָגט ער די ערד.
ער צאַפּעלט און עס זעצט איהם אַרויס אַ שוים,
גאָט אָבער האַלט מיט כּח איהם בּיי דער צוים.
די פיש, וואָס אין ים נעכטיגען און טאָגען,
זיי פּאַסט זייער שירה, זיי פּאַסט צוזאָגען:
„גאָטס קול הילכט איבער וואַסער אומטום,
גאָט, וואָס איהם געהער כּבוד אי רוהם
ער דונערט מיט גרויס כּח אַ שרעק,
איבער פיל געוויסער אַהן אַיין עק".

תּנינים. משונה ווילדע חיות זענען אין ים דאָ,
משונה גרויס און שטאַרק, זייער גלייכען נישטאָ. אַ)
זיי זענען אין ים די פיינע בּריות דאָרט,
און געפינען זיך דאָרטען אין איטליכם אָרט.
אין אָפּגרונטען וואָס טיף אַ מורא, אַ שרעק,
אַזש בּיז אַהינצו גרונטעווען זיך די שלעק.
די אוצרות, וואָס גאָט פאַרבּאָרגט וואַסער דאַרין,
אונטער דער ערד, וואָס קיינער קומט נישט אַהין,

ענור אומר. הודו ליי בכנור עשור זמרו לו:

אי די טיפע אוצרות האלטען זיי ניט אפ,
זיי שווימען און לאזען זיך אהין אראפ.
דאס וואס זיי זעהען דארטען פון גאטס ווינדער,
איז אייביג א סוד פאר די מענשענס-קינדער.
זיי זעהען גאטס גבורות, וואס דארטען געהט פיר
און קענען פון הללויה זאגען דעם שיר
„הללויה, לויבט גאט, איהר פון דער ערד אונטען,
גרויסע ים-בעשעפניש און אלע גרונטען“.
ענור: דער ענור איז א פייגעל נישט קיין קליינער,
מיט לאנגע פיס ווי שטאלצען, זעהר א שיינער.
האלט זיך אויף די זומפען אין איטליכען קאנט,
און איז מיט דעם נאמען זשוראוועל בעקאנט, צה)
ער איז פון דער נאטור א גרויסער שרייער,
זיין שטימע איז גאר א טרומייט זעהר טהייער. צו)
טרומייטערט ער, איז איהם נישט איינצושטילען.
האט געמעגט אויף אלע חתונות שפילען.
א געשוויסטערקינד האט ער אין א ווייט ארט, צז)
רופט מען איהם פשוט טרומייטערפויגעל דארט.
אונזערע חכמים איז בעקאנט זיין געשריי:
„כרוכיא דער שרייער“ אזוי הייסט ער ביי זיי. צח)
דער קלעזמער גיט קאנצערטען נישט פאר קיין געלט,
איהם קען גאר אומזיסט הערען די גאנצע וועלט.
ער רייסט שרייענדיג זיך פשוט איין די קעהל
א שירה צו גאט טרומייטערט ער זעהר העל:

חֲסִידָה אוֹמֶרֶת: דַבְּרוּ עַל לֵב יְרוּשָׁלַיִם וְקִרְאוּ אֵלֶיהָ כִּי מָלְאָה צְבָאָהּ כִּי נִרְצָה עֲוֹנָהּ כִּי לָקְחָה מִיַּד יְיָ כִּפְלַיִם בְּכָל חַטֹּאתֶיהָ

זָאגְט װִי אִיהם פַּאסְט אַזױ: „לױבְּט גָאט אױף אַײן הַארְץ,
אױף אַ פִידֶעל פֿון צֶעהן שְׁטְרוּנֶעס שְׁפִּילְט אִיהם שַׁארְץ".

חֲסִידָה, דֶער פױגֶעל מִיט לַאנְגֶע פִּים, װַײס װאוּנְדֶער־שֵׁײן,
דָאס אִיז דֶער בּוּשֶׁעל מִיט זַײן כָּבוֹד אַלֵײן, צט)
אִיטְלִיכֶער זֶעהט אִיהם נִישְׁט אֵײן מָאל, נָאר אַ סַך,
עֶר שְׁטֵעהט קְוַואטִיר בַּײ אוּנְז אױבֶּען אױפֶ׳ן דַאך.
מֶען לֵײגְט אִיהם אוּנְטֶער פוּן אַ װָאגֶען אַ רָאד,
עֶר זִיצְט דָארְטֶען בְּשָׁלוֹם, טְהוּט קֵײנֶעם קֵײן שָׁאד.
זוּמֶער נָאר אִיז עֶר אוּנְזֶער גַאסְט, אױף אַ צַײט,
און װִינְטֶער פַּארְלָאזְט עֶר אוּנְז, פְּלִיהט אַװֶעק װַײט.
פַּארְלָאזְט זַײן נֶעסְט, װַארְפְט אַװֶעק נֶעבִּיך זַײן אָרְט,
און פְּלִיהט אִין װַארְמֶע לֶענְדֶער, אִין גָלוּת דָארְט.
אוּכְּטִיג װֶעֶרְד אױפֶ׳ן הַארְץ אַז עֶר פְּלִיהט אַװֶעק,
אוּמְטוּם װִיסְט־טְרױעֶרִיג װֶעְרד דֶענְסְמָאל אַ עֶֽרֶעק.
קוּמֶענְדִיג פוּן זַײן גָלוּת אִין אָנְהֵײבּ מַאי,
בְּרֵײנְגְט עֶר אַ פְרֶעהלִיךְ גֶעמִיט אוּנְז אױף דָאס נַײ.
אַ נַײ לֶעבֶּען װֶערְד דֶענְסְמָאל אױף דִי פֶעלְדֶער,
און עֶס שְׁװִיבֶּעלְט, עֶס גְרִיבֶּעלְט אִין דִי װֶעלְדֶער.
אַזױ װַאנְדֶערְט עֶר תָּמִיד אױף אֵײן שְׁטֵײגֶער,
תָּמִיד אִין אֵײן צַײט, רִיכְטִיג װִי אַ זֵײגֶער.

נֶשֶׁר אוֹמֵר. וְאַתָּה יְיָ אֱלֹהִים צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל

יִרְמְיָה הַנָּבִיא שְׁטְרָאפְט דִי יוּדֶען אוּן קְלָאגְט,
שְׁטֶעלְט דֶעם בּוּשֶׁעל וִויי פַאר אַ מוּסָר אוּן זָאגְט:
„דֶער בּוּשֶׁעל, זָאגְט עֶר, וָואס פְלִיהט אִין הִימֶעל הוֹיךְ,
עֶר אֲפִילוּ ווייסְט דִי צַייטֶען זַיינֶע אוֹיךְ,
דִי צַייט פוּן זַיינֶע נְסִיעוֹת קֵיינְמָאל פַארְפֶעהלְט,
ט אוּן מַיין פָאלְק ווייס נִיט גָאטְס פִּיהרוּנְג אִין דֶער וֶועלְט".
דֶער בּוּשֶׁעל, וָואס אַ שְׁטַארְקֶער מְקוּרָב מִיט לַייט,
קֶען מִיט זַיין לֶעבֶּען, וָואס עֶר פִיהרְט אַלֶע צַייט,
אִיטְלִיכֶען טְרֵייסְטֶען אוּן אוֹיסְרֵיידֶען דָאס הַארְץ,
בְּשַׁעַת עֶפִּיס אַ צָרָה, עֶפִּיס אַ שְׁמַארְץ.
אִיךְ, בְּרִידֶער, וֶוער פַארְוָואגֶעלְט, קֶען עֶר זָאגֶען
גָאט הֶעלְפְט, קוּם אִיךְ ווידֶער, צוּ־וָואס זִיךְ זָארְגֶען,
בִּפְרַט יְרוּשָׁלַיִם, וָואס נֶעבִּיךְ ווייסְט, טוֹיט,
אִיהר אוֹיסְרֵיידֶען דָאס הַארְץ קֶען עֶר אִין דֶער נוֹיט.
אוֹיף אַלְסְדִינְג אַ צַייט, נֶעהְמְט עֶר זִי אַיין מִיט רֵייד,
נָאךְ צָרוֹת אוּן גָלוּת קוּמְט מְנוּחָה אוּן פְרֵייד.
דֶער בּוּשֶׁעל אוֹיפֶ׳ן דַאךְ קוּקְט צוּ אוּנְז אַרָאפּ,
אוּן קְלַאפְּט פוּן דַארְטֶען דִי שִׁירָה זַיינֶע אָפּ:
„רֶעדט דָאס הַארְץ יְרוּשָׁלַיִם אוֹיס אוּן זָאגְט אִיהר,
אִיהר שְׁלֶעכְטֶע צַייט אִיז דֶערְפִילְט, הָאט אַ שִׁיעוּר,
אִיהר שׁוֹלֵד אִיז בֶּעוִוילִיגְט גֶעוָוארֶען אַצִינְד,
אִיז נֶעבִּיךְ טָאפֶּעל בֶּעשְׁטְרָאפְט פַאר אִיהרֶע זִינְד".
נֶשֶׁר. דֶער אַדְלֶער, וָואס וַואקְסְט פוּן דֶער גִילְדֶענֶער פָאהן,
אִיז מֶלֶךְ אִיבֶּער דִי עוֹפוֹת פוּן לַאנְג אָן. (ק:)

הַקִּיצָה לִפְקֹד כָּל הַגּוֹיִם אַל תָּחֹן כָּל בֹּגְדֵי אָוֶן סֶלָה׃

זיין כּח, זיין ווילדקייט איז קיין קאַטאָוועס,
פייגעל ציטערען פאַר איהם אימות מות.
שרעקליך איז זיין צאָרען, משוגע ווילד זיין גרים,
קיין פּיצעל רחמנות איז נישטאָ ביי איהם.
ער פליהט גאַנץ הויך מיט זיינע שטאַרקע פליגעל,
קוקט אין דער זון אַריין ווי אין אַ שפּיגעל.
קוקט אויך אונטען אַראָפּ מיט זיין שאַרף אייגעל,
און זוכט זיך אַ קרבן אויס פון די פייגעל.
אַ תּקיף אין דער לופט דאָרט איז ער איינער,
פון זיינע נעגעל דרעהט זיך ניט אויס קיינער.
ווען די ראָבען, שיינע, גוטע חברה-לייט,
כלבוניקעס, וואָס ווענען שרעקליך פאַרשייט,
וואַרפען אַ מאָל פון זיך אַראָפּ די לייצען
נעהמען זיך אויף דעם אָדלער צורייצען
שווייגט ער תּחילת און מאַכט זיך גאָרנישט דאַרויס,
דערנאָך האַלט ער די עזות שוין מעהר ניט אויס.
כאַפּט זיך אויף, מאַכט פון די אַפּטריניגע תּל,
בעשטראָפט זיי אַלע מיט כעס אויף דער שטעל.
ער צורייסט זיי מיט זיינע נעגעל אַ שרעק,
פון זייער שרייען ווערד אויף אייביג איין עק.
דער אָדלער, וואָס קייניגט מיט גאָטס חסד, גנאָד,
וואָס איז געזונט און בעהיט פון בייז, פון שאָד,
וואָס האָט אַ פּסק און נעגעל, שאַרפע וואַפען.

עוֹרֵב אוֹמֵר. מִי יָכִין לָעֹרֵב צֵידוֹ כִּי יְלָדָיו אֶל אֵל יְשַׁוֵּעוּ: נוֹתֵן לִבְהֵמָה לַחְמָהּ לִבְנֵי עֹרֵב אֲשֶׁר יִקְרָאוּ:

זיינע פיינד דערמיט צוטויטען, צושטראפען.
אט דער מלך פון די עופות אלערליי,
זאגט ווי א גבור זיין שירה מיט געשריי:
"א, אלמעכטיגער גאט, פון הערשאפט דער הער,
שטארקער גאט ישראל׳ס, שטעה אויף, שווייג ניט מעהר.
אלע בעוואוינער פון דער ערד שלאג, שעדיג
און קיינעם פון די פעלשער זיי ניט גנעדיג".
עורב. די ראב, וואס איהרע פעדערען זענען שווארץ
זי האט, זאגט מען, בטבע א שטיינערען הארץ.
די חכמים דערצעהלען אין פיל ערטער
וועגען איהר א מעשה אט מיט די ווערטער:
אז די ראב געווינט, זענען די קינדער ווייס:
הא, זאגט דער זכר, וואס איז דאס פאר א נייס,
דו ביסט, א פנים, א נקבה א פיינע,
די קינדער זענען ממזרים, נישט מיינע.
ביידע שפייען זיי אויף די קינדערליך קלעק,
לאזען זיי איבער און פליהען ווייט אוועק.
וואס טהוט אבער גאט, דער פאטער אין הימעל,
ער לאזט פון זייער צואה, פונ׳ם שמעל,
ארויסגעהן עפים קליינע מיני מיקען,
כדי די יתומים׳ליך מיט זיי צודערקוויקען.
דער בארמהארציגער גאט הערט זייער געשריי,
און מיט יענע מיקען האדעוועט ער זיי.

זַרְזִיר אוֹמֵר. רַנְּנוּ צַדִּיקִים בַּייָ לַיְשָׁרִים נָאוָה תְהִלָּה:

בִּיז זֵיי וֶוערֶען שְׁוַוארְץ הַאלְקֶע, וַואקְסֶען גוּט אוֹיס,
אוּן פְלִיהֶען פוּן זֵייעֶר גֶעסְט דֶערְנָאךְ אַרוֹיס. קב)
אַ שֵׁיינֶעם דַאנְק גָאט, קְרַאקֶעט דְרִיבֶּער דִי רָאב,
זָאגְט שִׁירָה, אַ יִישֶׁר כֹּחַ פַאר זַיין גָאב.
זִי זָאגְט: „וֶוער שִׁיקְט דֶער רָאב צוּ, אִיהר עֶסֶען בַּאלְד,
וֶוען אִיהרֶע הוּנְגְרִיגֶע קִינְדֶער שְׁרַייעֶן גְוַואלְד.
דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער, עֶר גִיט דֶער בְּהֵמָה אִיהר בְּרוֹיט,
דִי יוּנְגֶע רָאבֶּען, וָואס שְׁרַייעֶן אִין דֶער נוֹיט״.
זַרְזִיר, דֶער זַרְזִיר אִיז, ווִי אַ סַךְ ווִילֶען הָאבֶּען,
אַ לַייבְּלִיכֶער קָרוֹב מִיט דִי רָאבֶּען. קג)
נָאר עֶס קֶענֶען זַיין אֲפִילוּ בְּרִידֶער צְווֵיי,
דָאךְ זָאל אַ גְרוֹיסֶער חִילוּק זַיין צְווִישֶׁען זֵיי:
אֵיינֶער אִיז אַ רָשָׁע, טְהוּט אַלְדִינְג וָואס שְׁלֶעכְט,
אוּן דֶער אַנְדֶערֶער אִיז אַ צַדִּיק, טְהוּט וָואס רֶעכְט.
דֶער זַרְזִיר, וָואס עֶר הֵייסְט מִיט דֶעם נָאמֶען שְׁטַאר, קד)
מֶעג זִיךְ אִין פַארְגְלַייךְ מִיט דֶער רָאב זַיין אַ נַאר,
עֶר קֶען ווִי זִי דִי פַאלְשְׁקַייטֶען נִיט מַאכֶען:
גַנְבְהֶענֶען, רוֹיבֶּען, נָאךְ אַזֶעלְכֶע זַאכֶען; קה)
דִי מַדְרֵגָה זַיינֶע אִיז אָבֶּער גְרֶעסֶער,
עֶר אִיז פוּן דֶער רָאב פִיל שֶׁעהֶנֶער אִי בֶּעסֶער.
דִי פַארְבּ פוּן זַיינֶע פֶעדֶערֶען אִיז אוֹיךְ שְׁוַוארְץ,
עֶר אִיז אָבֶּער עֶהְרְלִיךְ, הָאט אַ כָּשֵׁר הַארְץ.
פוּן קְלֵיידֶער אִיז קַיין רְאָיָה נִישְׁט אַ פִּיצֶעל,
אֵיינֶער טְרָאגְט אַ שֵׁיינֶעם רָאק, אַ שֵׁיין מִיצֶעל.

און ער אליין איז נישט ווערט אי א דרייער,
איינער געהט אָרעם און אליין זעהר טהייער.
באמת איז אונזער זרזיר דער קליינער
א פקח אונטער די פייגעל איינער.
א גרויסע מדה טובה איז ביי איהם דא,
ביי קיינעם אין דער וועלט אזעלכע ניטא:
בעשטענדיג איז ער מלא שמחה, פול פרייד,
זינגט תמיד אפילו אין צרות און לייד.
עס מעג זיך שיטען א שניי מיט שטיקער אייז,
און דא זאל ניט זיין צו עסען קיין לעק שפייז,
ער זיצט זיך גאנץ לוסטיג, פרעהליך אויף זיין ארט,
זינגט זיינע נגונים און גיט קאנצערט דארט,
גלייך ווי דער ליבער זומער וואלט געוועזן היינט,
ארום איהם בליהען רויזען און די זון שיינט.
דעסגלייכען ווען דער זומער געהט שוין אוועק,
און ביי די פייגעל האט די ארבייט איין עק.
במעט אלע זענען פארשטומט, שווייגען שטיל,
האבען אין זין דעם ווינטער און טראכטען פיל.
דענסמאל צווינגט זיך דער זרזיר אויף דאס ניי,
גלייך ווי איבער־א־ניים איז דער חודש מאי.
ער האט דעם זומער אויסגעפיהרט צווייי פליגען,
און איז ברוך השם מיט זיי צופרידען.
די קינדער פליהען איצט ארום אין דער וועלט,
זינגען אומעטום לידער און דער עולם קוועלט. ק)
הכלל, ער פארברייננגט מיט זינגען טעג און נעכט,
ער האט בטחון אין גאט, און איז גערעכט;

בֵּנוֹנִית אוֹמֶרֶת. לְמַעַן יְזַמֶּרְךָ כָבוֹד וְלֹא יִדֹּם יְיָ אֱלֹהַי לְעוֹלָם אוֹדֶךָּ:

דֶער יֶענֶע, וָואס הָאפֶען צוּ גָאט, שְׁטֵעהט עֶר בַּיי,
דֶעם וואוּנְשׁ פוּן זַיינֶע פְרוּמֶע דֶערפִילְט עֶר טְרַיי.
דֶער זַרְזִיר, וֶועלְכֶער זִינְגְט אוּן קְוֶועלְט אַלֶע צַייט,
מֶעג מִיט דֶער מִדָה אַ מוּסָר זַיין פַאר לַייט.
עֶר הָאט בִּטָחוֹן אוּן אִיז לוּסְטִיג שְׁטֶענְדִיג,
זָאגְט שִׁירָה אוּן לוֹיבְּט תָּמִיד גָאט פַארְשְׁטֶענְדִיג.
עֶר זָאגְט: „זִינְגְט, צַדִיקִים, וָואס אִין גָאט גְלוֹיבֶּען,
רֶעכְטְפַארְטִיגֶע, זֵיי פַּאסְט טַאקִי צוּלוֹיבֶּען".

בֵּנוֹנִית. אַז דֶער וִוינְטֶער גֵעהט אַוֶועק מִיט זַיינֶע קֶעלְט,
אַ וַוארְם וִוינְטֶעל בְּלָאזְט אוּן בֶּעלֶעבְּט וֶוערְד
דִי וֶועלְט,

עֶס קוּמֶען צוּפְלִיהֶען פֵייגֶעל אַלֶערְלֵיי,
זָאגֶען שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם מִיט אַ גֶעשְׁרֵיי,
קוּמְט אוֹיךְ אַ פֵייגֶעלֶע מִיט דִי זוּמֶער-גֶעסְט,
שְׁטֶעלְט אוֹיף אוּנְזֶער פֶענְסְטֶער זִיךְ בּוֹיעֶן אַ נֶעסְט.
דִי נֶעסְט אִיז גֶעמַאכְט קוּנְצִיג-שֵׁיין וִוי גֶעטָאקְט,
דָארְט אִין אִיהם נֶעכְטִיגְט דָאס פֵייגֶעלֶע אוּן טָאגְט,
לֶעבְּט מִיט זַיין וַוייבֶּעלֶע אוּן פִיהרְט אוֹיס קִינְדֶער,
לֶעבְּט גְלִיקְלִיךְ, זִינְגְט אוּן פְרֵייעָט זִיךְ גָאר וִוינְדֶער.
דָאס פֵייגֶעלֶע קֶען יֶעדֶער פוּן גְרוֹיס בִּיז קְלֵיין,
דָאס אִיז אוּנְזֶער שְׁוֶועלְבֶּעלֶע טַאקִי אַלֵיין. קו)

אַ גאַנץ זומער פֿליהט עס לוסטיג הין און הער,
מיינט, זיין גליק, זיין נעסט איז זיין אייביג געוועהר;
נאָר אַלסדינג אָבער אויף דער וועלט האָט אַ בּרעג,
ניִשט אויף אייביג דויערען גליקליכע טעג;
דער זומער לויפֿט אויך אַוועק, געל ווערד וואָס גרין,
און וואו קומט דענסמאָל דאָס שוועלבּעלע אַהין.
אין די וואַרמע מדינות פֿליהט עס אַוועק ווייט
נאָר פֿון פֿאַרצייטען בּיז איצט דערצעהלען לייט,
אַז אין קאַלטע ערטער געפֿינט מען פֿיל מאָל,
גאַנץ דערפֿרוירענע שוועלבּעליך אַהן אַ צאָהל.
ליגען טיף אין אַ זומפּף דעם ווינטער איבּער,
בּיז וואַנען עס קומט דער זומער דער ליבּער,
וואָס גיט זיי לעבּען, אַ נשמה אַ נייע,
פֿליהען בּאַלד אַרוים און ווערען זיך מחיה. קח)
דעם שוועלבּעלע בּיים אויפֿשטעהן פֿון גרוב ווידער,
איהם פּאַסט זינגען יענעם מזמור מיט לידער:
„גאָט, האָסט פֿון גרוב מיין נפֿש אַרויף געבּראַכט,
ניִשט צו זינקען אין גרוב מיך לעבּעדיג געמאַכט.
זינגט צו גאָט, פֿרומע, וועלכע אין איהם גלויבּען,
צו זיין הייליגען נאָמען זאָלט איהר לויבּען.
דען אַ רגע דויערט עס נאָר אין זיין גרים,
לעבּען אָבער פֿיהלט מען אין דעם גנאָד פֿון איהם:
אין אָווענט נעכטיגט, שלאָפֿט דאָך געוויין, זאָרגען,
געזאַנג אָבער זינגט זיך אין דעם פֿריהמאָרגען.
און איך האָבּ בּשעת מיין גליק איינמאָל,
געמיינט, איך גליטש מיך ניט אוים קיינמאָל.

רַחֲמָה אוֹמֶרֶת. אֶשְׁרְקָה לָהֶם וַאֲקַבְּצֵם כִּי פְדִיתִים וְרָבוּ כְּמוֹ רָבוּ.

אִין דַיין גְנָאד שְׁטֶעלְסְט־דוּ שְׁטַארְק מַיין בַּארְג, מַיין גֶעשְׁטֶעל,
פַארְבָּארְגְסְט נָאר דַיין פָּנִים בַּאלְד, וֶוערְד אוֹיס מִיר תֵּל.
צוּ דִיר, גָאט, רוּף אִיךְ בְּשַׁעַת דֶעם שְׁמַארְץ,
אוּן צוּ גָאט בֶּעט אִיךְ מִיךְ פוּנֶ'ם הַארְץ:
וָואס נִיטְצְט מַיין בְּלוּט, וֶוען אִיךְ וֶועל אִין גְרוּב גֶעהֶען
לוֹיבְּט דֶען דִיךְ שְׁטוֹיבּ, גִיט דַיין וָוארְהַייט צוּפַארְשְׁטֵעהְן
הָארְךְ, גָאט, אוּן גְנֶעדִיג מִיךְ וֶוען אִיךְ שְׁרַיי,
גָאט, זַיי מַיין הֶעלְפֶער אוּן שְׁטֵעה מִיר בַּיי.
אוּן דוּ הָאסְט טַאקִי מִיךְ גֶעהֶערְט,
מַיין קְלָאג צוּם טַאנְץ אִיבֶּערְגֶעקֶעהְרְט,
אוֹיפְגֶעשְׁפִּילֶעט מַיין זַאק, מַיין טְרוֹיעֶרְקְלֵייד,
אוּן מִיךְ אָנְגֶעגוּרְט מִיט שִׂמְחָה, מִיט פְרֵייד". קט)
אִיטְלִיכְם וָוארְט אִין דֶעם קַאפִּיטֶעל בֶּעזוּנְדֶער,
שִׁילְדֶערְט דָאס שְׁוֶועלְבֶּעלֶעס לֶעבֶּען גָאר וואוּנְדֶער.
נָאר כְּדֵי זַיין שִׁירָה זָאל נִיט אוֹיסְקוּמֶען לַאנְג,
זָאגְט עֶס דִי לֶעצְטֶע שׁוּרָה פוּנֶ'ם גֶעזַאנְג:
„בִּכְדֵי צוּזִינְגֶען דַיין רוּהם, נִיט שְׁוַוייגֶען שְׁטִיל,
גָאט מַיין הַאר, אֵייבִּיג וֶועל אִיךְ דִיר דַאנְקֶען פִיל".

רַחֲמָה, כְּפִי אוּנְזֶערֶע גְרוֹיסֶע חֲכָמִים זָאגֶען,
זָאל רַחֲמָה דֶעם נָאמֶען שְׁרַקְרַק טְרָאגֶען. קי)
אוֹיף אַרַאבִּיש הֵייסְט שְׁרַקְרַק בִּינֶענְפְרֶעסֶער,
אַ פֵייגֶעל וָואס פוּן דֶער שְׁוַואלְבּ עֶפִּיס גְרֶעסֶער.

און זעגען צווישען זיך גלייך אין פיל זאכען,
בפרט נאך אין זייער נעסט וואס זיי מאכען.
גאנצע מחנות פון דעם מין פויגעל צוגלייך,
גראבען לעבער ביי די ברעגען פונ׳ם טייך,
וואוינען איינער פונ׳ם אנדערען נישט ווייט,
ווי אין גרויסע שטעדט שטופען זיך צונויף לייט.
אלע ביימער, וואס וואקסען נעבען ברעג דארט,
זענען בעדעקט מיט די פייגעל פון דעם סארט:
דער פליהט אוועק, דער קומט, זעצט זיך אנידער,
עס איז דארטען א רעש, א גערידער:
מען שמוצערט, מען פייפט, די פערזאמלונג איז שטארק
עס רידעוועט זיך אזוי ווי אויף א מארק.
דער פייגעל פליהט גיך, זיינע פליגעל זעהר לאנג,
די פיס אבער זענען קורץ, נישט גוט צום גאנג.
„זיטצפיסלער" איז זיין פאמיליע דאריבער,
און האט ליב אויף ביימער צוזיצען ליבער:
די חכמים זאגען דריבער מיט פארשטאנד:
ווען ער וועט זיך זעצען אונטען אויפ׳ן לאנד,
און דארט זיין שבקבק, שבקבק, פייפען גאנץ העל,
דענסמאל וועט משיח קומען אויף דער שטעל, [קיא]
און וועט אויך פארזאמלען צו זיך מיט זיין ווארט,
די צווייטע, צושפרייטע פון יעדען ארט,
ווי דער רחם, וואס גיט א פייף מיט זיין קול,
און רופט צונויף די חברים אהן א צאהל.
אזוי איז דער שטייגער זיינער אין דער וועלט,
און מיט שכל איז איהם די שירה געשטעלט.

טָסִית אוֹמֶרֶת. עֶזְרִי מֵעִם יְיָ עֹשֵׂה שָׁמַיִם וָאָרֶץ:
צִפּוֹר אוֹמֶרֶת. גַּם צִפּוֹר מָצְאָה בַיִת וּדְרוֹר קֵן לָהּ

רַחֲמָה זָאגְט: „אַ פֵייף גִיבּ אִיךְ זַיי,
אוּן פַארְזַאמֶעל זֵיי מִיט מַיין גֶעשְׁרֵיי.
אִיךְ רוּף זַיי צוּנוֹיף גַאנְץ פְרַיי אַהֶער,
קוּמֶען אַלְץ וָואס וַויטֶער מֶעהר אוּן מֶעהר".

טָסִית. דֶעם נָאמֶען טָסִית, וָואס דֶער טַייטְשׁ אִיז שְׁוֶועבֶּען,
פַאסְט נָאר דֶעם פַארַאדִיזְפוֹיגֶעל צוּגֶעבֶּען.
וַוייל עֶר פְלִיהט אוּן שְׁוֶועבְּט אִין דֶער לוּפְט אַלֶע צַייט,
דְרִיבֶּער הָאבֶּען אַ מָאל אוֹיף אִיהם גֶעזָאגְט לַייט:
אַז עֶר קוּמְט גָאר פוּנֶ'ם גַן־עֵדֶן אַהֶער,
לֶעבְּט פוּן דֶער לוּפְט אַלֵיין, עֶסְט וַוייטֶער נִיט מֶעהר.
אוּן מַחֲמַת עֶר שְׁוֶועבְּט תָּמִיד אִין דֶער לוּפְט הוֹיךְ,
דַארְף עֶר קַיין פִיס, אוּן הָאט זַיי טַאקִי נִיט אוֹיךְ. קיב)
דֶער טָסִית, וָואס בֶּעקוּמְט גְלַייךְ פוּן גָאט זַיין בְּרוֹיט,
וָואס לֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף דֶער עֶרְד אִין דַחֲקוֹת אוּן נוֹיט,
אִיהם גֶעהֶער שְׁוֶועבֶּענְדִיג אִין דֶער לוּפְט אוֹיבֶּען,
מִיט דֶער דָאזִיגֶער שִׁירָה גָאט צוּ לוֹיבֶּען:
„מַיין הִילְף אִיז, זָאגְט עֶר שְׁוֶועבֶּענְדִיג טָאג אִי נַאכְט,
פוּן גָאט וָואס הָאט דִי הִימֶעל אוּן עֶרְד גֶעמַאכְט".

צִפּוֹר. פוּן דִי אַלֶע מִינֵי פֵייגֶעל אַלֶערְלֵיי,
אִיז דֶעם מֶענְשֶׁען גוּט בֶּעקַאנְט דֶער וָוארָאבֵּיי. קיג)
עֶר דְרֵעהט זִיךְ אָפְט נֶעבֶּען דִי הַייזֶער אַרוּם,
אוּן גֶעפִינְט זִיךְ נֶעבֶּען אִיטְלִיכְם הוֹיז אוּמְטוּם.

אֲשֶׁר שָׁתָה אֶפְרוֹחֶיהָ אֶת מִזְבְּחוֹתֶיךָ יְיָ צְבָאוֹת מַלְכִּי וֵאלֹהָי:
פְּרִיגִיּוֹת אוֹמְרִים. יוֹדוּךָ יְיָ כָּל מַלְכֵי אָרֶץ כִּי שָׁמְעוּ אִמְרֵי פִּיךָ:

ער זוכט ביי אונז זיך אויס אויף זיין נעסט איין ארט,
לייגט אייער און זיצט אויס זיינע קינדער דארט.
ווי דאס שוועלבעלע, וואס האלט ביי אונז זיך אויף,
און שטעלט א נעסט זיך אויף די פענסטער ארויף.
דער וואראביי, וואס איז א קליין בעשעפעניש,
דאך מיט גאטס חסד האט ער זיין בעדערפעניש,
ער טרעט דא מיט א שירה צו גאט ארויס;
ער פישטשעט, שווישטשעט אזוי זיין שירה אויס:
„אי דער וואראביי געפינט זיך א הויז אויך,
און דאס שוועלבעלע זיך א נעסט אין דער הויך.
ער פיהרט בשלום דארטען אויס זיינע פליגען,
און לעבט ברוך השם גליקליך צופרידען”.
פּרוגיות. א משפחה פייגעל איז דא יחסנים,
וואס האבען אין דער וועלט זעהר א שיין פנים
פאר זייער זיס קולכען, פאר זייער געשריי,
און מיט דעם נאמען פריגילין רופט מען זיי. קיד)
צווישען זיי זענען דא בעריהמטע זינגער,
וואס פון זייער געזאנג לעקט מען די פינגער:
דער שטיגליץ, דער ציזיג וואס אין אונזער קאנט,
דאס קאנארעקיל, וואס איז אומטום בעקאנט.

תַּרְנְגוֹל בְּשָׁעָה שֶׁבָּא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֵצֶל הַצַּדִּיקִים בְּגַן עֵדֶן מְרַנְּנִין כָּל אִילָנֵי גַּן עֵדֶן וְאָז גַּם הוּא מִתְעוֹרֵר וּמְשַׁבֵּחַ: בְּקוֹל רִאשׁוֹן אוֹמֵר. שְׂאוּ שְׁעָרִים רָאשֵׁיכֶם וְהִנָּשְׂאוּ פִּתְחֵי עוֹלָם וְיָבֹא מֶלֶךְ הַכָּבוֹד: מִי

נָאךְ אוּן נָאךְ אַזֶעלְכֶע פֵייגֶעלִיךְ זֶעהר פִיל,
וָואס גִיבֶּען קָאנְצֶערְט אוּן זִינְגֶען מִיט גֶעפִיהל,
וָואס שְׁפִּילֶען אִי פַייפֶען, קְנַאקֶען אוּן שַׁאלֶען,
בַּיי פִירְשְׁטֶען אוּן בַּיי שְׂרָרוֹת אִין דִי זַאלֶען.
אַט דִי מִינֵי פֵייגֶעל, וָואס זִינְגֶען עֶק וֶועלְט,
וָואס יֶעדֶער הָאט פוּן זֵיי הֲנָאָה אוּן קְוֶועלְט,
זֵיי לוֹיבֶּען גָאט, וָואס מַאכְט זֵייעֶר קוֹל גֶעשְׁמַאק,
אוּן זָאגֶען אִיהם אַזאַ שִׁירָה מִיט דֶעם קְנַאק:
„מְלָכִים פוּן דֶער עֶרְד לוֹיבֶּען דִיךְ, גָאט, מִיט פְרֵייד,
אַז זֵיי הֶערֶען פוּן דַיין מוֹיל דִי זִיסֶע רֵייד".

תַּרְנְגוֹל. בְּשַׁעַת עֶס קוּמְט נָאר פוּן הַאלְבֶּע נַאכְט דִי צַייט,
וֶוייעט דֶענְסְמָאל אַ ווִינְטֶעל פוּן צָפוֹן-זַייט. (קטו)
דֶעם הָאהן אוּנְטֶער דִי פְלִיגֶעל בֶּערִיהרְט דֶער ווִינְד,
עֶר חַאפְּט זִיךְ דִי רֶגַע אוֹיף אוּן קְרֵעהט גֶעשְׁווִינְד.
אִין דֶער צַייט קוּמְט גָאט אִין גַּן-עֵדֶן אַריין,
מִיט דִי צַדִּיקִים זִיךְ מְשַׂמֵּחַ צוּ זַיין.
אוּן ווִי בַּאלְד עֶר קוּמְט נָאר אַריין אִין דֶעם אָרְט,
זִינְגֶען דִי בֵּיימֶער אוּן דִי צַדִּיקִים דָארְט. (קטז)
גַּבְרִיאֵל דֶעם מַלְאָךְ רִיהרְט דֶער ווִינְד פְרִיהר אָן
אוּן עֶר שְׁרַייט זֶעקְס קוֹלוֹת אוֹיס דָארְט אוֹיבֶּענְאָן,

זֶה מֶלֶךְ הַכָּבוֹד יְיָ עִזּוּז וְגִבּוֹר יְיָ גִּבּוֹר מִלְחָמָה: בְּקוֹל שֵׁנִי אוֹמֵר. שְׂאוּ שְׁעָרִים רָאשֵׁיכֶם וּשְׂאוּ פִּתְחֵי עוֹלָם וְיָבוֹא מֶלֶךְ הַכָּבוֹד: מִי הוּא זֶה מֶלֶךְ הַכָּבוֹד יְיָ צְבָאוֹת הוּא מֶלֶךְ הַכָּבוֹד סֶלָה: בְּקוֹל שְׁלִישִׁי אוֹמֵר. עִמְדוּ צַדִּיקִים

גַּבְרִיאֵל, וָואס אִיז פוּן גָאט דַארוֹיף גֶעשְׁטֶעלְט,
צוּפַארְשְׁרַייבֶּען אַלֶץ, וָואס טְהוּט זִיךְ אִין דֶער וֶועלְט,
עֶר טְרֶעט בַּאלְד נָאךְ דִי קוֹלוֹת זַיינֶע אַרוֹים,
אוּן רוּפְט דִי מַעֲשִׂים פוּן אַלֶע מֶענְשֶׁען אוֹיס
פוּן אִיהם קוּמְט נָאכְדֶעם דֶער ווִינְד צוּם הָאן אַהֶער,
וָואס הֵייסְט מִיט דֶעם נָאמֶען גֶבֶר גְלַייךְ וִוי עֶר. קז)
אִי אוֹיבֶּען אִי אוּנְטֶען וֶוערְד אַ גֶעטִימֶעל,
גַּבְרִיאֵל, גָאטס הָאן, שְׁרַייט קוֹלוֹת אִין הִימֶעל:
אוּן דָא אוּנְטֶען קְרֵעהט דֶער גֶבֶר, אוּנְזֶער הָאן, קח)
וָואס הָאט אוֹיךְ מִיט דִי מֶענְשֶׁענְס מַעֲשִׂים צוּטָאן; קט)
דֶען פוּן אֵייבִּיג אָן אִיז דָאךְ דֶעם הָאנְס שְׁטֵייגֶער,
צוּזָאגֶען מֶענְשֶׁען דִי צַייט וִוי אַ זֵייגֶער.
דֶער הָאן גִיט דִי שִׁירָה פוּן אוֹיבֶּען אִיבֶּער,
עֶר קְרֵעהט אוּן זָאגְט אוֹיךְ דִי וֶוערְטֶער דַארִיבֶּער:
מִיט דֶעם עֶרְשְׁטֶען קְרֵיי,
גִיט עֶר אַ גֶעשְׁרֵיי:
„טוֹיעֶרֶען הֵייבְּט אוֹיף,
אֵיירֶע קֶעפּ אַרוֹיף.
אוּן דֶערְהֵייבְּט זִיךְ טְהִירֶען וָואס אֵייבִּיג שְׁטֵעהְן,
לָאז דֶער מֶלֶךְ הַכָּבוֹד אַרַיינְגֵעהְן.

וְעִסְקוּ בַתּוֹרָה כְּדֵי שֶׁיִּהְיֶה שְׂכַרְכֶם כָּפוּל לְעוֹלָם הַבָּא:

ער אִיז דָאס דֶער מֶלֶךְ הַכָּבוֹד, וֶוער?
אַט דֶער שְׁטַארְקֶער, דֶער גִבּוֹר, דָאס אִיז עֶר,
"אַט דֶער גִבּוֹר, דֶער הֶעלְד
אוֹיף דֶעם מִלְחָמָה-פֶעלְד".
מִיט דֶעם צְוַוייטֶען קְרֵיי,
גִיט עֶר אַ גֶעשְׁרֵיי:
"טוֹיעֶרֶען הֵייבְּט אוֹיף,
פֵייעֶרֶע קֶעפּ אַרוֹיף.
אוּן דֶערְהֵייבְּט זִיךְ טְהִירֶען וָואס אֵייבִּיג שְׁטֵעהְן,
לָאז דֶער מֶלֶךְ הַכָּבוֹד אַרַיינְגֶעהְן.
וֶוער אִיז דָאס דֶער מֶלֶךְ הַכָּבוֹד, וֶוער?
גָאט אִיבֶּער אַלֶע הֶערְשַׁארֶען דֶער הֶער,
עֶר אִיז דֶער מֶלֶךְ פוּן כָּבוֹד אוּן רוּהם,
אוֹיף אוֹיבִּיג אִין אַלֶע וֶועלְטֶען אוּמְטוּם".
אִין דֶעם וִוינְטֶעל, וָואס נָאךְ הַאלְבֶּע נַאכְט וֶוייהֶעט,
אוּן אִין דֶעם קוֹל פוּן אוּנְזֶער הָאן וָואס קְרֵעהֶעט,
הֶערְט זִיךְ צוּ דִי טְהִירֶען פוּן מִזְרַח אַ זָאג:
"גָאט גֶעהְט אִין זַיין גָארְטֶען צוּם זַייט פוּנ'ם טָאג. קכ)
עֶפֶענְט זִיךְ, אִיהר טְהִירֶען, וָואס אֵייבִּיג שְׁטֵעהְן,
לָאז דֶער מֶלֶךְ הַכָּבוֹד אַרַיינְגֶעהְן.
עֶפֶענְט זִיךְ, טְהִירֶען, קוּקְרִיקוּ, קוּקוּרִיק,
אוּן לָאז גָאטְס מָארְגֶענְשְׁטֶערֶען גֶעבֶּען אַ בְּלִיק". קכא)
מִיט דֶעם דְרִיטֶען קְרֵיי,
גִיט עֶר אַ גֶעשְׁרֵיי:

בְּקוֹל רְבִיעִי אוֹמֵר. לִישׁוּעָתְךָ קִוִּיתִי יְיָ: בְּקוֹל חֲמִישִׁי אוֹמֵר: עַד מָתַי עָצֵל תִּשְׁכָּב מָתַי תָּקוּם מִשְּׁנָתֶךָ: בְּקוֹל שִׁשִּׁי אוֹמֵר. אַל תֶּאֱהַב שֵׁנָה פֶּן תִּוָּרֵשׁ פְּקַח עֵינֶיךָ שְׂבַע

„שְׁטֵעהט אוֹיף, צַדִיקִים, לֶערְנְט תּוֹרָה, דֶערְפַאר,
וֶועט אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט טָאפֶּעל זַיין אייעֶר שָׂכָר"
מִיט דֶעם פֶערְטֶען קְרַיי
גִיט עֶר אַ גֶעשְׁרַיי:
„אִיךְ הָאף, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט צוּ דַיין הִילְף זַיין, (קכט)
אוֹיב דוּ שְׁטֵעהסְט אוֹיף, וֶוען עֶס גִיט נָאר אַ שַׁיין".
אוּן צוּ דֶעם, וָואס שְׁטֵעהט אוֹיף פְרִיה פִינְף אַ זֵייגֶער,
נָאר לִיגֶען אוֹיפֶ'ן בֶּעטֶעל אִיז זַיין שְׁטֵייגֶער
עֶר לִיגְט, פוֹילְט זִיךְ פוּנֶ'ם בֶּעט צוּגֶעהן אַרָאפּ,
אִיהם מוּסֶרְט אוּנְזֶער הָאן אוּן זִידֶעלְט גוּט אָפּ.
מִיט דֶעם פִינְפְטֶען קְרַיי
גִיט עֶר אַ גֶעשְׁרַיי:
„בִּיז וַואנֶען, פוֹילֶער, וֶועסְט דוּ זִיךְ לִיגֶען נָאךְ,
וֶוען וֶועסְט דוּ שׁוֹין אוֹיפְשְׁטֵעהן, אַרָאפְּקְרִיכֶען דָאךְ".
אוּן צוּ דֶעם וָואס הָאט לִיבּ צוּשְׁלָאפֶען אַ סַךְ,
דֶער זֵייגֶער הַאלְט זֶעקְס אוּן עֶר הֶערְט נִישְׁט קֵיין זַאךְ,
חְרָאפֶּעט אוֹיף זַיין גֶעלֶעגֶער גֶעשְׁמַאק אוּן שְׁלָאפְט,
קוּקוּרִיקוּ שְׁרַייעֶט אִיהם דֶער הָאן אוּן שְׁטְרָאפְט.
מִיט דֶעם זֶעקְסְטֶען קְרַיי,
גִיט עֶר אַ גֶעשְׁרַיי:
„לִיבּ נִישְׁט דֶעם שְׁלָאף, וֶועסְט לַיידֶען אָרֶמְקַייט אוּן נוֹיט,
עֶפֶען דַיינֶע אוֹיגֶען וֶועסְט דוּ הָאבֶּען בְּרוֹיט".

לָהֶם: בְּקוֹל שְׁבִיעִי אוֹמֵר. עֵת לַעֲשׂוֹת לַיְיָ הֵפֵרוּ תּוֹרָתֶךָ:
יוֹנָה אוֹמֶרֶת. כְּסוּס עָגוּר כֵּן אֲצַפְצֵף אֶהְגֶּה כַּיּוֹנָה דַּלּוּ
עֵינַי לַמָּרוֹם יְיָ עָשְׁקָה לִּי עָרְבֵנִי: אוֹמֶרֶת יוֹנָה לִפְנֵי

דִי אָבֶער וָואס שְׁלָאפֶען אוֹיפְ׳ן טָאג אַוֶועק,
רִיהְרֶען זִיךְ נִיט אֲפִילוּ וֶועק זֵיי און וֶועק;
אוֹיף זֵיי צוּבֵּייזֶערְט זִיךְ שְׁרֶעקְלִיךְ אוּנְזֶער הָאן,
גָאטס שְׁטְרָאף און פִיל פּוּרְעָנוּת קְרֵעהט עֶר זֵיי אָן.
מִיט דֶעם זִיבְּטֶען קְרֵיי,
גִיט עֶר אַ גֶעשְׁרֵיי:
„צוּטָאן אַ מִשְׁפָּט אִיז דָא צוּ גָאט אַ צַייט,
פַארְשְׁטֶערְט הָאבֶּען זֵיי דַיין תּוֹרָה אָט דִי לַייט“. (קכג)

יוֹנָה, דִי טוֹיב אִיז אַ מְפוּרְסֶמֶת, יֶעדֶען בֶּעקַאנְט,
זִי גֶעפִינְט זִיךְ אוּמֶטוּם אִין אִיטְלִיכֶען קַאנְט.
דִי מַעֲלוֹת אִיהרֶע ווייסְט יֶעדֶער בֶּעזוּנְדֶער,
זִי אִיז מָלֵא חֵן און וָוארְקֶעט גָאר ווּאוּנְדֶער.
אִיהר וָוארְקֶען, דַאכְט זִיךְ, אִיז גָאר פָּשׁוּט אוֹיךְ שְׁטִיל,
אִין דֶעם לִיגְט אָבֶּער גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט און גֶעפִיהל.
דָאס זִינְגְט זִי אִיהר גֶעלִיבְּטֶען שֵׁיינֶע לִידֶער,
וָואס צוּגֶעהֶען זִיךְ אִיהם אִין אַלֶע גְלִידֶער,
זִי לִיבְּט זֶעהר שְׁטַארְק, אִיז דֶעם גֶעלִיבְּטֶען גֶעטְרֵיי, (קכד)
אִין לִיבְּשַׁאפְט וִויל מֶען גֶענִיסֶען, לֶעבֶּען פְרֵיי,
וָואס גָאט גִיט אַבִּי מִיט דֶעם פְרַיינְד אִינְאֵיינֶעם,
און נִישְׁט בֶּעדַארְפֶען אָנְקוּמֶען צוּ קֵיינֶעם.

הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם יִהְיוּ מְזוֹנוֹתַי מְרוֹרִים כְּזַיִת בְּיָדְךָ וְאַל יִהְיוּ מְתוּקִים כִּדְבַשׁ עַל יְדֵי בָּשָׂר וָדָם:

דְּרִיבֶּער אִיז אִיהר נִיט לִיבּ צוּזִיטְצֶען כְּסֵדֶר,
וִוי דִי הִינֶער פַאַרְשְׁפַּארְט אִין מֶענְשֶׁענְס חֵדֶר. (קכה)
זִי מֶעג דָארְט הָאבֶּען בְּרוֹיט מִיט דֶעם פוּלֶען מויל,
פֶּע אַזַא בְּרוֹיט, וָואס מַאכְט אַפְּהֶענְגִיג אִי פויל.
זִי בֶּעדַארְף עָטְמֶען פְרַיי, שֶׁעפֶּען פְרִישֶׁע לוּפְט,
קוּם אַרוֹיס, מַיין גֶעלִיבְּטֶער, זָאגְט זִי אוּן רוּפְט.
קוּם, מַיין גֶעלִיבְּטֶער, אַרוֹיס אויף דִי פֶעלְדֶער,
אִין דֶערְפֶער לָאמִיר פְלִיהֶען אוּן אִין וָועלְדֶער.
אִין דִי וַויינְגֶערְטְנֶער אַהִין קוּם אִין דֶער פְרִיה,
זָעהְן וִוי דֶער וַויינְשְׁטָאק בְּלִיהט לָאמִיר טָאן אַ פְלִיה,
דָארְט, נְשָׁמָה, וֶועל אִיךְ דִיר מַיין לִיבְּשַׁאפְט גֶעבֶּען,
מִיר וֶועלֶען וָוארְקֶען, זִיךְ קוּשֶׁען אוּן לֶעבֶּען. (קכו)
פִיל בֶּעסֶער אִיז דָארְטֶען דִי פְרוּכְט פוּן דֶערְנֶער,
וִוי צוּזִיטְצֶען פַארְשְׁפַּארְט אוּן פִּיקֶען קֶערְנֶער.
דִי טוֹיבּ גִיט דִי רֵייד אִין אִיהר שִׁירָה אִיבֶּער,
זִי וָוארְקֶעט דָא אַזוֹי אִיהר שִׁירָה דְּרִיבֶּער:
וִוי אַ פֶערְד הִירְזֶעט אִיז גְלַייךְ דָאס פִּישְׁצֶען מַיינְס, (קכז)
אִיךְ בְּרוּם וִוי אַ טוֹיבּ מִיט אַ קוֹל נִיט קַיין פַיינְס.
נָאר מַיינֶע אוֹיגֶען הֵייבּ אִיךְ צוּם הִימֶעל אויף,
אוּן מַיין גֶעלִיבְּטֶער קוּקְט כְּלַל נִישְׁט דַארוֹיף.
גָאט כֶּערוּיבְּט מִיךְ אֱמֶת, מַיין קוֹל אִיז נִיט שֵׁיין,
דֶערְפַאר מַאכְט עֶר עֶס זִיס, גֶעשְׁמַאק, מָלֵא חֵן.

תָּסִיל (נ״א חָסִיל) אוֹמֵר. יְיָ אֱלֹהַי אַתָּה אֲרוֹמִמְךָ אוֹדֶה שִׁמְךָ כִּי עָשִׂיתָ פֶּלֶא עֵצוֹת מֵרָחוֹק אֱמוּנָה אֹמֶן:

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, זָאגְט דִי טוֹיבּ וַוייטֶער:
בֶּעסֶער לָאז מַיינֶע שְׁפַּייז זַיין בִּיטֶערֶע קְרַייטֶער,
אַבִּי מִיט דַיין הַאנְד, אוֹיבֶּערְשְׁטֶער, זַיי מִיךְ מְזַכֶּה,
אֵיידֶער זִיסֶע וִוי הָאנִיג און גֶעשְׁמַאקֶע,
נָאר דוּרְךְ אַ מֶענְשֶׁען, וָואס עֶר אִיז פְלֵייש און בְּלוּט,
דִי גָאבּ פוּן אַ בָּשָׂר וָדָם אִיז נִישְׁט גוּט.

תָּסִיל. פוּן נֹחַ'ן אָן בִּיז שְׁפֶּעטֶער אִין אוּנְזֶער צַייט,
אִיז דִי טוֹיבּ אוּמְטוּם אַ שָׁלִיחַ בַּיי לַייט. קכח)
זִי טְרָאגְט גִיךְ וִוי אַ בְּלִיץ אִין וַוייטֶע עֶרְטֶער,
שָׁלוֹם־לַאֲהוּבִי־בְּרִיף, עֵצוֹת און וֶוערְטֶער.
זִי הֵייבְּט דֶערְמִיט זִיךְ אוֹיף הוֹיךְ אִין הִימֶעל דָארְט,
פְלִיהט גֶעשְׁווִינְד בִּיז זִי קוּמְט צוּם בֶּעשְׁטִימְטֶען אָרְט,
און גִיט אִיבֶּער דִי דֶעפֶּעשֶׁען גַאנְץ גֶעטְרַייא,
אִי אָהְן אַ גְרָאשֶׁען פָּאסְט־פָּארְטֶע פְרַאנְק און פְרַיי.
דֶער תָּסִיל אֵיינֶער פוּן דִי מִינֵי טוֹיבֶּען, קכט)
עֶר אִיז דָאס דֶער בְּרִיפְטְרֶעגֶער וִוי מִיר גְלוֹיבֶּען,
דִי שִׁירָה זַיינֶע אִיז צוּהֶערֶען אַ פְרֵייד,
אַזוֹי זָאגְט דֶער תָּסִיל, דָאס אִיז זַיינֶע רֵייד:
„גָאט מַיין הַאר, דֶערְהֵייבֶּען וִויל אִיךְ דִיךְ מִיט אַ שִׁיר,
לוֹיבֶּען דַיין נָאמֶען, וָואס דוּ טְהוּסְט וואוּנְדֶער מִיט מִיר,
דִי עֵצוֹת און יְדִיעוֹת וָואס פוּן דֶערְוַוייטֶען,
קוּמֶען פִּינְקְטְלִיךְ אָן זִיכֶער אִי בֶּעצַייטֶען״.

רַצִיפִי (נ״א אוּנְכִי) אוֹמֵר. נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי יֹאמַר אֱלֹהֵיכֶם:

אַנְז הַבַּיִת אוֹמֶרֶת. הוֹדוּ לַיְיָ קִרְאוּ בִשְׁמוֹ הוֹדִיעוּ בָעַמִּים

רַצִיפִי. „מַיין גֶעלִיבְּטֶער רוּפְט זִיךְ אָן אוּן זָאגְט צוּ מִיר״
אַזוֹי שְׁטֵעהט דָארְטֶען אִין דֶעם בֶּערִיהמְטֶען שִׁיר.
„שְׁטֵעה־אוֹיף, מַיין טְהַייעֶרֶע, אוּן גֵעה פְרַיי אַרוֹיס,
דֶער ווִינְטֶער אִיז אַוֶועק, דֶער רֶעגֶען שׁוֹין אוֹיס.
בְּלוּמֶען שְׁפְּרָאצֶען, פוּן זִינְגֶען אִיז אִיצְט דִי צַייט,
פוּן דֶער טִירְקֶעלְטוֹיב דָאס קוֹיל הֶערְט זִיךְ דָא ווַייט. קל)
זִי קוּמְט פוּן דֶער פְרֶעמְדֶער צוּרִיק נָאךְ תְּחִלַּת מַאי,
אוּן זָאגְט דִיר: גֵעה אוֹיךְ פוּן גָלוּת אַרוֹיס פְרַיי״.
דָאס קוֹל פוּן דֶער טִירְקֶעלְטוֹיב, שְׁטֵעהט אִין אֵיין אָרְט,
דָאס אִיז פוּנִים מָשִׁיחַ דָאס קוֹל, דָאס וָוארְט. קלא)
דִי רַצִיפִי, פוּן דֶער טִירְקֶעלְטוֹיב אַ מִין, קלב)
זָאגְט שִׁירָה אוּן לֵייגְט אַרַיין חָכְמָה דַארִין.
זִי זָאגְט דָאס, וָואס אִיהר גֶעהֶער, וָואס זִי ווַייסְט,
„מַיין פָאלְק, אַזוֹי זָאגְט אֵייעֶר גָאט, טְרֵייסְט, טְרֵייסְט״.

אַנְז הַבַּיִת. דִי גַאנְז הָאט אַ פִּיסְק אוֹיף שְׁרוֹיפֶען, שְׁרַייעֶט שְׁטַארְק.
שְׁרַייעֶט אַזוֹי ווִי דִי ווַייבֶּער אוֹיפֶ'ן מַארְק.
מִיט אִיהר גֶעשְׁרֵיי הָאט זִי רוֹים מַצִיל גֶעוֶועזֶען.
דִי מַעֲשֶׂה דֶערְפוּן אִיז אָט אַזוֹי גֶעשֶׁעהֶן:
בְּשַׁעַת אִין דִי הֶענְד פוּן דֶער אוּמָה גַאלֶען,
אִיז דִי שְׁטָאדְט רוֹים אַ מָאל אַרַיינְגֶעפַאלֶען,

עֲלִילֹתָיו: שִׁירוּ לוֹ זַמְּרוּ לוֹ שִׂיחוּ בְּכָל נִפְלְאוֹתָיו:

הָאבֶּען דִי רוֹימֶער זִיךְ פַארְשְׁלָאסֶען דֶענְסְמָאל,
אִין זֵייעֶר בֶּערִיהמְטֶען טְהוֹרֶעם קַאפִּיטָאל.
אֵיינֶער פוּנֶ'ם שׂוֹנֵא אִיז אֵיינְמָאל בַּיי נַאכְט
אַרוֹיף אוֹיפֶ'ן טְהוֹרְם, וָואס נִיט גֶעוֶוען בֶּעוַואכְט.
אַלֶע הָאבֶּען דָארְט גֶעשְׁלָאפֶען רוּהִיג־שְׁטִיל,
קַיין הוּנְד אֲפִילוּ הָאט נִישְׁט גֶעטָאן אַ בִּיל.
דִי גֶענְז אָבֶּער וָואס דָארְט הָאבֶּען דֶערְהֶערְט בַּאלְד,
אוּן אָנְגֶעהֵייבֶּען צוּשְׁרַייעֶן שְׁרֶעקְלִיךְ גְוַואלְד.
אוֹיפְגֶעחַאפְּט הָאבֶּען דִי רוֹימֶער זִיךְ גֶעשְׁוִוינְד,
זִיךְ גֶעלָאזְט אוֹיפֶ'ן פַיינְד גִיכֶער פוּנֶ'ם ווִינְד.
דִי אַלֶע פַיינְד שְׁטַארְק גֶעשְׁלָאגֶען, פַארְטְרִיבֶּען,
אוּן דִי גֶענְז דֶערְפַאר אִין פִּינְקָס פַארְשְׁרִיבֶּען.
בִּכְדֵי אִין דוֹר דוֹרוֹת לָאזֶען וִויסֶען לַייט,
וָואס דָאס שְׁרַייעֶן פוּן דִי גֶענְזְלִיךְ בֶּעטַייט. קלג)
דְרִיבֶּער אַז אֵיינֶער זֶעהט אַ גַאנְז אִין חָלוֹם,
זָאגֶען דִי חֲכָמִים עֲלֵיהֶם הַשָּׁלוֹם,
לָאז עֶר הָאפֶען חָכְמָה צוּבֶּעקוּמֶען גָאר;
דֶען עֶס שְׁטֵעהט, דְרִינֶגֶען זֵיי פוּן פָּסוּק אוֹיס קְלָאר,
דִי חָכְמוֹת שְׁרַייעֶן אוֹיף דֶער גַאס פַארְשְׁכֶענְדִיג, קלד)
אוּן שְׁרַייעֶן שְׁרַייט דָאךְ דִי גַאנְז אוֹיךְ בֶּעשְׁטֶענְדִיג.
אִם־כֵּן אַז דִי גַאנְז שְׁרַייעֶט אוֹיף אַ קוֹל הוֹיךְ,
אוּן דֶערְצוּ בֶּעוַוייזְט זִי נָאךְ אוֹיף חָכְמָה אוֹיךְ, קלה)
גֶעהֶער דָאךְ אִיהר טַאקִי נָאךְ אַזַא חֲקִירָה
אוֹיסצוּשְׁרַייעֶן אוּן צוּזָאגֶען דִי שִׁירָה:

אַוְז הַבָּר הַמְשׁוֹטֶטֶת בַּמִּדְבָּר כְּשֶׁרוֹאָה אֶת יִשְׂרָאֵל עוֹסְקִין בַּתּוֹרָה אוֹמֶרֶת . קוֹל קוֹרֵא

„לויבּט צו גָאט, שְׁרַייעט אוים זַיין נָאמֶען און רוהם,
דֶערְצֵיעהלְט זַיינֶע מַעֲשִׂים די פֶעלְקֶער אוּמְכּוּם.
זִינְגְט און שְׁפִּילְט צו אִיהם אִיטְלִיכֶער בֶּעזוּנְדֶער,
שְׁרַייעט און דֶערְצֵיעהלְט אַלֶע זַיינֶע וואוּנְדֶער".

אַוְז הַבָּר. אַ מַעֲשֶׂה דֶערְצֵיעהלְט רַבָּה בַּר בַּר חָנָה,
וָואס אִין אִיהר לִיגְט זֶעהר אַ טִיפֶע כַּוָּנָה:
אִין דֶער מִדְבָּר זֶענֶען מִיר אַ מָאל גֶעוֶועזֶן,
און אויף דֶער רַייזֶע דָארְט יֶענֶע גֶענְז גֶעזֶעהן,
וָואס זֶענֶען מִיט שְׁמַאלְץ גֶעוֶוען אָפְּגֶעגָאסֶען,
און אונְטֶער זֵיי אִיז טַייכֶען שְׁמַאלְץ גֶעפְלָאסֶען.
פַאר פֶעטְקַייט פַאלֶען די פֶעדֶערֶען אַרוּים,
זֵיי הַאלְטֶען דָאס נֶעבִּיךְ קוים מִיט צָרוֹת אוּים:
די שוּלְד לֵייגְט מֶען אויף די יִשְׂרָאֵל אַרוֹיף,
זֵיי הַאלְטֶען מִיט זֵייעֶרֶע זִינְד מָשִׁיחַ'ן אוֹיף,
ער קֶען נִישְׁט קוּמֶען און מַאכֶען די סְעוּדָה,
מְכַבֵּד זַיין מִיט אַ גֶעבְּרָאטֶענֶם גַאנְץ יְהוּדָה,
דֶערְוַוייל לַיידֶען די גֶענְז, זֵיי אִיז וֶועה און וִוינְד,
זֵיי לֶעבֶּען און לַיידֶען פַאר יִשְׂרָאֵלִ'ים זִינְד. (קלו
די ווִילְדֶע גַאנְז וָואס פְלִיהט אִין מִדְבָּר אַרוּם,
ווֶען י' זֶעהט די יִשְׂרָאֵל לֶערְנֶען אוּמְטוּם,

במדבר פנו דרך יי ישרו בערבה מסלה לאלהינו:
ועל מציאות מזונותיה במדבר אומרת. ארור ה״ר

זאגט זי שירה מיט א גרויס שמחה און פרייד,
רופט משיח זאל שוין קומען מיט די רייד:
„א קול רופט אין דער מדבר, ראמט דעם הארם וועג,
גלייך מאכט אין דער וויסטע אונזער גאט א שטעג״.
און מכח איהר שפייז אין דער מדבר דארט,
זאגט די ווילדע גאנז באמת א גלייך ווארט:
איהר קרובה, די שטוב-גאנז, ווייזט זי, איז א נאר,
דערמיט וואס זי מאכט דעם מענשען פאר איהר הג״ר.
אז אך און וועה דיר, מיין טהייערע קרובה,
וואס דו קוקסט ארויס אויפ׳ן מענשענס טובה:
ער גיט דיר אמת טאקי עסען האבער,
גאר דיין הייטעל, נאר, מיינט ער דערמיט אבער:
ער האדעוועט דיך פון ארבעל מיט זיין ברויט,
כדי צו נעהמען פון דיר ירושה נאכ׳ן טויט:
ער מיינט גאר דיין פלייש, דיינע גריווען, דיין שמאלץ,
פון זיינטוועגען, נארעלע, טהוט ער עס אלץ.
אומזיסט וויל קיינעם דער מענש קיין טובה טאן,
אי זיין אייגענער ברודער געהט איהם נישט אן.
לעק דיר דארט ביי מענשען די טעלער, די טעפ,
און איך וויל מיך בעסער לעבען דא אין סטעפ.
נאט שפייזט מיך מיט חסד ווי ער שפייזט די ראב,
אמת גוט טאקי איז נאר פון גאט די גאב.

אֲשֶׁר יִבְטַח בָּאָדָם: בָּרוּךְ הַגֶּבֶר אֲשֶׁר יִבְטַח בַּיְיָ וְהָיָה יְיָ מִבְטַחוֹ:

„פַארְפְלוּכְט אִיז דֶער וָואס הָאפְט אוֹיף אַ מֶענְשֶׁען,
דֶער וָואס צוּ גָאט הָאפְט, אִיהם מֶעג מֶען בֶּענְשֶׁען.“

פרק ששי

שְׁרָצִים אוֹמְרִים. יְהִי כְבוֹד יְיָ לְעוֹלָם יִשְׂמַח יְיָ בְּמַעֲשָׂיו:

שְׁרָצִים. דִי שְׁרָצִים לִיגֶען בַּאהַאלְטֶען אוּן בֶּעגְרָאבֶּען,
קֵיינֶער ווִיל מִיט זֵיי קֵיין מַגָע-מַשָּׂא הָאבֶּען.
זֶענֶען אִין דֶער מִשְׁפָּחָה בֶּעשֶׁעפְּנִישׁ אַ פְּלֶעק,
מֶען ווַייכְט זֵיי ווִי אַיין עִפּוּשׁ, שְׁפַּייעט אוֹיף זֵיי קְלֶעק;
נָאר לָאז מֶען אָבֶּער קוּקֶען אִין תּוֹךְ אַרַיין,
אִיז בְּשׁוּם אוֹפֶן נִישְׁט רֶעכְט זֵיי מְבַזֶה צוּ זַיין.
גָאט הָאט דָאךְ אוֹיךְ זֵיי בֶּעשַׁאפֶען מִיט זַיין הַאנְד,
אִי אִין זֵיי זֶעהט מֶען גָאטס כָּבוֹד אוּן פַארְשְׁטַאנְד,
עֶר הָאט זֵיי גֶעמַאכְט אַזוֹי ווִי אִיהם גֶעפֶעלט,
גְלַייךְ מִיט דִי אַלֶע בֶּעשֶׁעפְּנִישׁ אוֹיף דֶער ווַעלְט,
גָאט פְרֵייעט זִיךְ, הָאט הֲנָאָה אוֹיךְ פוּן זֵיי
ווִי פוּן דִי אִיבְּרִיגֶע בְּרוּאִים אַלֶערְלֵיי.
דַארִיבֶּער צוּשְׁפַּייעֶן אוֹיף זֵיי מְהוּט מֶען שְׁלֶעכְט,
אַלְסדִינְג ווָאס גָאט הָאט גֶעמַאכְט אִיז גוּט אִי רֶעכְט. קדו)
דִי דָאזִיגֶע רֵייד, דִי אֵייגֶענֶע חֲקִירָה
זָאגֶען דָא דִי שְׁרָצִים אַט אִין דֶער שִׁירָה:
„לָאז גָאטס כָּבוֹד אֵייבִּיג זַיין אִין דֶער ווֶעלְט,
גָאט פְרֵייעט זִיךְ מִיט זַיינֶע ווֶערְק אוּן קְווָעלְט:

אֱלִים שֶׁבַּשְּׁרָצִים אוֹמְרִים. אֶשְׁתְּךָ כְּגֶפֶן פֹּרִיָּה בְּיַרְכְּתֵי בֵיתֶךָ בָּנֶיךָ כִּשְׁתִלֵי זֵיתִים סָבִיב לְשֻׁלְחָנֶךָ:

אֵלִים שֶׁבַּשְּׁרָצִים. אַלֶע שְׁרָצִים הָאבֶּען פִיל קִינְדֶער
אַ שְׁרֶעק (קלח)

דִי קְלֵיינֶע לֵייגֶען אֵייעֶר אוּן מִיט אֵיין עֶק,
וָואס פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער וֶועט דֶערְנָאךְ זַיין,
דָאס קוּמְט זֵיי אִין דֶער מַחֲשָׁבָה נִיט אַרַיין.
אַבִּיזֵיי לֵייגֶען אֵייעֶר אוּן זֵייעֶרְם גֶעטָאן,
אוּן וַוייטֶער גֶעהֶער זִיךְ מִיט זֵיי גָארְנִישְׁט אָן.
צוּ זַיין דִי קִינְדֶער אַ מוּטֶער, אַ פָאטֶער,
דֶערְפוּן זֶענֶען זֵיי בִּכְלַל אַלֶע פָּטוּר.
דִי מִינִים, וָואס זֶענֶען שְׁטַארְקֶער אִי גְרֶעסֶער,
זֶענֶען שׁוֹין אִין דֶער זַאךְ אַבִּיסֶעל בֶּעסֶער.
אַ טְהֵייל זֶענֶען עָלְטֶערֶען זֶעהר גֶעטְרַייעֶ,
אוּן מִיט זֵייעֶר הוֹיזֶגֶעזִינְד זִיךְ גָאר מְחַיֶה.
מַאכֶען זִיךְ אַ הַייזֶעל עֶרְגִיץ אִין אֵיין אָרְט,
דָאס וַוייב פְלָאדֶעט אַ זֶעטְצֶעל קִינְדֶער אָן דָארְט,
גִיבֶּען זִיךְ בֶּעשְׁטֶענְדִיג מִיט דֶעם קְלֵיינְוַוארְג אָפּ,
בִּיז זֵיי גֵעהֶען אוֹיף אֵייגֶענֶע קֶעסְט אַרָאפּ.
אָט נֶעהמְט, אַ שְׁטֵייגֶער, לְמָשָׁל דֶעם גְרוֹיסֶען שְׁטְשֶׁער, (קלט)
דֶעם טְחוֹר אִי דֶעם מַארְדֶער וּכְדוֹמֶה נָאךְ מֶעהר,
זֵיי זֶענֶען בֶּעפַאלֶען מִיט קִינְדֶער אַ סַךְ,
אוּן הַאלְטֶען אַלֶע אוֹים מִיט אִיטְלִיכֶער זַאךְ

צְפַרְדֵּעַ אוֹמֶרֶת. בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד.

דִי שְׁרָצִים, טַאטֶעס פוּן אַ וֶועטְצֶעל קִינְדֶער,
זַיי זָאגֶען דְרִיבֶּער דִי שִׁירָה גָאר ווּינְדֶער:
ווּי אַ וַויינְשְׁטָאק, וָואס גִיט פִּיל טְרוֹיבֶּען אַרוֹיס,
זֶעהט אִין דִי ווּינְקֶעלֶען פוּנ׳ם שְׁטוּבּ דַיין וַוייבּ אוֹיס.
ווּי צְוַויינְגְלִיךְ פוּנ׳ם אֵיילְבֶּערְטְבּוֹים, גְרִין אִי פְּרִישׁ,
זִיצֶען דַיינֶע קִינְדֶערְלִיךְ אַרוּם דַיין טִישׁ.

צְפַרְדֵּעַ. בְּשַׁעַת יַעֲקֹב, אַזוֹי שְׁטֵעהֶעט גֶעשְׁרִיבֶּען,
הָאט פַאר׳ן טוֹיט זַיינֶע קִינְדֶער פַארְקְלִיבֶּען.
אוּן הָאט גֶעוָואלְט זֵיי דֶעם קֵץ מְגַלֶה זַיין קְלָאר,
הָאט דִי שְׁכִינָה פוּן אִיהם זִיךְ אָפְּגֶעטָאן גָאר.
דָאס הָאט אִיהם גֶעעֶרְגֶערְט, שְׁרֶעקְלִיךְ גֶעקְרֵיינְקְט,
אֶפְשֶׁר אִיז פַארְהַאן אַ פְּסוּל, הָאט עֶר גֶעדֵיינְקְט,
צְווִישֶׁען דִי קִינְדֶער מַיינֶע וָואס זֶענֶען דָא,
דִי אֱמוּנָה אִין גָאט אִיז בַּיי זֵיי נִיטָא.
דִי קִינְדֶער הָאבֶּען בַּאלְד אַלֶע מִיט אַ מָאל
שְׁמַע יִשְׂרָאֵל גֶעשְׁרִיגֶען הוֹיךְ אוֹיף אַ קוֹל:
מִיר הָאבֶּען ווִי דוּ אֵיין גָאט אִין אוּנְזֶער הַאֶרֶץ,
הָאבּ, טְהַייעֶרֶער פָּאטֶער, נִישְׁט קַיין זָארְג, קַיין שְׁמַארְץ.
„בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ״ מִיט גְרוֹיס גֶעפִּיהל,
עֶנְטְפֶערְט דַארוֹיף יַעֲקֹב אוּן בְּלַייבְּט רוּהִיג שְׁטִיל.
צוּקְלֶערֶען הֵייבֶּען דָארְט דִי חֲכָמִים אָן,
וָואס זָאלֶען מִיר מִיט דֶעם „בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד״ טָאן.
זָאלֶען מִיר עֶס זָאגֶען, קוּמְט עֶפִּיס נִישְׁט אוֹיס,
מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאגְט עֶס דָאךְ נִישְׁט אַרוֹיס.

לָאז מֶען זְשֶע עֶס נִיט זָאגֶען, חָלִילָה וְחַס,
יַעֲקֹב הָאט עֶס דָאךְ גֶעזָאגט, עֶפִּים אַ שְׁפַּאס.
אִיז מֶען גֶעפַאלֶען אוֹיף אַזאַ עֵצָה, בְּכֵן
מֶען זָאל עֶס אַפְּזָאגֶען שְׁטִיל צְווִישֶען דִי צֵיין. קמ)
הֵייסְט דָאךְ, בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד זָאגְט מֶען יָא אִי נִיט,
אוּן מֶען אִיז יוֹצֵא לְכָל הַדֵעוֹת דֶערְמִיט.
צְווִישֶען בְּרָכוֹת אִיז דִי בְּרָכָה אַזאַ מִין,
וָואס זִי אִיז עֶפִּים אִי אַהֶער אִי אַהִין.
עֶפִּים אִיז זִי וִוי יֶענֶע בֶּעשֶׁעפְנִישׁ גְלַייךְ,
וָואס לֶעבֶען אוֹיף דֶער יַבָּשָׁה אִי אִין טַייךְ. קמא)
זֵיי גֶעפִינֶען זִיךְ עֶפִּים אִי דָא אִי דָארְט,
אוּן זֶענֶען קֵיינְמָאל נִיט שְׁטֶענְדִיג אִין אֵיין אָרְט.
אָט פַאר דִי מִינֵי בֶּעשֶׁעפְנִישׁ אַלֶערְלֵיי,
וָואס נִיט קַיין פְלֵייש אִי נִיט קַיין פִישׁ זֶענֶען זֵיי,
פַאר זֵיי אַלֶע שְׁפְּרִינְגְט אַרוֹיס בְּרֹאשׁ,
דִי צְפַרְדֵעַ אָדֶער דֶער פְּרָאשׁ, קמב)
אוּן שְׁטֶעלְט אוּנְז דִי גַאנְצֶע טֶבַע זַיינֶע פִיר,
אִין דֶעם בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד, וָואס דָאס אִיז זַיין שִׁיר. קמג)
אִין מִיר, עוֹלָם, אַ בֶּעשֶׁעפְנִישׁ הָאט אִיהר אַייךְ,
וָואס לֶעבְּט אִי אוֹיף דֶער יַבָּשָׁה אִי אִין טַייךְ,
פַארְשְׁטֵעהט, עוֹלָם, מַיין שִׁיר, וָואס אִיךְ פְּרָאשׁ קְוַואקֶע,
בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ אִיז עֶר טַאקֶע.
גֶעלוֹיבְּט אִיז גָאטס נָאמֶען אוּן זַיין קִינִיגְרַייךְ,
אֵייבִּיג אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן וַואסֶער צוּגְלַייךְ. קמד)
אַ חוּץ דֶעם בֶּעדַארְף מֶען וִויסֶען, אַז זַיין שִׁיר
זָאגְט דֶער פְּרָאשׁ וִוי קְרִיאַת-שְׁמַע לֵייעֶנֶען מִיר.

נחש אומר. סומך יי לכל הנופלים וזוקף לכל הכפופים:

ברעקעקע, זאגט פריהער איין פראש שארף ארויס,
און דער גאנצער עולם פרעש הערט עם שטיל אויס.
און ווי דער חזן לאזט די ברכה אויס באלד,
ווערד דארט אין דעם עולם א געשריי, א גוואלד.
שרייען ברעקעקע און ווערען נתפעל
אקוראט ווי ביים שרייען שמע ישראל:
קרקר, קוואר, ענטפערען שטילערהייט אויך פיל,
ווי ברוך שם כבוד מלכותו מען זאגט שטיל. (קמה)
ביי פיל חכמים ווערד דער פראש פירגעשטעלט,
פאר א גרויסען בעל מתפלל עק וועלט,
ער דאווענט כסדר די גאנצע נאכט אוועק,
זאגט ברוך שם כבוד מלכותו אהן איין עק. (קמו)
נחש. איטליכער פון אונז מענשען קען די שלאנג,
וואס קריכט ארום אויפ׳ן בויך און איז לאנג.
נאט נעהמט ביי איהר איינגאנצען די פיס אוועק,
די קריכט און בייגט זיך קריכענדיג גאר א שרעק.
נאר ריכטיג איז גאטס ווערק, זיין פיהרונג געשעכט,
צו זיינע בעשעפעניש איז ער ניט שלעכט.
ווען די שלאנג איז געפאלען אין איהר לעבען,
דאך קען זי איין עצה נאך פארט זיך געבען.
איז ביכולת אויפצוהייבען דעם קאפ הויך,
און אויפצושטעלען א טהייל פונ׳ם גוף אויך. (קמז)
א טהייל שלייננ קענען גאנץ הויך זיך אויסשטרעקען,
און אויף זייער עק שטעהען ווי א שטעקען. (קמח)

עקרב אומר. טוב יי לכל ורחמיו על כל מעשיו:

די שלאנג לויבט דא גאט פאר זיין חסד צו איהר,
און זי זאגט דאריבער דעם דאזיגען שיר.
גאט לעהענט אלע געפאלענע אונטער,
שטעלט אויף די געביגענע וואס דארונטער.
עקרב. דער מענש קוקט אויף די בעשעפעניש אלע,
כפי דעם נוטץ און דעם שאד וואס ער האט פון זיי.
פיל ברואים זענען איהם גרויס אין די אויגען,
און ער פרעגט, צו וואס פארט אזעלכע טויגען.
קומט דאך א פנים אויס, די וועלט איז נישט גוט,
און דער מייסטער איהרער ווייסט נישט וואס ער טהוט.
פיל האבען געמעגט נישט ווערען געבוירען,
און די וועלט וואלט דורכדעם גארנישט פארלוירען.
און ווען זיי, מענשליך, זאלען האבען די מאכט
וואלטען זיי די גאנצע וועלט איבערגעמאכט.
אזוי מיינען אבער טאקי נארנים,
יענע פארשוינען, די ווילדע חקרנים.
אונזערע חכמים זאגען פארקערט גאר,
אז אלעדינג דא אין דער וועלט ביז אויף א האר.
איז בעשאפען געווארען מיט גרויס פארשטאנד.
אומזיסט מאכט אי איין בעשעפעניש ניט גאטס האנד.
איין תירוץ איז אויף שאלות וואס לייט פרעגען,
אז גאט בעשאפט אלעדינג פון זיינטוועגען:
ס'איז טאקי אויך דא א נוטצען אין אלעדינג,
קיין זאך איז נישט אוועקצומאכען גלאט גרינג.

שַׁבְּלוּל אוֹמֵר. כְּמוֹ שַׁבְּלוּל תֶּמֶס יַהֲלֹךְ נֵפֶל אֵשֶׁת בַּל חָזוּ שָׁמֶשׁ:

שְׁמָמִית אוֹמֶרֶת. הַלְלוּהוּ בְּצִלְצְלֵי שָׁמַע הַלְלוּהוּ בְּצִלְצְלֵי תְרוּעָה:

דֶער עַקְרָב אָדֶער דֶער סְקָארְפְּיָאן, אַזאַ מִין,
וָואס אִיז שְׁרֶעקְלִיךְ גִּיפְטִיג, זֶעהט אוֹיס וִוי אַ שְׁפִּין,
אֲפִילוּ אִי עֶר אִיז אוֹיךְ נִיטְצְלִיךְ, כְּ׳לֶעבֶּען,
אוּן דֶער חֶסֶד גָאטס דֶערְהַאלְט אִיהם בַּיים לֶעבֶּען.
אַזוֹי אִיז טַאקִי דִי אֱמֶתֶע חֲקִירָה,
דֶער סְקָארְפְּיָאן זָאגְט דַארִיבֶּער אָט דִי שִׁירָה:
„גָאט אִיז גְנֶעדִיג צוּ אִיטְלִיכֶען בֶּעזוּנְדֶער,
אוּן דֶערְבַּארְמְט זִיךְ אוֹיף זַיינֶע וֶוערק גָאר ווּאוּנְדֶער".
שַׁבְּלוּל. דִי שְׁנֶעק אִיז אַ מִין וֶוערְמִיל וָואס וֵוייךְ אִי קְלֵיין,
אִין אִיהר שִׁירָה שִׁילְדֶערט זִי זִיךְ אַפּ אַלֵיין:
„וִוי אַ שְׁנֶעק וָואס לָאזְט פוּן זִיךְ פַּייכְטְקַייט אַרוֹיס,
קְרִיכֶענְדִיג וֶוערְד זִי צוּרוּנֶען אוּן גֶעהט אוֹיס". קן)
שְׁמָמִית. אִין דֶעם וִוינְקֶעל פוּן אַייעֶר הוֹיז, קוּקְט אַהִין,
אַ רָאד וֶועבְּט דָארְטֶען ווּאוּנְדֶער־שֵׁיין אוֹיס דִי שְׁפִּין,
זִי אַלֵיין זִיצְט דָארְט אַקוּרַאט אִין דֶערְמִיט,
אָדֶער לוֹיעֶרְט הִינְטֶען אוּן מֶען זֶעהט זִי נִיט.
אוּן צוּ אִיהר פַּארְבָּארְגֶנִישׁ פוּן דֶער פּוֹיטִינֶע,
צִיהֶען זִיךְ פֶּעדֶעמְלִיךְ לַאנְגֶע אוּן דִינֶע.
פַּארְפּוּטֶעט זִיךְ נָאר אַ פְלִיג אִין דֶער נֶעטְץ דָארְט,
שׁוּיקְלֶען זִיךְ דִי פֶּעדֶעמְלִיךְ בִּיז צוּ אִיהר אָרְט:

זְבוּב בְּשָׁעָה שֶׁאֵין יִשְׂרָאֵל עוֹסְקִין בַּתּוֹרָה אוֹמֵר: קוֹל אֹמֵר קְרָא וְאָמַר מָה אֶקְרָא כָּל

תֵּיכֶף מַאכִי שְׁפְּרִינְגְט זִי אַרוּים פוּן אִיהר רוּה,
אוּן לוֹיפְט צוּ אִיהר רוֹיב אִין דֶעם נֶעק גֶעשְׁווִינְד צוּ,
דִי פְלִיג זוּוְשֶׁעט, צַאפֶּעלְט זִיךְ הִין אִי צוּרִיק,
אוּן דִי שְׁפִּין הָאט הֲנָאָה פוּן דֶער מוּזִיק.
מוּזִיק אִיז דָאךְ בֶּאֱמֶת דֶער שְׁפִּינְס חַיּוּת, (קנא
הַיינְט וָואס עֶרְט זִי, אַז דִי פְלִיג מַאכְט הַעֲוָיוֹת,
צַאפֶּעלְט זִיךְ, מַאנְצְט אוּן הַייבְּט אוּנְטֶער אַ פִיסֶעל,
זוּוְשֶׁעט, זִינְגְט אוּן צִימְבֶּעלְט אוֹיךְ צוּ אַבִּיסֶעל.
דִי שְׁפִּין, וָואס בֶּעקוּמְט אִיהר שְׁפַּייז מִיט קַאפֶּעלֶע,
זָאגְט שִׁירָה אוּן לוֹיבְּט גָאט בַּאלְד אוֹיף דֶער שְׁטֶעלֶע:
„הַלְלוּיָהּ, לוֹיבְּט אִיהם מִיט אַ צִימְבֶּעלְגֶעזַאנְג,
הַלְלוּיָהּ, לוֹיבְּט אִיהם מִיט אַ צִימְבֶּעלְגֶעקְלַאנְג״.

זְבוּב. דִי פְלִיג אִיז אַ גוּטֶע זְלִידְנֶע, אַ פְּגַע.
זִי לָאזְט אוּנז זוּמֶער נִיט צוּרוּה קַיין רֶגַע:
לָאז מֶען אַנִידֶערְשְׁטֶעלֶען עֶפִּים אַ שְׁפַּייז,
תֵּיכֶף וּמִיַּד גִיט זִיךְ דִי פְלִיג אַ וַויז.
שְׁטֶעקְט אַרַיין דָאס נֶעזִיל צוּחַאפֶּען אַ לֶעק,
אִיז זִי גֶעקוּמֶען, גֶעהט זִי שׁוֹין נִיט אַוֶּועק.
טְרַייבְּט מֶען זִי אַוֶּועק, קוּמְט זִי גֶעשְׁווִינְד ווִידֶער,
קוּמְט מִיט אַ זוּוְשֶׁען אוּן מִיט אַ גֶערִידֶער.
זוּוְשֶׁעט, זוּוְשֶׁעט פוּלֶע אוֹיעֶרֶען אוּנז אָן,
מִיר מוּזֶען פוּן אִיהר לַיידֶען, וָואס זָאל מֶען טָאן.

הַבָּשָׂר חָצִיר וְכָל חַסְדּוֹ כְּצִיץ הַשָּׂדֶה: יָבֵשׁ חָצִיר

וואו מֶען עֶסט און טְרִינְקְט, דָארְטֶען איז דִי פְּלִיג דָא,
וואו מֶען לֶערֶענְט איז אִיהר פוּס אָבֶער נִיטָא.
וָואס הָאט זִי בֶּאֱמֶת צוּטָאן אִין דֶעם אָרְט,
וָואס מֶען קֶען נִיט חַאפֶּען קַיין שִׁירַיִים דָארְט.
נָאר דָאס פְּרֶעסֶען פַאלְט דֶער פְּלִיג בָּאקִים אַרוֹים,
סוֹף זוּמֶער גֵעהט דֶער זְלִידְנֶע דִי נְשָׁמָה אוֹים.
זִי נֶעהמְט דָאס רוֹב אַיין אַ מִיתָה מְשׁוּנָה גָאר,
וֶוערד פַארְדַארְט וִוי גְרָאז און דֶערלֶעבְּט נִישְׁט קַיין יָאהר. (קנ:)
פוּנְקְט פַארְקֶעהרט פוּן דִי יִשְׂרָאֵל דֶערמִיט,
וָואס אֵייבִּיג הָאט עֶר אַ קִיוּם און שְׁטַארְבְּט נִיט,
דוּרךְ דֶער תּוֹרָה, וָואס עֶר לֶערֶענְט אַלֶע צַייט,
און דוּרךְ דֶעם נוּטְצֶען פוּן אִיהם צוּ אַלֶע לַייט.
לֶערֶענְט יִשְׂרָאֵל, אִיז עֶר שְׁטַארְק דַארִיבֶּער,
הֶערט נִישְׁט און קוּמְט דִי אַלֶע מִיקֶען אִיבֶּער.
וֶוערֶען אָבֶּער יַעֲקֹב׳ס גֶעצֶעלטֶען אַ שֵׁיינְק,
מֶען עֶסט, טְרִינְקְט און לֶערְנֶען לֶערֶענְט מֶען אַ קְרֵיינְק,
אָדֶער יִשְׂרָאֵל טְהוּט נָאךְ און מַאכְט בֶּעלֶע,
פַארְבֶּעט צוּ זִיךְ טֶענְצֶער מִיט דֶער קַאפֶּעלֶע,
גִיט מִיטָאגֶען דִי מָאדֶע יוֹצֵא צוּזַיין,
דֶענְסְמָאל קוּמְט אִי דִי פְּלִיג אִין זַיין הוֹיז אַרַיין.
וַוייל וִוי דִי גֶעסט אוֹיךְ אָפְּלֶעקֶען אַ בֵּיינְדֶעל,
זִי טַאנְצְט און ווּזְשֶׁעט, ווּזְשֶׁעט מִיט אַ חֵנְדִיל.
מִיט אִיהר קוּמֶען אַהִין אִיז זִי מְרַמֵז קְלִיג,
אַז אִין דֶעם אוֹפֶן אִיז יִשְׂרָאֵל אַ פְּלִיג.

נָבֵל צִיץ וּדְבַר אֱלֹהֵינוּ יָקוּם לְעוֹלָם: בּוֹרֵא נִיב שְׂפָתָיִם שָׁלוֹם שָׁלוֹם לָרָחוֹק וְלַקָּרוֹב אָמַר יְיָ וּרְפָאתִיו:

דורך בֶּעלֶע קֶען עֶר קֵיין קִיום נִישט הָאבֶּען,
זַיינֶע טֶענְצֶער וֶועלֶען אִיהם נָאךְ בֶּעגְרָאבֶּען.
זֵיי עֶסֶען זַיין מִיטָאג און הָאבֶּען דִי גַאל,
יִשְׂרָאלִיק, אַזוי שְׁפָּאטֶען זֵיי, כַּאכְט אַ בַאל.
וֶוען יִשְׂרָאֵל גִיט מִיט תּוֹרָה זִיךְ נִישְׁט אָפּ,
פַּאלְט עֶר שְׁרֶעקְלִיךְ פון זַיין מַדְרֵגָה אַרָאפּ.
דִי פְּלִיג וָואס קוּמְט אויף זַיינֶע בֶּעלֶע צוּ גַאסְט,
זוּוְשֶׁעט דָארְטֶען און זָאגְט אַזֶעלְכֶם וָואס עֶס פַּאסְט:
„אַ קוֹל זָאגְט, זַיי מוֹדִיעַ, רוּף און שְׁרַיי,
און וָואס אוּיסְצוּשְׁרַייעֶן זָאגט עֶס דֶערבַּיי.
ווִי גְרָאז אִיז אַלְסְדִינְג, וָואס אִיז פְלֵייש און בְּלוּט,
ווִי בְּלוּמֶען פון פֶעלד זַיין גְנָאד, וָואס עֶר מִיהוּט.
גְרָאז וֶוערְד פַארְדַארְט און בְּלוּמֶען פוילֶען גָאר,
אָבֶּער גָאטֶס וָוארט בְּלַייבּט אויף אֵייבִּיגֶע יָאהר". קנג)
אַרַיינְקוּמֶענְדִיג זוּוְשֶׁעט זִי און גְרִיסְט דָארט:
„עֶס וֶוערד בֶּעשַׁאפֶען פון דִי לִיפֶּען אַ וָוארְט,
שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם, גָאט זָאגט פְּרִידֶען, פְּרִידֶען,
אִי צוּם וַוייטֶען אִי צוּם נָאהֶענְטֶען אִידֶען,
אַ, אִיךְ וֶועל אִיהם אוּיסְהֵיילֶען גֶערֶען,
נִישְׁקָשֶׁה, עֶר וֶוערד בֶּעסֶער וֶוערֶען".

צפורת כרמים אומרת. אשא עיני אל ההרים מאין
יבא עזרי:

נמלה אומרת. לך אל נמלה עצל ראה דרכיה
וחכם: הנמלים עם לא עז ויכינו בקיץ לחמם:
נותן לחם לכל בשר כי לעולם חסדו:

צפורת כרמים. צווישען די היישרעקען איז דא איינע,
וואס זי הייסט „וויינהאהנעלע" די שיינע,
ווייל זי האלט הויך אין וויינגערטנער זיך אויף,
זי פארבייסט דעם קאפ אי די הענד ארויף.
גלייך ווי זי דאוונט, בעט גאט אלע צייט,
די דאווענערין הייסט זי דריבער ביי לייט. קד)
און ווייל זי איז דא אויף הויכע ערטער,
דריבער זאגט די דאווענערין די ווערטער:
„איך הייב מיינע אויגען צו די בערג אפיר,
פון וואנען די הילף מיינע קומט צו מיר".

נמלה, די מורעשקע, וואס איז א קליין בעשעפניש,
הארעוועט און גרייט זיך אן איהר בעדערפניש.
ווי קליין זי איז, ארבייט זי מעשים דאך,
און טראגט אויף זיך פון פרנסה דעם יאך.
זי איז מיט איהר ארבייטען און איהר טאן,
דעם מענשען א מוסר פון אייביג אן. קה)
זי זאגט: „פוילער, דו ביסט פויל אי אפהענגיג,
דער מורעשקעס גאנג זעה און זיי פארשטענדיג.

חֲלִידָה אוֹמֶרֶת. כֹּל הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל יָהּ הַלְלוּיָהּ:
צִיָּה אוֹמֶרֶת. אוֹר זָרֻעַ לַצַּדִּיק וּלְיִשְׁרֵי לֵב שִׂמְחָה:

די מורעשקעס זענען נישט קיין שטארקע לייט
און גרייטען דאך זייער ברויט אין זומער-צייט.
גאט גיט ברויט צו אלע בעשעפעניש גאר,
ווייל זיין חסד איז אויף אייביגע יאהר.
חולדה, וואס, דאכט זיך, מאכט דאס גאנצע וויזעלע אוים,
און וואס קומט פון אזא שלאק דער וועלט ארוים.
ביי-טאג ליגט עס פארבארגען טיף אין דער ערד,
אזוי ווי א מערדער, וואס לעבט מיט זיין שווערד,
ביי-נאכט קריכט עס ארוים און טהוט אהן צרות,
הרגעט און שלאגט מיט די היהנער כפרות.
און נאך אזא גרויסע רציחה וואס א גזלן,
מאכט עס צו זיך אין דער נארע פליטה באלד: קס)
נאר אז מען בעטראכט אבער בעסער אלסדינג,
מאכט מען דאס וויזעל ניט אוועק אזוי גרינג.
אי ער, וואס ליגט אין דער ערד טיף ניין איילען,
לעבט אין דער וועלט גאטס כבוד צודערצעהלען.
אין א מינדסט בעשעפניש איז דא גאטס וואונדער,
און עס פאסט צום רימעל איטליכם בעזונדער.
דאס וויזעל זאגט אויך שירה, מאכי יא:
„איטליכע נשמה לויבט גאט הללויה".
ציה, דער מארדער איז איינער פון די גרויסע שלעק, קס)
ער טהוט די עופות צרות אן גאר א שרעק.

חָתוּל אוֹמֵר. אֶרְדּוֹף אוֹיְבַי וְאַשִּׂיגֵם וְלֹא אָשׁוּב עַד כַּלּוֹתָם. אִם תַּגְבִּיהַּ כַּנֶּשֶׁר וְאִם בֵּין כּוֹכָבִים שִׂים קִנֶּךָ מִשָּׁם אוֹרִידְךָ נְאֻם יְיָ:

עֶר קְלֶעטֶערט אוֹיף דִי בֵּיימֶער גָאר אַ ווִינְדֶער,
פַארצוּקְט דָארט פֵייגֶעל מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער.
עֶר גֶעפִינְט דָאס הֵייזֶעל פוּנֶ'ם ווָארָאבֵיי אוֹיף
אוּן דִי נֶעסט פוּנֶ'ם שְׁווֶעלְבֶּעלֶע אִין דֶער הוֹיף.
דֶערְשְׁמֶעקְט דִי פֵייגֶעלֶעךְ מִיטֶ'ן חוּשׁ הָרֵיחַ,
אוּן מַאכְט פוּן זֵיי דָארְט אַ מִזְבֵּחַ. (קנח)
שְׁרֶעקְלִיךְ אִיז אָבֶער זַיין רְצִיחָה, זַיין מַאכְט,
נָאר אִין דֶער פִינְסְטֶער, נָאר בְּשַׁעַת שְׁטָאק-נַאכְט.
הֵייבְּט אָבֶער אָן צוּשֶׁערֵייעֶן אוֹיף טָאג,
אַנְטְלוֹיפְט אִין דֶער נָארֶע גֶעשְׁווִינְד דִי פְּלָאג.
דִי עוֹפוֹת ווֶערד לִיכְטִיג, גוּט אוֹיפֶ'ן הָאָרֶץ
ווֶענֶען גֶעזִיכֶערט פוּן ווֵיעהטִיג, פוּן שְׁמַארְץ.
דֶער מַארְדֶער, ווָאס לִיגְט בֵּיי-טָאג אִין אַ פִינְסְטֶער אָרְט,
עֶר זָאגְט, ווִי אַלֶע מֶערְדֶער זָאגֶען, אַזאַ ווָארְט:
„לִיכְט שַׁיינְט אוּן גֵעהט צוּ דֶעם צַדִיק אוֹיף,
גוּטְהֶערְצִיגֶע פְרֵייעֶן זִיךְ דַארוֹיף".

חָתוּל. דִי קַאץ פַארְדִינְט בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּב אִיהר שְׁפֵּייז,
זִי חַאפְּט אוּן פַארְטִילִיגְט דָארְטֶען דִי מַייז.
קוּמְט נָאר פוּן זַיין נָארֶע אַ מַייזֶעל אַרוֹיס,
דְרֵעהט עֶס זִיךְ פוּן דֶער קַאצֶ'ס לַאפֶּעס נִיט אוֹיס.

עַכְבָּר אוֹמֵר. אֲרוֹמִמְךָ יְיָ כִּי דִלִּיתָנִי וְלֹא שִׂמַּחְתָּ אֹיְבַי לִי: (נ״א) וְאַתָּה צַדִּיק עַל כָּל הַבָּא עָלַי כִּי אֱמֶת עָשִׂיתָ וַאֲנִי הִרְשָׁעְתִּי:

דִי קַאץ צוּוָאגְט זִיךְ און שְׁפְּרִינְגְט גֶעשְׁווִינְד בַּארוּיף,
שְׁפִּילְט זִיךְ דֶערְמִיט אָן און פְּרֶעסְט עָס דֶערְנָאךְ אוֹיף.
דִי קַאטְץ הָאט אָבֶּער אַ קִישְׁקֶע אָהן אַ דֶעק,
פוּן עוֹפוֹת גְלוּסְט זִיךְ אִיהר אוֹיךְ חַאפֶּען אַ לֶעק.
זִי דְרַאפֶּעט זִיךְ אוֹיף בֵּיימֶער, אוֹיף גְלַייכֶע וֶוענְד
און דֶערטַאפְּט דִי פֵייגֶעלִיךְ אִין אִיהרֶע הֶענְד.
אַ קַאטָאוֶועס עָפִּים וָואס דִי קַאץ פַארְפִירְט,
זִי אִיז אַ נַאשֶׁערִין, אַ פַייעֶר, אַ שְׁפִּירְט.
זִי זָאגְט: „אִיךְ יָאג מַיינֶע פַיינְד, חַאפּ זֵיי אוֹיפֶּ׳ן פְּלֶעק,
קֶעהר מִיךְ נִיט אוּם בִּיז אִיךְ דֶערגֵעה זֵיי דֶעם עֶק.
מֶעגְסְט דִיר זִיךְ דֶערְהֵייבֶּען ווִי אַיין אָדְלֶער הוֹיךְ,
און צְווִישֶׁען דִי שְׁטֶערֶען דַיין נֶעסְט מַאכֶען אוֹיךְ,
אִיךְ וֶועל דִיךְ, אוֹיף מַיין וָוארְט,
אַרָאפּנֶעהמֶען פוּן דָארְט״.

עַכְבָּר. וֶוען דֶער מוֹיז גֶערָאט אַ מָאל און דְרֵעהט
זִיךְ אוֹיס,

און גֵעהט בְּשָׁלוֹם פוּן דֶער סַכָּנָה אַרוֹיס,
בֶּענְשְׁט זִי אִין אִיהר נָארֶע גוֹמֵל מִיט אַ פְרֵייד,
זָאגְט שִׁירָה און לוֹיבְּט גָאט מִיט אַזֶעלְכֶע רֵייד:
„גָאט, אִיךְ ווִיל מִיט לוֹיבּ דִיךְ דֶערְהֵייבֶּען,
ווַייל דוּ הָאסְט מִיךְ אַרוֹיסְגֶעהֵייבֶּען,

בְּהֵמָה דַקָּה טְהוֹרָה אוֹמֶרֶת. מִי כָמֹכָה בָּאֵלִים יְיָ

און מַיינֶע בֵּייזֶע פַּיינְט,
אוֹיף מִיר נִישְׁט דֶערפְרֵעהט הַיינְט״.

הָאט אָבֶער דִי קַאטץ זִי אַ חַאפּ גֶעגֶעבֶּען,
און זִי גֶעזֶעגֶענְט זִיךְ שׁוֹין מִיט דֶעם לֶעבֶּען,
דֶענְסְמָאל זָאגְט זִי וִודוּי, נִישׁט לַאנְג גֶעטְרַאכְט,
אוֹיף אַלֶע שָׁאדֶענְס, וָואס זִי הָאט גֶעמַאכְט:
„דוּ בִּיסט גֶערֶעכט פַאר אַלץ, וָואס אוֹיף מִיר קוּמט אָן,
דוּ טְהוּסט אֱמֶת, אִיךְ אָבֶער הָאבּ שְׁלֶעכְטְס גֶעטָאהן״.

בְּהֵמָה דַקָּה טְהוֹרָה. דִי קְלֵיינֶע רֵיינֶע בְּהֵמוֹת
אִין יֶעדֶען אָרט
זֶענֶען שָׁאף און צִיגֶען פוּן אִיטְלִיכֶען סָארְט.
בֶּעקַאנְט זֶענֶען דִי צִיגֶען שׁוֹין פוּן גַאנְץ לַאנְג,
מִיט זֵייעֶר שְׁפְּרִינְגֶען און זֵייעֶר שְׁטָאלְצֶען גַאנְג,
אִין דֶער מְשֶׁערֶעדֶע לוֹיפֶען פָארוֹיס צִיגֶען,
זֵיי אָנְצוּקוּקֶען דָארט אִיז אַ פַארגְנִיגֶען.
צְווִישֶׁען דִי גִבּוֹרִים, וָואס גֵעהֶען אָהן שְׁרֶעק,
און זֵייעֶר בִּטָחוֹן וַוארְפְט זֵיי נִישְׁט אַוֶועק,
צְווִישֶׁען זֵיי וֶוערד, אִין הֵיילִיגֶען פָּסוּק דָארט,
אוֹיף דֶעם צִיגֶענְבָּאק אָפְּגֶעגֶעבֶּען אַיין אָרט. (קט)
דָנִיאֵל הָאט צוּם צִיגֶענְבָּאק פַארגְלִיכֶען,
דִי שְׁטַארְקֶע אוּמָה יָוָן אָדֶער גְרִיכֶען. (קס)
אַזוֹי אִיז דֶער שְׁטֵייגֶער אוֹיךְ פוּן זַיין בְּרִידֶער,
פוּן זַיין קָרוֹב דֶעם בַּארַאן אָדֶער ווִידֶער.

מִי כָּמֹכָה נֶאְדָּר בַּקֹּדֶשׁ נוֹרָא תְהִלּוֹת עֹשֵׂה פֶלֶא:

ער ווייזט דעסגלייכען זיין גרויס שטאלצקייט ארויס,
פיהרט די טשערעדע בעהארצט און לויפט פאראויס.
אי זיין נאמען טראגען, ווי מיר ווייסען קלאהר,
א סך מלכי מזרח פון אייביגע יאהר. קסא)
נאר חוץ דעם איז זייער וואל אי זייער פעל
וואונדער-שיין אי זעהר ניטצליך אין אלע פעל.
אומטום אין דער וועלט מאכען זיך דערפון לייט
שיינע און טהייערע קליידער אלע צייט.
די ציגען האבען געהאט די זכיה גאר,
געבען צום משכן זייערע פעל און האר.
דער היילגער גאט, וואס טהוט גרויסע וואונדער,
וואס זיינס איז איטליכס בעשעפניש בעזונדער,
וואס איז האר אומטום אין ים אי אויפ'ן לאנד,
און איהם געהערען אלע חיות מיטאנאנד,
ער האט פון די אלע חיות אין דער וועלט,
די ריינע בהמה דווקא העבער געשטעלט.
וויקעלט דעם בית המקדש מיט איהר פעל איין,
און איז בעשיינט מיט הייליגקייט געטליך פיין.
די בהמה דקה לויבט גאט דערפאר מיט פרייד,
דערהייבט איהם און זאגט שירה אט מיט די רייד:
„ווער איז ווי דו, גאט, צווישען שטארקע מלכים דא,
ווי דו בעשיינט מיט הייליגקייט איז גאר ניטא.
דו, גאט, וואס דיך צולויבען איז א שרעק,
דו, וואס טהוסט וואונדערליכקייט אהן איין עק.

בְּהֵמָה גַּסָּה טְהוֹרָה אוֹמֶרֶת. הַרְנִינוּ לֵאלֹהִים עוּזֵנוּ הָרִיעוּ לֵאלֹהֵי יַעֲקֹב:

בְּהֵמָה גַּסָּה (דקה נ״א) טְמֵאָה אוֹמֶרֶת. יְגִיעַ כַּפֶּיךָ

בְּהֵמָה גַסָה טְהוֹרָה. צְווִישֶׁען דִי מִינֵי גְרוֹיסֶע אוּן רֵיינֶע פִיה

װֶענֶען דָא אַי אַזעלְכֶע אָקְסֶען אוּן קִיה,
וָואס װֶענֶען מְשׁוּנֶה ווִילְד, זֶעהר גֶעזוּנד אַי שְׁטַארְק,
מִיט גְרוֹיסֶע הֶערְנֶער אוּן אַ גֶעזוּנטֶען קַארק.
דֶער בוּפְלַאקס אַ שְׁטֵייגֶער קֶען מִיט זַיין כֹּחַ
אֲפִילוּ דֶעם לֶעמְפֶּערט פְּלֶעטֶען דֶעם מוֹחַ. קנב)
הַיינְט דֶער אוּיעֶרַאקְס עֶפִּיס אַקַאטַאװֶעס,
מֶען צִיטֶערט פַאר אִיהם פָּשׁוּט אֵימוֹת מָוֶת.
דִי אַלֶע װֶענֶען דוֹרֵם מִיט דֶעם הָארֶען,
אוּן בְּרִילֶען ווִי אַ לֵייב בְּשַׁעַת דֶעם צָארֶען,
זֵיי גְרָאבֶּען פַאר כַּעַס אוּנטֶער זִיךְ דִי עֶרד,
אַ פַּחַד פַאלט אוֹיפֶ׳ן יֶעגֶער אוּן זַיין פֶערד.
זֵיי שְׁרֵייעֶן, רֶעוֶוען אוּן בְּרוּמֶען גָאר אַ שְׁרֶעק,
אוּן שָׁאקְלֶען נָאךְ דֶערצוּ פְּחָדִים מִיט דֶעם עֶק. קנג)
דִי דָאזִיגֶע שְׁטַארְקֶע בְּהֵמוֹת אַלֶערְלֵיי,
רֶעוֶוען אוּן זָאגֶען שִׁירָה מִיט אַ גֶעשְׁרֵיי:
„צוּ גָאט אוּנזֶער שְׁטַארְקַייט שְׁרַייעֶט אוֹיף אַ קוֹל,
צוּ גָאט פוּן יַעֲקֹב שָׁאלט. אַלֶע מִיט אַ מָאל״.

בְּהֵמָה גַסָה טְמֵאָה. פוּן דִי גְרוֹיסֶע אוּמְרֵיינֶע פִיה אִיז דָא פִיל,

וָואס זֵיי דִינֶען דֶעם מֶענְשֶׁען גֶעטְרֵייא שָׁא שְׁטִיל,

כִּי תֹאכֵל אַשְׁרֶיךָ וְטוֹב לָךְ:

צְבִי אוֹמֵר. וַאֲנִי אָשִׁיר עֻזֶּךָ וַאֲרַנֵּן לַבֹּקֶר חַסְדֶּךָ כִּי
הָיִיתָ מִשְׂגָּב לִי וּמָנוֹס בְּיוֹם צַר לִי:

ארבייטען איהם אומטום כל עבודות פרך,
טהוען מלאכות אהן א שיעור, אהן איין ערך.
זיי ארבייטען, נישט צו ריידען קיין קרום ווארט,
מען מעג זיי שמייסען, טויטען אויפ'ן ארט,
זיי אליין מעגען זיך אי גאר טרפה זיין,
נאר זייער שפייז פארדינען זיי כשר פיין.
זיי געהען ניט ארום ליידיג, פוסט-און-פאס,
און שפאצירען ניט גלאט אזוי אויף דער גאס.
די ארבייט-בהמות, אונזערע טרייע קנעכט,
זיי זאגען זייער שירה טאקי מיט רעכט:
„דערנעהרסט דו זיך פון דעם וואס דיין האנד טהוט,
אז וואויל דיר דענסמאל, אז וואויל דיר און גוט".

צבי. ווען גאט זאל דעם הירש קיין גוטע פיס געבען,
וואלט ער ניט זיכער געוועזן מיט דעם לעבען,
ווייל אויף איהם זענען א סך בעלנים דא,
קיין געשמאקערס פון זיין פלייש כמעט ניטא.
נאר קוים דערזעהט ער דעם פיינד פון דערווייטענס,
הייבט ער אויף די פיס און אנטלויפט בעצייטענס.
איידער נאך דער יעגער נעהמט זיך צו דער פייל,
איז שוין דער הירש העט ווייט אנטלויפען דערווייל.

שׁוֹר אוֹמֵר. אָשִׁירָה לַיְיָ כִּי גָאֹה גָּאָה סוּס וְרֹכְבוֹ רָמָה בַיָּם:

איהם צודעריאגען איז נישט אין שטאנד קיינער,
דער הירש נישקשה היט זיך גוט דיביינער.
אין אווענט פאסעט ער זיך אויף די פעלדער,
גאנץ פריה אנטלויפט ער צוריק אין די וועלדער. קסד)
בענשט גומל, דאנקט דעם אייבערשטען פאר זיין גנאד,
וואס האט איהם אהין געבראכט בשלום אהן שאד.
ער זאגט: „דיין שטארקייט בעזינג איך מיט א שיר,
און איך לויב פריהמארגענס דיין חסד צו מיר,
דען מיר א בעשיטצונג ביסט דו געוועזן טרייַ,
און לאזט מיך בשעת א נויט אנטלויפען פריי";

שור. צווישען די שטאלצע, וואס זענען אויף דער וועלט,
האבען די חכמים אויך דעם אקס געשטעלט.
ער פארנעהמט צווישען די בהמות אזא ארט,
אזוי ווי דער לייב צווישען די חיות דארט,
און ווי צווישען די עופות דער אדלער אויך.
די אלע דריי זענען שטאלץ און שטעהען הויך,
זיי שטעהען אלע דריי צוגלייך אין גאנץ שטול,
און פאר גאט האט דארטען זייער שטאלץ א גבול. קסה)
אונזער אקס דער שטאלצער און דער געזונטער,
לייגט זיך דעם אלמעכטיגען גאט ארונטער.
ער געהט מריקענדיג מיט זיין שירה ארויס,
און שרייעט אויף דער געמבע גאנץ גרויסקייט אויס:

סוּס אוֹמֵר. הִנֵּה כְעֵינֵי עֲבָדִים אֶל יַד אֲדוֹנֵיהֶם כְּעֵינֵי שִׁפְחָה אֶל יַד גְּבִרְתָּהּ כֵּן עֵינֵינוּ אֶל יְיָ אֱלֹהֵינוּ עַד שֶׁיְּחָנֵּנוּ:

„איך זינג צו גאט דעם גרויסען-גרויסען הער,
פון פארנעהמסטע דער פארנעהמסטער איז ער,
העכער פון אלע ווייטער און ווייטער,
שליידערט אין ים דעם פערד און זיין רייטער":

סוס. דאס פערד איז דעם מענשענס דינער א טרייער,
ער פאלגט איהם אי אין וואסער אי אין פייער
ער טהוט איהם מלאכות אין שטוב אי אויפ'ן פעלד,
געהט אין דער מלחמה ווי א שטארקער העלד.
ער דינט זיין האר טריי ווי דער געטרייסטער קנעכט,
אפילו ווען ער בעהאנדעלט איהם גאר שלעכט.
ער ארבייט, שלעפט משא און איז גאר ניט פויל,
הונגערט, ביז דער האר גיט איהם עפּיס אין מויל,
ווארט, ביז ער לאזט איהם עטמען אביסעל פריי,
כדי צושלעפען משא ווידער אויף דאס ניי. (קטו
הלוואי וואלטען אזוי גאט געדינט אויך לייט,
היטען און טאן זיינע געבאט אלע צייט,
נישט מורמעלען, נישט זינדיגען און גרייזען,
נאר ווארטען ביז גאט וועט זיין חסד ווייזען.
דאס פערד וואס טהוט זיין האר אזוי פיל איבער,
זאגט די דאזיגע שירה זיינע דריבער:
„אזוי ווי קנעכט קוקען און גארען
צו דער האנד פון זייערע הארען,

חמור אומר. לך יי הגדלה והגבורה והתפארת והנצח והחוד כי כל בשמים ובארץ לך יי הממלכה והמתנשא לכל לראש:

ווי פון א דינסט די אויגען איהרע
צו דער האנד פון איהר מאדאם די גבירה,
קוקען אונזערע אויגען צו אונזער האר,
ביז ער דערבארעמט זיך אויף אונז דערפאר.

חמור. יענער אייזעל, וואס דארטען אין מזרח-זייט,
איז שטארקער אי שענער אי חשוב ביי לייט.
פיל מעהר פונים אייזעל וואס אין אונזער קאנט,
און איז דארט נאך פריהער פונים פערד בעקאנט. קסז)
אויף איהם רייטען אונזערע אבות א מאל,
און בעזיטצען מחנות אייזלען אהן א צאהל;
כפי די הבטחה פון אייביגע יאהרען,
קומט משיח אויף איין אייזעל צופאהרען. קסח)
א סך געלד פלעגט פאר איהם בעצאהלע[ן] זיין הער.
פונים בעסטען און טהייערסטען פערד נאך מעהר. קסט)
האבען פערד איהם דערזעהן אין דער מלחמה,
איז פאר פחד פון זיי ארוים די נשמה. קע)
די אומות העולם, א שאנדע, א שפאט,
האבען צום אייזעל געדינט ווי צו א גאט.
צו איהם זיך געבוקט מיט פיל זאבאבאנעם,
און צו איהם אויך מקריב געוועזן קרבנות. קעא)

פֶּרֶק אוֹמֶר. יוֹדוּךָ יְיָ כָּל מַלְכֵי אָרֶץ.

נָאר דֶער אֵייזֶעל וַוארפט פוּן זִיךְ דִי שוּלד אַרָאפּ,
אוּן זָאגט פוּן לַייטִישֶע נַארֶעשְׁקַייט זִיךְ אָפּ.
„דָאס גְרוֹיסקַייט אִי שְׁטַארקַייט, זָאגט עֶר אִין זַיין שִׁיר,
דָאס שֵׁיינְקַייט אוּן נִצָחוֹן גֶעהער גָאט צוּ דִיר.
אַלְסדִינְג אִין הִימֶעל אוּן אוֹיף דֶער עֶרד צוּגְלַייךְ,
דַיינְס אִיז אִי דֶער קִינִיג אִי דָאס קִינִיגְרַייךְ".

פֶּרֶק. דֶער מוֹילאֵייזֶעל אִיז אִין דֶער וֶועלט אַ פַּארנֶעהם,
אוּן הָאט פַאר זַיינֶע מַעֲלוֹת אַ גְרוֹיסֶען שֵׁם.
אוֹיף אִיהם פְּלֶעגֶען דִי גְרוֹיסֶע שְׂרָרוֹת רַייטֶען,
וִוי לְמָשָׁל אוּנזֶערֶע מְלָכִים פַארְצַייטֶען.
בְּשַׁעַת מֶען הָאט גֶעזַאלְבְּט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ,
אִיז עֶר דֶענסמָאל אוֹיף אִיהם גֶערִיטֶען פְרֵעהלִיךְ. קעב)
אִין פָּרַס פְּלֶעגֶען אוֹיף אִיהם גָאר וִוי אַ ווִינד,
דֶעם קֵיינִיגס פֶּעלְדְיֶעגֶערְס לוֹיפֶען גֶעשְׁווִינד,
אוּן אוּמְטוּם פַאנַאנְדֶערְטְרָאגֶען אוֹיף דֶער שְׁטֶעל,
דֶעם קֵיסָרִ׳ס אוּקַאזֶען אוּן זַיינֶע בֶּעפֶעל.
פוּן שׁוּשָׁן לוֹיפֶען אַרוֹיס דִי אַחַשְׁתְּרָנִים,
בְּשַׁעַת דֶעם נֵס פוּן פּוּרִים פַאר כַּמָּה שָׁנִים. קעג)
הַכְּלָל, אוּנזֶער מוֹילאֵייזֶעל אִיז זֵעהר גֶעאַכְט,
עֶר הָאט אִי בַּיי מְלָכִים זִיךְ אַ שֵׁם גֶעמַאכְט.
דְרוּם זָאגט עֶר דִי שִׁירָה, וָואס אִיהם אִיז גֶעשְׁטֶעלְט,
„עֶס לוֹיבֶּען דִיךְ אַלֶע מְלָכִים פוּן דֶער וֶועלְט".

גָּמָל אוֹמֵר. יְיָ מִמָּרוֹם יִשְׁאָג וּמִמְּעוֹן קָדְשׁוֹ יִתֵּן קוֹלוֹ
שָׁאוֹג יִשְׁאַג עַל נָוֵהוּ!

פִּיל אוֹמֵר. מַה גָּדְלוּ מַעֲשֶׂיךָ יְיָ מְאֹד עָמְקוּ מַחְשְׁבוֹתֶיךָ:

גָמָל. אִין דֶער מִדְבָּר, וָואס שְׁרֶעקְלִיךְ וִויסט אוּן טְרוּקֶען,
דָארְט פָארט דֶער עוֹלָם אוֹיף דֶעם קֶעמֶעלְס רוּקֶען,
מֶען לָאזט זִיךְ אוֹיף אִיהם אִין דִי מִדְבָּרִיוֹת טִיף,
אַזוֹי וִוי אִין דֶעם יַם אוֹיף אַ הַאנְדֶעלְס-שִׁיף. קעד)
פָארֶענְדִיג אוֹיפְ'ן קֶעמֶעל שְׁרַייט מֶען אוּן זִינְגט,
עֶר הָאט וֶעהר הֲנָאָה אַז מֶען פַּייפְט אוּן קְלִינְגט. קעה)
דָאס קֶעמֶעל אַלֵיין שְׁוַויינְט אַ מָאל אוֹיךְ נִיט שְׁטִיל,
אוּן בַּאסֶעוֶועט צוּ מִיט אַ שְׁרֶעקְלִיךְ גֶעבְּרִיל.
בִּפְרַט נָאךְ דֶעמְסְמָאל אִין דֶער פְּרוּכְטְפֶערוּנְגְס-צַייט,
וֶוערְד עֶס פָּשׁוּט מְשׁוּגָע, בְּרִילְט שְׁרֶעקְלִיךְ אוּן שְׁרַייט.
עֶר שְׁרַייט אוֹיף זַיין וואוֹינוּנג אִין דֶער מִדְבָּר דָארְט,
אוּן מֶען הֶערְט אִיהם שְׁרַייעֶנְדִיג אִין אִיטְלִיכְס אָרְט. קעו)
פוּנֶ'ם הַאלְז קְרִיכְט אִיהם נָאךְ דָאס בְּרִיל-הוֹיט אַרוֹיס,
וָואס וִוי אַ דוּדֶעלְזַאק זֶעהט עֶס מְשׁוּנֶה אוֹיס.
דָאס קֶעמֶעל שְׁרַייעֶנְדִיג מִיט אַ גֶעטִימֶעל,
זָאגְט שִׁירָה אַזוֹי: „גָאט שְׁרַייט פוּנֶ'ם הִימֶעל,
אוּן פוּן זַיין הֵיילִיגֶען זִיטְץ גִיט עֶר זַיין קוֹל,
שְׁרַייעט אוּן בְּרִילְט אוֹיף זַיין וואוֹינוּנג אַלֶע מָאל".

פִּיל. אַנְקוּקֶען דֶעם הֶעלְפַאנְד שְׁטֶעלְט זִיךְ דִי הָאר אוֹיף,
מֶען בֶּעדַארְף גוּט פַארַייסֶען דֶעם קָאפּ אַרוֹיף,

חַיּוֹת הַשָּׂדֶה אוֹמְרִים. בָּרוּךְ הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב:

אַזוֹי גְרוֹיס אוּן אַזוֹי מְשׁוּנֶה הוֹיךְ אִיז עֶר,
פוּן דִי אַלֶע בֶּעשֶׁעפֶנִישׁ אִין דֶער וֶועלט מֶעהר.
אִין אִיהם וֶועהט אַרוֹיס אִיטלִיכֶער בֶּעזוּנדֶער,
וִוי גְרוֹיס גָאטס מַעֲשִׂים וֶועלֶען גָאר ווּאוּנְדֶער.
וָואס טוֹיג דָא הַמְצָאוֹת אוּן צוּפִיל הֲקִירָה,
